STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10541

SHRIFTEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שריפטן

א דריי מאָנאַט בוך

פערלאג אמעריקא

ווינטער־פרילינג, 1920.

ערשיינט אין 1,050 עקזעמפלארען.
געדרוקט אין „פינסקי־מזל פרעס“.

ZEIDMAN

**Copyright, 1920
by
Farlag America**

אינהאלט:

לידער: א. בערגער, מאַקס וועבער, אַל. גוריה, ה. לייוויק, מיכל ליכט, א. לוצקי, מלך ראַוויטש, מאַני לייב, ב. לאַפּין.

בילדער: מאַקס וועבער, ש. וויטקעוויץ, ב. קאַפּמאַן.

עסייען: מאַקס וועבער, ב. קאַפּמאַן, י. טאָפּעל.

דערציילונגען: ב. גלאַזמאַן, א. מ. פוקס, ל. מילער.

איינציגע לידער: ה. לייוויק, מ. ל. האַלפּערן, ב. קאַפּמאַן, מאַטעס ל., יצחק איגנאַטאָווסקי, דוד איגנאַטאָוו.

אַרטיקלען: ש. ניגער, דר. ח. זשיטלאָווסקי.

איבערזעצונגען: אינדיאַנער געזאַנגען (אידיש — דוד איגנאַטאָוו). די מעשה מיט דעם הודהוד פויגעל און מיט דער מלכה בילקיס (אידיש — יהואש). האַנרי בערגסאָנס אַריינפיר צו מעטאַפיזיק (אידיש — וו. נאַטאַנזאָן).

נאָטיצען: י. ליכטענשטיין, י. טאָפּעל, ל. מילער, ה. לייוויק, י. שטיינבוים, אב. ליוויי.

א. בערגער

לידער

מאַקס וועבער

האָלצשניטען

לידער

צייכנונגען

עסעי

סקולפּטור

מאַלעריי

א. בערגער:

לידער.

ביים אָוונט טיי.

די געלבע אסטער־בלומען ציטערען אין וואסער־קרוג.
ווי קאלט דער אָוונט ווינט אין פענסטער וועהט, —
עס טוליעט זיך דער פויגעל הערבסטיג שטיל אין נעסט,
דער הימעל פארבט און הילט זיך קופּער־רויט.

דער פרישער טיי אין דין־געבלומטען גלאָז
העל גליהט און שפּיגעלט זיך אין ווייניג־רויטען ליכט,
מיר טרינקען שטיל אין אָוונט־שעה פארטראכט,
און ווי דער טיי טיף רויטעלט זיך אויך דיין געזיכט...

א ראָזער ליכט־פּאס וויגט זיך אויף דער וואַנט,
און וועבט זיך לאנגזאם לייכט ארום דיין בלאָנדען קאָפּ,
און דיינע אויגען, קינדיש גוטמוטיג אזוי
דיין געמיט פארטרוימטען, קלאָרע שפּיגלען אָפּ.

א באנגער קלאנג. — דער זייגער קלינגט, און קלינגט אָפּ פינף.
מיין קאָפּ זינקט לאנגזאם ווי פארוויגט אזוי...
ווי בענש איך אָט די גוטע שטילע אָוונט שעה
די רוהיגע, מיט דיר ביים אָוונט טיי.

פלאנדערען

אָ די מעלאנכאָליע לאנד אין ווייטען פלאנדערען,
וואָס וויל עס מיר פון זינען ניט ארויס!...
דער טאָג איז שטיל,

און גאָלדיג אין מיין פענסטער בלענדט די מיטאָג־זון
און לאַנגזאַם, פּאַסענוויייז
צעהיינגט ארום א זוניגער געוועב זיך
דורכזיכטיג און דין...

ס׳שפּרינגען מיינע גאָלדפּיש אין דער זון
פון דונקעל־גרינעם טיפען וואַסער־גלאָז,
און ליבע מילדע רוהיגקייט
אין זונען־גאָלד זיך שפּרייט ארום.
נאָר אָ די מעלאַנכאָליע לאַנד אין ווייטען פלאַנדערען,
וואָס וויל עס מיר פון זינען ניט ארוים!...

דער האָדסאָן ברעג

דער האָדסאָן־ברעג אין פריהע הערבסט ווינטען פאַרוועהט,
ציטערט, שפּיגעלט זיך אין ליכטיג־גלאַטען וואַסער.
און ס׳לייכט דער הערבסט דאָרט טיף אַ גאָלדיג בלאַסער
פון די פּאַליסאַדען שלייערס גאָלדיגע געשפּרייט...

אַ שיף קומט אָן פון בלוי פאַר׳חלום׳ט זייט,
מיט פאַרביג העלע פאָנען פלאַטערענד אין לופט,
און ברענגט מיט זיך אַ מילד פאַר׳שכור׳ענדען דופט:
דעם טרוים פון לענדער טראָפּישע אין ווייטער ווייט.

און פינקלענדיג שפּרייט ווי ווייִן צעגאָסען זיך אַ ברעג פון ים,
מיט גרינע פּאַלמען אינזלען און זעגלען זילבער־בלייך,
און ס׳הייבט אקעגען זיך דאָרט זוניג אין דער הויך
אַ שטאָט, מיט גילדיגע קופּאָלען ווי אין פלאַם.

די שיף פאַרשווימט. די פאָנען פלאַטערען... און קאַלט
אַ גראָער נעבעל לאַנגזאַם אויף דער געגענד פאַלט...

מאַקס וועבער
האָלצשניטען



מאַקס וועבער:

שניי.

א נימפען לאַנד.
א ווייס נימפען לאַנד,
ריין, ריין, ריין,
ווייס, ווייס, ווייס.
א נימפען לאַנד,
א שטיל נימפען לאַנד, —
טריפענדיג, טריפענדיג, צווייפלענדיג.
פאַלענדיג
א גאַנצען טאָג, א גאַנצע נאַכט, גאַנץ נעכטען
פאַלענדיג. —
פאַלענדיג, פאַלענדיג,
פאַלענדיג ריין און ווייס.
פאַלענדיג, פאַלענדיג, פאַלענדיג,
פאַלענדיג אויף אַלע פּלאַכען, וואָס קערען זיך צום הימעל.
א נימפען לאַנד,
דיין קאָליר, דיין צודעק,
דיין ברוסט, — טויבען־ווייסע ברוסט.

אָ, נימפען לאַנד,
נימפען שטילקייט,
נימפען ליכט,
נימפען קעלט,
נימפען פאַרמען, —
ניין, ניטאָ אזא נימפע, אזוי ערעל, ריין און ווייס,
ניטאָ אזא לאַנד אזוי ווי דו,
ניטאָ אזא נימפען־וועלט ווי דו, שניי,
פאַלענדיג, פאַלענדיג...



רעגען.

טיפ, טעפ, אין ריטם.
איין טראָפּען, א מיליאָן טראָפּענס דער רעגען;
און טיפּ טעפּ מינוטען און טעג,
און טראָפּט, טראָפּט דער רעגען.
די פאַלענדיגע טראָפּען צעשפּרייטען די געפאַלענע,
און ס'פאַלען די טראָפּענס —
און ס'פאַלען די טראָפּענס, —
טייכען און ים'ען פילען זיי אָן.
„טיפּ־טעפּ" זינגען די טראָפּענס רעגען, —
„טיק־טאק" רעדט דער זייגער, —
און דער זייגער און דער רעגען,
פילען אָן ים'ען און צייט.

האָגעל.

אויף מיין פענסטער, — טיפּ טעפּ
שאַרף, הילכענדיג,
טיפּ טיפּ, ציפּ ציפּ
דער האָגעל פאַלט,
דער האָגעל פאַלט,
און מאַכט לעבהאַפטיג דאָס בלייענע ליכט.

ווינטער קעלט —
ווינטער גרויע —
האָגעל, האָגעל, —
פאַלט, — ווינטער־מוזיק־האָגעל.
טיפּ טעפּ
אויף מיין פענסטער, —
ציפּ ציפּ,
שאַרף, הילכעדיג,
פאַלט נאָך,
האָגעל.....

ניו יאָרק.

זעקס א זייגער פרי. —
אייזערנע אָדערען הענגען.
דער איסט ריווער פליסט.
טאָג און נאכט פליסט דער איסט ריווער,
דער טייך פליסט, פליסט, פליסט.
די וואסערען קומען און גייען —
און שניידען די ערד,
דער אָדערען־בריק אין הימעל
מאכט א נעץ אין דער הויך
און פארבינדט די ברעגען ערד.
קומט דער טייך און שניידט, שניידט, שניידט

זעקס א זייגער פרי.
די זון קומט אָן און וועקט,
פינטעל אין פינטעל —
ווייט, ווייט פינטעלאך,
פינטעלאך רירען זיך —
אויפ׳ן בריק הייגגען זיי
און זיי רירען זיך, רירען זיך, רירען זיך.
שווארצע מאסען וויגען זיך, וויגען זיך, וויגען זיך.
איבער דעם בריק
די ארבייטס מענשען פאקען זיך, פאקען זיך, פאקען זיך.
פאקען זיך, פאקען זיך, פאקען זיך די ארבייטס מענשען,
צוגעבונדענערהייט צום הימעל פאקען זיך די ארבייטס מענשען,
אָבער די ארבייטס מענשען רירען זיך, רירען זיך, רירען זיך
אהין, וואו די קנוילען פון פארע און רויך פארמעקען די הייזער,
אהין, וואו די הייזער וואקסען ארויס פון די ארבייטס מענשען.
די ארבייטס מענשען גיסען זיך ווי לאווא.
איבער דעם בריק גיסען זיי זיך, גיסען זיך —
פון דער הויך קוקען די הייזער צו,
און די וואָלקענס מאכען לופט־באלאָנען פון די הייזער.

די לאַווא ארבייטסמאסע פליסט,
די הייזער אַנצופּאַקען.
די הייזער קוקען און וואַרטען,
באַלד וועלען זיי זיך אויך רירען —
אַלץ וועט זיך באַלד רירען, רירען
צו אַן אָהנ׳סוף׳יגען סוף, וועט זיך באַלד אַלץ רירען.

דער טאָג איז —
דער טאָג קערט זיך געגען נאַכט.
דער ארבייטסמאסען טאָג שטאַרבט.
די לאַווא לויפט צוריק.
די לאַווא קילט זיך אָפּ.
די לאַוואמאסען רירען זיך, רירען זיך, רירען זיך, —
די לאַווא לויפט צוריק.

זיבען א זייגער נאַכט.

די נאַכט.

די גאַסען זיינען ליידיג.
די גאַסען זיינען אומעטיג,
עס איז אינמיטען נאַכט.
פינסטער זיינען די פענסטער,
די הייזער רירען זיך ניט,
און קיין מענשען געהען ניט.
איך דערהער א שוואַכען סיגנאַל פון א וויי‏טער שיף.
די פינסטערניש ענטפערט אָפּ מיט א ווידערקול פון איבעראַל,
און אָט, — דער סיגנאַל פון נאָך א שיף,
און דאָס שוואַכע פּאַפּען פון א לאָקאָמאָטיוו,
אָבער קיין מענשען געהען ניט.
די הייזער רירען זיך ניט
און אַלע פענסטער זיינען פינסטער,
עס איז אינמיטען נאַכט.
די לבנה און די שטערען זיינען איינגעוויקעלט

אין די דיקע פלאַכען פון דער פינסטערניש,
עס איז אומעטיג.
אומעטיג.
די קאַלטע אספאַלט שטיינער ליגען
קאַלט ליגען זיי.
אָבער איך זעה זיי וואַרטענדיג
און כאָטש זיי זענען שטיין און אימער שטיין,
פיהל איך, אז זיי ווייסען צו וואַרטען אין דער נאַכט;
צו וואַרטען אין דער נאַכט
פאַר די פיס פון די געהער בייטאָג.
אָ די נאַכט איז אומעטיג.
און די לבנה און די שטערען העלפען
צו מאַכען די נאַכט אזוי אומעטיג.
קיין קלאַנג, קיין באַוועגונג,
שטיל, שטיל
שלאָפען, שלאָפען,
אָבער דער שטילער פינסטערער רוים וואַרט,
ער וואַרט און וויים, אז ער וואַרט.
אויף אַלץ וואָס שלאָפט.
און די גאַסען און די הייזער און די פאַבריקען וואַרטען.
ווי געצייג וואַרט אויף דעם ארבייטער.
די נאַכט וואַרט,
די נאַכט איז שטיל,
די נאַכט איז פינסטער.
אָבער אין דער פינסטערניש הייננט ליכט.
אין די פינסטערע רוימען פון דער נאַכט
זינגען אומענדליכע כאָרען.
מינאָרע שטימען הער איך,
אין דער צייט, וואָס אַלץ וואַרט.
מיט דער צייט, וואָס באַוועגט זיך אייביג,
זינגען באַהאַלטענע כאָרען.
שלאָף, שלאָף, שלאָף,
וואַרט, וואַרט, וואַרט.

מיין קיך.

שטענדיג נאָכ׳ן טאָג—
און אָפּט אָהן דעם
זיץ איך אין מיין קיך
מיין קיך, מיין קיך — מיין פּאַלאַץ, מיין טוי־צימער
מיט פּאָליצעס פון איינפאַכע ברעטער
ארום און ארום, ארום און ארום —
געשיר און מעפּלאך און מעטערס און גאָפּלען
אַלע אַזוינע איינפאַכע
באַקרוינט מיט זייער איינפאַכקייט.

מיין קיך זעקס ביי זעקס.
פּראָסט און אָרעם,
אָפּגעשייערט,
אָפּגענוצט פון צייט.
אָפּט איז זי געווען און איז
א פּאַלאַץ, א ווינקעל פון רוה און פרייד.

מיין קיך זעקס ביי זעקס
מיט נאָך צוויי אַנדערע צימערן —
מיין סטודיאָ און מיין שלאָפצימער
אונטער דעם אייגענעם אַלטען שינדעל דאך
אַלע דריי — ארומגעבויט מיט ווענט פון ברעטער,
און די גאַנצע הויז אויף אָט דעם באַרג
הויבט זיך העכער פון אַלע בערג ארום
מיין זומער נאַכט פרייד,
מיין זומער טאָג ארבייט,
אַלצדינג הויך אויפ׳ן באַרג איבער אַלע בערג
צווישען בוימער און שטיינער און ארומגערינגעלט מיט בערג,
זענען מיין קעניגרייך, מיין יום טוב, מיין טריאומפצוג,
מיינע טוהונגען, מיין לעבען, מיין דענקען, די הויך פון מיין
גייסט,

דורכ'ן טאָג און נאָכ'ן טאָג.
און נאָכדעם, נאָך אַלע טוהונגען
קום איך ווידער אין מיין קיך,

מיין קיך זעקס ביי זעקס,
פראָסט און אויסגעטראָטען און אָפּגענוצט.
ערגעץ וואו — ארכיטעקטורען פון אַלעבאַסטער און גראַניט
געבויט אין פּראָפּאָרציאָנען ווי דער פּאַנטהעאָן
באַקרוינט מיט קלאַסישען און אַקאַדעמישען רוים;
ערגעץ וואו, געביידען, היסטאָרישע און פּאַטריאָטישע
עמבלעמען
ערגעץ וואו — גרויסהאַלטונג, שווינדעל, ראַבע
אָבער ניט ערגעץ, נאָר מיין קיך זעקס ביי זעקס
איז מיין היים — מיין קיך.
ניט ערגעץ, נאָר מיינע טעפּ, מיין אויוועז, מיין עמער, מיין
לאָמפּ און איך.

דאָס קעניגרייך מיינס,
דאָ און נישט ערגעץ
ניט ערגעץ, נאָר דאָ
מיין קיך, מיין פּאַלאַץ, מיין היים.

פריל**ינג.**

דער שניי צוגעהט,
דאָס אייז ווערט וואַסער איצט,
פאַרפרוירענע שטילקייט,
ווינטער־נאַכט לאַנגע,
פאַרפרוירענע טרערען,
איצט צוגייען, צוגייען, צוגייען, —
אין דער זון צוגייען זיי
און אַלצדינג אָטעמט מיט פרישקייט.
שניי און אייז לויפען
די אָדערען פון דער ערד אָנצופילען.

עס איז זייער לעבען דאָ,
היינטיגען נייסטען טאָג,
היינטיגען פרישסטען טאָג, —
פרילינג.

די זון איז ווארמער
די זון איז רייכער,

די ערד וואַרט;
יעדער טאָג, יעדער שעה,
לויפט דער ווינטער פון זומער, —
די ערד וואַכט
צו טרינקען, צו אַטעמען, צו לעבען, —
פרילינג.

ליבע.

מיין גייסט שפּילט,
מיין נשמה זינגט,
מיין הארץ בענשט,
וואָרים זי קומט,
זי קומט,
זי קומט צו מיר.

מיינע אויגען זענען געווען טריב,
מיין הארץ האָט וועה געטאָן,
מיין גייסט האָט געביינקט,
ביז וואַנען זי איז געקומען,
זי איז געקומען,
ביז וואַנען זי איז געקומען צו מיר.

איך האָב געביינקט צו זעהן,
איך האָב געהונגערט צו וויסען,
איך האָב געוואַרט צו הערען,
איך האָב געוואַרט אויף מיין קרוינונג,
אויף מיין קרוינונג, אויף מיין קרוינונג
און זי האָט מיך געקרוינט.

אַט דאָ זענען מיר,
אלץ ווארט אויף אונז.
מיר געהן ביינאַנד
ביינאַנד אין ליבע, ביינאַנד
מיר געהן
ביינאַנד אין ליבע מיט געהן.

אַט דאָ געהן מיר,
ביינאַנד געהן מיר
אין ליבע, אין ליבע ביינאַנד.

איך בין פאר איר,
זי איז פאר מיר,
ליבע, ליבע, ליבע.

די נייע וועלט קומט באַלד.
די גאס איז שטיל און ליידיג,
און אומעט הייגגט אין דער לופט,
א שטומע שטימע הער איך זאָגט: —
„שטעה אויף, שטעה אויף מיין פאָלק.
די נייע וועלט קומט באלד!"

חנוכה ליכט.

ליכט פאַר דעם נס פון חנוכה האָב איך געזוכט
און האָב אנשטאט דעם אונזער אייביגען נס געפינען.

אלט, איינגעפאלען, פינסטער,
ווי אן אויסגעגראָבענע פון חורבן
איז דאָס קרעמעל פון מוכר ספרים.
אין דעם קליינעם פינסטערען פענסטער שטעהען אויס־
געשטעלט ספרים געבונדען אין אלערליי פארבען.

און ליכט פאַר חנוכה, ליכט רויטע, גרינע, געלע, בלויע.
און אלץ איז אויסגעשטעלט אנטקעגען דעם
פינסטערען ליכט פון אינווייניג.

א וואונדערליך בילד פון היינטיגער צייט,
איז דאָס קליינע פענסטער פון מוכר ספרים.
און וויפיל אלטער אידישער כבוד, גייסט און געפיהל!
אין קרעמעל שטעהט דער באַלעבאָס — אן אלטער פרומער איד
מיט א גרויער לאַנגער באָרד און פאות.
פינסטער און איינגעפאלען איז דאָס קרעמעל,
אָבער ווי א פאַנטאַסטישער פאלאַץ, הויך און צויבערדיג
איז דאָס קרעמעל,
און דער אלטער פרומער סוחר שטעהט ווי א מלך
אין זיין מלוכה,

און דאָס קרעמעל איז באלויכטען מיט א שכינה שיין.
דאָס איז א שטיק ירושלים אין דער צייט פון די נביאים זקנים.

פינסטער איז דאָס קרעמעל,
אָרים איז דאָס קרעמעל,
און דאָך איז דאָס ליכטיג ווי די זון,
הויך ווי דער הימעל
און רייך ווי די וועלט
איז דאָס קליינע אָרימע פינסטערע קרעמעל.

ליכט פאַר דעם נס פון חנוכה האָב איך געזוכט
און האָב אָנשטאָט דעם אונזער אייביגען נס געפונען.
דאָ אין דעם קליינעם קאלטען קרעמעל — ווייט פון ציון,
דאָ וואו דער אלטער גרויער פרומער איד שטעהט,
שטעהט, ווי א צייכען, ווי אן אָפּקלאַנג פון פארגאנגענע צייטען,
שטעהט פאַר דעם גאַנצען אידישען פאָלק.
אייביג, אייביג, אייביג דאָס אידישע פאָלק!
אייביג —
אייביגער חנוכה נס צווישען אלע פעלקער פון דער וועלט.



מאַקס וועבער — ניו יאָרק



מאַקס וועבער

לייַדענשאַפט

MAX WEBER 1911

מאַקס וועבער:

זאַכען.

— רופט ניט אָן מיט נעמען זאַכען
וואָס איר זעהט.
טוט איר דאָס, פאַרלירט איר זיי.
צושטערט ניט די היימליכע נאָהענטקייט.
רופט ניט, שרעקט ניט, פאַרשוועכט ניט
די היימליכע נאָהענטקייט.

מיר ריידען וועגען זאַכען, אָבער ניט אָפט הערען מיר ווי די זאַכען ריידען צו אונז.

מיט דעם וואָרט זאַכען מיין איך ניט קיין געשעהענישען, קיין וועלט פּאָליטיק, קיין מלחמה, אפילו ניט דאָס טעאַטער שפּיל. איך מיין אַלץ וואָס האָט די דריי דימענסיעס, אַלץ וואָס ווערט געמאַכט און אויסגעאַרבייט פון מענשליכען געשמאַק און מענשליכע הענט. — גייסטיגע אינטעלעקטועלע און ניצליכע זאַכען.

לויט דעם איצטיגען צושטאַנד פון אונזער בילדונג זענען ניצליכקייט, גייסטיגקייט און אינטעלעקט אָפּגעטיילט איינס פון דאָס אַנדערע, גייסטיגע זאַכען אַלס דערקלערונגען, נייעסן וועגען ענדערונגען, מלחמות, אינטערנאַציאָנאַלע אינטריגען. איך

אָבער מיין דאָ ניצליכע זאַכען, ווי הייזער, קליידער, שפּייז, כלים, געצייג און זייערע פונקציעס.

עס איז צום באַדויערען וואָס קונסט איז אָפּגעזונדערט. קונסט איז אָפּגעצאַמט אין די סאַלאָנען און אין די מוזעאומס, און ווערט בלויז געזעהן אַ פּאָר שטונדען אין יאָר. אַ סך זעהען דאָס גאָר כמעט קיינמאָל ניט. קונסט איז אַ לוקסוס לויט דעם אָנגענומענעם באַגריף. און אויב אַ קונסטווערק איז ניט אַלט קיין הונדערטער יאָרען און ווערט ניט געשאַצט אין די טויזענדער, ווערט דאָס ניט אָנגענומען אַלס קונסט. און דאָך ווייסען מיר, אַז אַ סך אַלטע זאַכען זענען אפילו ניט שיין און דאַרפען אפילו ניט גערעכענט ווערען פאַר קונסט.

קולטור האָט זיך ביז איצט צופיעל אָפּגעגעבען מיט'ן הוילען געדאַנק און מיט'ן הוילען וואָרט. די שולען און אוניווערסיטעטען מיט זייערע פּוסטע דרכים און אָנגענומענע פאָרמאַליטעטען האָבען געשטערט דער אמת'דיגער קולטור. אַ ריכטיגע קולטור וועט ערשט קומען, ווען יעדער מענש וועט ווייסען ווי אַזוי זיך ווענדען צו די פּשוט'ע זאַכען פון לעבען. אַ טאָפּ, אַ טעלער, קליידערצייג, אַביינקעל, דער איינבאַנד פון אַ בוך, די פּוצונגען צו אַ קלייד, דאַכט זיך זעהר פּשוט'ע זאַכען, אָבער מיט זיי לעבען מיר. די אמת'דיגע קולטור וועט ערשט קומען, ווען מענשען וועלען באַרירען די פּשוט'סטע זאַכען מיט ליבע, און מיט דורכדרינגענדיגע בליקען.

ווי אַ נאָגעל, אַ שרויף איז נויטיג און איז אַ טייל פון אַ גאַנצער מאַשין, אַזוי איז יעדער פּשוט'ע זאַך אַ טייל פון דעם גאַנצען גייסטיגען, לעבעדיגען און באַוועגליכען קאָסמאָס. איך וואָלט געוועען מער צופרידען אויסצושמידען אַ זאַך אויף דער קאָוואַדלע, אָדער קענען מאַכען אַ טיש, אַ שאַפע, אָדער צייכענען דעם פּלאַן פאַר אַ פאָלקס־הויז, צי פאַר אַ טעאַטער, איידער צו געבען לעקציעס איבער דער געשיכטע פון ליטעראַטור אָדער קונסט. איך וואָלט שוין גיכער געמאַכט אַ פּוסביינקעל, איידער פאַרשווענדען מיין צייט אויף צו זוכען די אָפּשטאַמונג פון אַ גריכיש אָדער כאַלדעאיש וואָרט. איך וואָלט בעסער געשניטען דאָס וואָס איך האָב אַליין געזעהן.

ווערטער אַליין זענען גאָרניט. זיי זענען נאָר אַן אבסטראַקטער באַגריף פון זאַכען. ווערטער און ווערטערבוך זיינען נישטיג. די וואָג פון אַ זאַך איז גאָרנישט. די זאַך וואָס מיר וועגען איז אַלץ. די מאָס פון אַ

זאַך איז גאָר ניט. די זאַך וואָס מיר מעסטען איז אַלץ. עס איז אַלזאָ ניט דער אבסטראַקטער באגריף פון דער זאַך וואָס איז וויכטיג, נאָר די זאַך אַליין.

ליכט ווערט נאָך מער ווי ליכט, ווען עס באַלויכט אַ זאַך. עס זענען די זאַכען אַליין וואָס זענען וויכטיג.

די טעאָרעטישע קוואַליטעט פון זאַכען איז אַ קוואַליטעט אָהן זאַכען. געשווינדקייט, געוויכט קריגען האָפט ערשט דעמאָלט, ווען זיי זענען פאַרבינדען מיט די זאַכען. בלויז טראַכטען גערדאַנקען וועגען זאַכען וואָס וועקען צו טואונג איז שאַפען. אידעען איבער אידעען איז אַ צוועק אָהן אַ תכלית. פראָפעסיאָנעלע באַטראַכטונג איז שעדליך. עס איז אָפט ניט מער ווי אַ גייסטיגע רייצונג וועגען קאָנקרעטע זאַכען. צו טראַכטען, מיינט צו קוקען מיט די אויגען אויף די אפשפיגלונגען פון זאַכען, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען פון אונזער זכרון. צו טראַכטען, הייסט צו רעדען מיט אינעווענינגסטע בליקען.

בילדונג איז ביז איצט געווען צו אריסטאָקראַטיש. עס האָט באַשאַפען לײדיגגעהערם און פראָפעסיאָנעלע רעטאָריקער.

מאַטעריאַליזם האָט אַלץ ארויסגעשטויסען פון דעם נויטיגען באַלאַנס. האָט צעפּלאָנטערט מאָס און צאָל, און האָט פאַרווישט די ניואַנסען פון ווערטפולע זאַכען. ארבייט ווערט באַטראַכט ווי פאַרשקלאַפונג.

אָבער ליידיגגעהן מיינט דאָך צו זיין אויסער זאַכען, מיינט דאָך אויסצוהונגערען די חושים און ענגער מאַכען דעם אינטעלעקט. די נויטיגקייט פון איינשפּאַנען די חושים אויף אויפצונעמען פאַרבען און פאָרמען אין דעם טעגליכען לעבען ווערט פאַרנאַכלעסיגט.

מיר זענען אין זאַכען. איך דאַרף אַ טעלער, אָדער אַ קלייד. איז אַזויפיעל פון מיין לעבענס געברויך אין זיי. און אַזוי אויך מיט מיין באַדאַרף פון זאַכען וואָס שענקייט איז זייער נוץ. — אַ בילד אַ סטאַטוע, אַ טעפּיך, אַ האַלזבאַנד.

איך שטיי אין אַ ליידיג צימער, מען ברייננגט אריין אַ זאַך, און איך בין שוין ניט אַליין.

מיט וויסענשאַפט עקזיסטירט מען, אָדער מען ווערט צעשטערט. מיט קונסט לעבט מען און מען האָפט. דורך קונסט קאָנען מיר איינפלאַנצען די עכסטע לעבענס פאָרמען, קאָנען צוגעבען שענקייט צו זאַכען פון טעגליכען געברויך.

זאַכען וועקען אויך די חושים. דורך זאַכען פיהל איך זיך אָנגעבונ־דען אָן דער ערד. אַלצדינג לעבט, — איך לעב מיט זאַכען. זאַכען האָבען אינדיווידואַליטעט, אויסגעשפּראָכענע אייגענטימליכקייטען, קאָליר, פאַרב, פאָרם, מאָס, סובסטאַנץ, האַפּט. צו פאַרשטעהן זאַכען, הייסט צו לעבען מיט מער אינהאַלט, ראַפינירטקייט און צוועק. עס זענען דאָ זאַכען וואָס מאַכען אונזער אומגעבונג. דאָס וואָס מיר רופען געשמאַק־לאָזיגקייט, וואָלט ביסלאַכווייז פאַרשוואונדען אזוי, אַז דער שטאָף וואָלט ניט פאַרשווענדט געוואָרען אויף וואָס איז נוצלאָז און מיאוס. גוטער געשמאַק איז ניט אין איינקלאַנג מיט שלעכטען גייסט; עס שטויסט אָפּ דאָס וואָס איז מיאוס, עס וועהלט אויס די קוואַליטעט, ניט די קוואַנטיטעט.

צו האָבען גוטען געשמאַק, מיינט צו פאַרמאָגען די זון, די לבנה און די שטערען. די העכסטע קולטור ווערט געמאַכט דורך רייכקייט און גייסט און צייטיגקייט פון געשמאַק. אונזער אינטעלעקט אנטוויקעלט זיך דורך גייסטיגער אָנטאַפּונג, דורך ליבע, דורך דעם פאַרשטעהן פון די פּרינציפּען וואָס ווערען פאַרקערפּערט אין זאַכען, וואָס שאַפען קוואַלי־טעט און אויסדערוועהלטקייט. צו ליבהאָבען זאַכען, צו פאַרהערען זאַכען, מיינט צוליבהאָבען זיך אַליין. דאָס לעבען וואָלט געווען נאַקעט, אָהן שעהן און פּראָפּאָרציאָנעל פאָרמירטען שטאָף.

מיר הערען גאַנץ אָפט וועגען דער „פּראַקטישער ווענדונג פון גע־דאַנק". און — די זענען פּראַקטיש, וועמעס געדאַנקען זענען אָנגעפילט מיט קאָנטראַקטען, מאָסען, וואָגען, פּרייזען, פאַרדינסטען און מלחמה קאַרטען. צו לעבען מיט בלויז א נוצליכען טיש, מיינט צו לעבען פּונקט מיט אזוי פיעל נוצליכען האָלץ וואָס איז געמאַכט געוואָרען צו נוצען דעם צוועק פון א טיש. צוליב וואָס איז דאָס אזוי נויטיג א טיש? — די ווילדע נוצען בלויז ערד. אָבער צו האָבען א טיש וואָס איז א שענע פּראָפּאָרציע און אין דערזועלבער צייט נוצליך, מיינט צו לעבען מיט דעם גייסט פון דעם, וואָס האָט דעם טיש געמאַכט. א טיש, אָדער א הויז וואָס איז נאָר נוצליך נוצט נאָר דער חיה אין אונז, אָבער זאַכען פון פּראָפּאָרציע, ריטם, קאָליר, רופען ארויס דאָס געטליכע אין אונז. זאַכען וואָס האָבען א געלט ווערט זענען אויבענאויפיגע זאַכען, אפילו ווען דאָס זענען דימענט און בריליאַנטען. פאַרבייצוגעהן גלייכגילטיג, אָדער בלינד, פאַרביי זאַכען וואָס האָבען א קינסטלערישען ווערט דורך זייערע

פאַרמען, פּראָפּאָרציע אָדער קאָלירען, איז ווי צו זיין אין דער אמת׳ען בלינד. דאָס איז גייסטיגע בלינדקייט. חושים קאָנען זיין גייסטיג טויט, כאָטש פיזיש זענען זיי געזונט און נאָרמאַל. אויב די חושים זענען פארגליווערט, ווערט דער אינטעלעקט טעמפּ און פארבלאָז. ווען מיר זענען געפּילפּול צו ווערטפולע זאַכען, ווערען מיר דורך זיי ארויסגע־צויגען פון זיך אליין. דורך זאכען שטעלען מיר שטענדיג אויף א בעסערע פארוואַנדשאַפט צווישען זיך און די סבות וואָס ליגען אונטער די זאכען. די פשוט׳סטע זאך קאָן אין זיך פארקערפּערען דעם העכסטען גראַד פון פאָלקאָמענהייט. דער מענש איז אינסטינקטיוו א שאַפענדיגע און בויענ־דיגע באשעפעניש. דער סטודענט פון וויסענשאַפט, פון קלערערייען און טעאָריעס, וואָס פארנאַכלעסיגט צו שאַפען זאכען, פאַלט אָן אויף זיך אליין און זיין געדאַנק און ווערט דערפאַר קראַנקהאַפט, כמעט אבנאָרמאַל.

זאכען העלפען אונז שטענדיג צו געפינען גלייכגעוויכט, אידעען און סברות ווארפען אונז אריין אין א ים פון בלאָטע.

איך גלויב אָפט, אז די פאבריקען און די ווערקשטאַטען זענען די אמת׳ע אוניווערסיטעטען — און אז די אוניווערסיטעטען זענען דאָס גאָר די פאבריקען. עס איז פיל בעסער א שטאַרקע און פיהלענדיגע האַנט, א שאַרף אויג, א לעבעדיגע בארירונג, א געדאַנק וואָס שאַפט, א גייסט וואָס טוט, איידער א פארנעבעלטער, הילפלאָזער און נוצלאָזער טעאָרעטיקער. בעסער זענען די זאכען פון שענקייט און נוצליכקייט וואָס זענען געמאַכט פון מענשליכע הענט, ווי די וואַנדערענדיגע טע־אָריעס וואָס פארמאַטערען דאָס לייב און הונגערען אויס די נשמה. דער וואָס שאַצט אָפּ די פּרינציפּען פון פּראָפּאָרציע, האַרמאָני, באַ־לאַנס, סימעטרי אין פשוט׳ע זאכען און אין קונסטווערק געפינט אויס, אז די דאָזיגע אייגענשאַפטען זענען אין אים. א מענש פארשטעהט זיך נאָר דורך זאכען. די קונסטפּרינציפּען דערצעהלען דעם מענשען די פּרינציפּען פון לעבען. דער מענש האָט די פּרינציפּען אויסגעדריקט אין זאכען און פאָרמען אלס א טייל פון זיך אליין. און כאָטש דאָס זענען נאָר פלאַסטישע פּרינציפּען און זאכען, דאָך ווען דער מענש פארשטעהט זיי, ווערען זיי אין אים גייסטיג. און נאָר אזוי איז קונסט און לעבען צוזאַמענגעבונדען.

קונסט — דער פונדאַמענט פון לעבען.



מאקס וועבער סקולפטור



מאַקס וועבער — די פּערטע דעמענסיע



מאַקס וועבער — דער זיידע

ב. גלאזמאן:

געזינדיגט.

א איד איז געגאנגען ביי דער זייט פון זיין וועגעל אויפ׳ן שליאך וואָס פירט קיין דזשעקסאנוויל, וואָס אין פלאָרידא. דער שליאך איז געווען א זאמדיגער, האָבען זיך די רעדער אין אים איינגעגראָבען, און דאָס וועגעלע האָט זיך פאמעלעך באוועגט.

עס איז געווען היים. שפּעט נאָכמיטאָג, און די זון אין פולען ברען. א טאָג איז עס א ווינטערדיגער, נאָר אויף די ברוינע שטאמען פון די געלע סאָסנעס פינקעלט זיך אין דער זון דער סאָק, וואָס רינט פון זיי אין דער ווארימקייט ארויס, ווי עס טרעפט בייטאָג אין דרום. א שאָטען אָבער האָבען די בוימער אויפ׳ן וועג ניט געוואָרפען, ווייל די זון איז געווען אין מיטען הימעל. דאָס פערדעל באוועגט זיינע גלאנציגע היפטען פאייאָליע, און דעם אידענ׳ס טראכטונגען ציהען זיך שווער.

אין פאָראויס ציהט זיך דער זאמדיגער וועג קיין פלאָרידא. אויף א שיידוועג שטעהט א סלופּ, געפארבט אין פאסען, און אויפ׳ן סלופּ איז דאָ אָנגעקלאפּט א ברעטעל. אויף דעם זיינען אויסגעמאָלט צוויי הענט פארמאכטע, מיט׳ן טייט־פינגער אָפען אין יעדער ריכטונג. איינע צייגט אָן אין דער ריכטונג, אין וועלכער זיין וועגעל שלעפּט זיך, און די אנדערע אין דער אנטקעגענגעזעצטער, קיין דזשאָרדזשיא.

צפון־צו ציהט זיך דזשאָרדזשיא, און דערנאָך דורם־קאראָליינא, און דערנאָך צפון־קאראָליינא, מיט די רויזליכע בוימוואָל־פלאנצען, און העכער ווירדזשיניא, מיט די גרינ־ברוינע טאבאק־פלאנצען, ביז מען קומט אָן צו א ברייטליכען שיינעם טייך, וואָס איז דער גרעניץ צווישען צפון און דרום, און נאָך א קליינעם ווינטערדיגען טאָג׳ס רייזע פון יענעם טייך, קומט מען אָן קיין ניו יאָרק, וואו דער איד האָט א פרוי מיט קינדער.

האָט זיך דעם אידען פלוצלונג פארבייגקט נאָך זיי, אין דעם הייסען בייטאָג, אליין צווישען די זוניגע זאמדען. דאָס וועגעל אָנגעלאָדען מיט אלערליי ארטיקלען, שניט־סחורות און צעלניק, שלעפּט זיך קיין דרום,

נאָר זיין מח, אָנגעלאָדען מיט בייגקשאַפט, ציהט זיך נאָך נאָרד. דאָס ווייב זעהט ער זעלטען, בלויז איין מאָל אין יאָר, אויף פסח, ווען דער פרילינג איז נאָך אַן אייזיגער דאָרטען.

אַלץ צוליב פרנסה. נ־נ־נאַ.

עס ווערט טונקעלער, עס באַווייזט זיך אַ גרויסע קיילעכדיגע זון, אַ קופּערנע, און באַלד איז זי שוין ניטאָ. דעם פאַרנאַכט אין דער דאָזיגער געגענד באַמערקט מען קוים, ווייל איידער דאָס אויג האָט נאָך צייט גע־האַט זיך אָפּגעוועהנען פונ'ם טאָג, איז עס שוין אָוונט. און אין דער אָוונטיגער טונקעלהייט בלייכען זיך אַרוים די פעלדער.

עס איז ווינטער. די תבואות האָט מען שוין לאַנג אַראָנטערגענומען, נאָר עס גרינט זיך נאָך ערגעץ אין איבערגעלאָזענער פּאַס קאַרטאָפליעס. אויף די איינגעדאַרטע בוימוואָל־שטעקלאַך רויזט זיך נאָך אין דער טונ־קעלהייט אַ בוימוואָל־בלום. עס טוליעט זיך וואו אין בלייכען זאַמד אַן איבערגעלאָזענע דיניע, אליין אויף נאַכטלעגער אין פעלד, און עס איז איר אומעטיג.

אָוונט. קיל. ביים זייט וועג ווערען די בוימער געדיכטער, און פלויטען בוימערדיגע און טונקעלע הויבען זיך אויף, הויכע פלויטען פון געלע סאָסנעס און רויט־דעמבעס. פון צווישען די בוימער אַרויסלייכ־טענדיג טרעפט מען אָן וואו אַ פאַרמער'ס הויז, מיט אַ שטאַל, אַ שפּייכ־לער, און קלענערע בנינים פון הינטען. די פענסטער זענען ליכטיגע, עס זענען דאָרט אָנגעצונדען לאָמפּען, און עס שמעקט אָפּ אין דער טונקעל־הייט פון אָוונט מיט היים.

דער איד קוקט פון דרויסען אויף די באַלויכטען־וואַרימע פענסטער, וואָס זעהען צווישען די ליידיגע פעלדער אוים ווי ניט אמת'דיגע. עס שוועבט איבער זיי ווען דער שאָטען פון איינעם פון דעם הויזגעזינט, און די שאָטענדיגע געשטאַלטען הינטער די פענסטער פאַרשטאַרקען נאָך די אָפּגעווייטערטקייט און די מעשה־אַרטיגקייט פון די הייזער. אין אַזאַ קילען אָוונט, — טראַכט דער איד, — איז גוט צו זיין מיט דיין הויז־געזינט אין אַ וואַרים באַלויכטען שטיבעל.

דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז גראָד היינט איז חנוכה. אָט זענען דאָ גאַנצע משפחות אין די הייזער צווישען די בוימער, און ער איז אַלע־מאָל אין דער פרעמד, ווייט אַוועק פון זיין היים. העכער טויזענט מיילען ווייט פון דעם זאַמד, אויף וועלכען זיין וואָגען סקריפּעט איצט, איז דאָ

אַ גרויס פיל־פענסטערדיג הויז, און פון אַ צאָל פון די פענסטער לייכטען זיך ארויס די פייערען פון זיין וואוינונג. ער וואָלט דאָך אויך געקאנט זיין אין אזא אָוועגט ביי אַ לאָמפּ־באלויכטענעם טיש.

און אין די אַלע הייזער דאָ ארום זענען אַלץ הויזגעזינדען, און נישטאָ קיין איינזאמער, אָט ווי ער...

דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז מיד. אַ טונקעלערע, גלאנציגערע שטיק נאכט, שטעלט אויף אים אָן גרויסע פייכטע אויגען... „באלעבאָס, בין מיד. דעם גאנצען הייסען נאָכמיטאָג האָבען מיר אינ׳ם זאמד געשפּאנט. איך און דו“.

באטראכט זיך דער איד, אז קיין דירקוויל, וועלען זיי שוין היינט אין אָוועגט סיי ווי ניט אָנקומען. דאַרף מען זיך ערגעץ אָפּשטעלען, און בעטען נאכטלעגער. די חיה וועט זיך אָנקאָרמענען, ער וועט זיך אויסרוהען — און כאור צוריק אין וועג אריין.

מיט די אויגען זוכט ער צווישען די בוימער ביים וועג, און וויל טרעפען אין וועלכען הויז מען וועט אַ וואָגלער אויפנעמען גאסטפריינדליך, ווייל ער וויל זיך אויף קיינעם ניט ארויפצווינגען. פארשטעהט זיך, ער וועט אָפּצאָלען. בלויז איבערצונעכטיגען, און האָבער פאר׳ן פערד. אַ גלאָז טיי אפשר, פאר אים גופא. און אַ וואָרט אַ פריינדליכס ביים לאָמפּ, פאר וואָס קיין זאך איז ניט צו טייער, און עס געדיינקט זיך נאָכדעם לאנג דורך די נעכט.

פון צווישען די רויטע דעמבעס טונקעלט זיך אין אָוועגט אריין אַ הויז, אַ קליינס, פון האלב־קיילעכדיגע שפּאלעס, געדעקט מיט שינדלען. אַ פענסטער איז אין ווינקעל־הויז אויסגעבראָכען. קענטיג, אָרימע מענשען וואוינען אין דעם. בעסער אזוי, טראכט ער.

עס ווערט אַלץ קילער. שוין שפּעט־אָוועגט. דאָס פערדעל שטעלט זיך אָפּ ביים גאניק, נישט וואַרטענדיג אויף קיין „האָ־האָ“. די ביינער טוען אים וועה, צעבראָכען אין גאנצען. קיין וואונדער נישט. אַ גאנצען טאָג — — — —

דער איד קלאַפּט אָן מיט׳ן בייטש אין טיר. שנעל עפענט מען זי, ווי מען וואָלט אויף אים געוואַרט. אינ׳ם חשך דערזעהט ער צוערשט צווייע שורות ווייסע פערלדיגע ציין, אַ פּאָר גלאָצענדיגע ווייסלען. ער גיט

זיך ניט ווילענדיג א רוק צוריק. א נעגערטע, א פול־לייביגע, א שווערע נעגערטע שטעהט אין טיר.

און זי:

— וואס דארפט איר, גוטער מענש?

עס איז שוין צו שפעט. די ווינטער־נעכט אין דרום, און נאך צוויי־שען ליידיגע פעלדער, זענען קאלט. און דא הויבט אן צו בלאזען א פייכ־טער מזרח־ווינט, פונ'ם אטלאנטישען אקעאן. מען דארף אזש שטארקער אנרוקען דאס היטעל. אין הויז, וואס לויכט זיך הינטער איר, איז ווארים און ליכטיג, און א פרוי איז אויפ'ן שוועל.

— ער דארף, זאגט ער, א נאכטלעגער פאר זיך, און א נאכטלעגער און האבער פאר'ן פערד.

זי זאגט, און אירע ציינער שמייכלען אין דער טונקעל, ווי שוים אויף א פינסטערען וואסער:

— נישט אויף אייך האב איך געווארט. נאר קומט אריין — איר וועט זיין אן אנגעלעגטער גאסט. עס איז דא אי א ווארימער, ווייכער נאכטלעגער, אי עסען — מער ווי פאר צוויי.

דער איד שווייגט, מיט א ווייטאגדיגען געמיט. אריינגעפאלען צווישען שווארצע. נאר א רחמנות אויפ'ן פערד — עס האט שוין שוים אויף די ליפען, די אויערען הייגנען אים טרויעריג אראפ, ער שפאנט אים אויס און פירט אים אונטער'ן אפדאך. די נעגערטע אונטערקומענ־דיג מיט א לאמטערנע אין האנט, דערלאנגט אים א בייטעל מיט האבער. עפעס רעדט זי צו אים, נאר ער פארשטעהט ניט וואס, ווייל עטוואס איז ער צעטומעלט.

מילא.

ער געהט נאך איר אין הויז אריין. דאס שטיבעל איז ארים, בלויז צוויי חדרים. ריין אבער, אויסגעקערט, די גרויסע טאפעלבעט באצויגען מיט א ווייסען איבערדעק. א טיר פירט אין צווייטען צימער, א טונ־קעלען. איבער עפעס גיט דער איד א ציטער: מען קאן נישט פארשטעהן, וואס עס טוט זיך אונטער א נעגערשען געזיכט, און וואסערע געדאנקען זענען דארטען פארבארגען, בפרט נאך אויב אויך די מחשבות זענען טונ־קעלע. נאר נאך ווייניגער קאן מען פארשטעהן, וואס עס טוט זיך אונ־טער א ווייסען געזיכט.

נאר זי שמייכעלט און רעדט צו אים פריינדליך. א פרייד איז אין

איר בראָנזענעם רייך־געפּאלדעוועטען לייב אויסגעגאָסען, א פרייד ביי־צייטענס, וואָס צו איר איז אין דער דאָזיגער קאלטער נאכט א מאן גע־קומען. ווייל אין אזא נאכט, און אליין צווישען פעלדער, איז אומעטיג א פרוי אָהן א מאן. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס גאָט האָט איר געקענט צושיקען אין אזא נאכט.

אויפ׳ן טיש איז אלץ געגרייט, ווי צו א סעודה. אויף א גרויסען פאַ־לומעסעק ליגט א ברוין־איינגעפּרעגעלטער אינדיק. זיסע קארטאָפּעל, גע־פּרעגעלטע, איינגעזויערטע, מאריגירטע. עס בלייכט זיך אינ׳ם לאָמפּ־ליכט די ווייסליכע שטעקעלאך פון דער סעלערי, אָפּגעפרישט מיט וואַ־סער. שיסעלאך מיט ארבעס, פּאסאָליעס און אָנגעזאפּטען שפּארגעל. עט־ליכע פּיים, און ניס, און טאָרטען לרוב.

דער איד זעהט, אז היינט אָוועגט איז עפּעס א חגא, און נאָך א ווייל־ע אָנשטרענגען דעם מח, דערמאָנט ער זיך, אז היינט איז ניטל־נאכט — קריסטמעס, דאָס געבורט פון גאָט׳ס זוהן. און כאָטש ער פאַרברייננגט שוין אזוי פיעל יאָרען צווישען גוים האָט אים דאָך א געפיהל פון פרעמד־קייט באפאלען, וואָס ער פאַרברייננגט ניטל־נאכט אונטער א גוי׳אישען דאך. נאָר ער האָט עס ניט געלאָזען מערקען אויף זיין פּנים. ער האָט געשמייכעלט.

דער טיש איז געגרייט פאר צוויי, ווארט דער איד — ער וויים ניט פארוואס, נאָר מיט הארץ־ציטערניש — אויפ׳ן אָנקומען פון איר מאן. און אז נאָך א לייננערע ווײלע, דער מאן אירער איז ניט געקומען, פרעגט זיך ביי איר דער איד, פארוואָס ווילט ער זיך אזוי לאנג, דער מאן אירער, און לאָזט זיין פרוי אליין ווארטען אין דער נאכט.

האָבען זיך דער נעגערטע׳ס אויגען אָנגעפילט מיט בלוט, א היץ און א ווארימקייט האָבען פון איר געשלאָגען, ווי זי וואָלט זיך פאר עפּעס א שולד אירער פארשעמט. אירע ווייסלען האָבען זיך אין דער רויטקייט פון אירע אויגען געקאָלערט. זי ענטפערט:

— דער מאן מיינער ארבייט אויף א נאָהענטער פּלאנטאציע. ער איז אָנומעלטען אוועקגעגאנגען, און איז נאָך אלץ ניט צוריקגעקומען. זי ווארט אויף אים א גאנצען אָוועגט יעדען אָוועגט. ער וועט שוין נישט קומען.

מיט א ווארימקייט שטראַלט זי אויף אים אויף, און הויבט אים אָן באדינען מיט אלערליי מאכלים. נאָר קיין פליייש־זאכען האָט ער ניט גע־

וואלט עסען. האט זי אים דערלאנגט רויע פרוכטען און אפגעקאכט א טעפּעלע קאווע. ווייל די פרוי, א שווארצע איז זי געווען, און געוואקסען אין מיטען פעלד, ווי א שווערער בוים, נאר זי האט געוואוסט זעהר פיעל פון דעם אידישען גלויבען, ווייל געגער האלטען פון דער ביבעל מער ווי אידען, און ווען זי איז אין שטאט, געהט זי אין זייער איינגעפאלענער קירך, ביים עק נעגערשען קווארטאל, און זינגט נאך אלע קירכען־ניגונים. זי האט דעם הייליגען רעווערענד א סך מאל געהערט דערציילען וועגען די אידען און זייערע הייליג־פרומע מנהגים.

זי גיט א קול'יגען לאך, ווי א דונער:

— א, יעס... זי וויים. פארוואס זאל זי ניט וויסען? אברהם אבינו, דער אידישער פאטער, האט דאך געהאט א נעגערשע פרוי, הגר'ן, און מיט איר אפילו א קינד געהאט...

און בלישצעט אויף אים מיט די ווייסלען.

דער איד זאגט: „יא, יא, אודאי", און הויבט זיך אן פּיהלען היימישער. אין שטוב איז ווארים. דאס איינציגע ווארט „אברהם אבינו" זשומעט אין די אווענטיגע ווינקעלאך מיט א היימישען קלאנג, ווי א ווארט אין דער שבת־פארנאכטיגער לופט. די שווארצע לייגט אלץ צו שייטלעך האלץ אויפ'ן קאמין. און ביים שיין פון פייער דוכט זיך אים, די נאכט אליין איז אין שטיבעל אריין זיך אנווארימען.

אין דרויסען פארשטארקט זיך דער ווינט. מען זעהט דורכ'ן פענסטער, ווי וואלקענס יאגען, גרויסע אזוינע, און טונקעלע. מען זעהט בלויז די זוימען, וועלכע זענען ליכטיגער. און דער געדאנק, אז איר מאן איז פארווארפען ערגעץ אין דער פרעמד, ווייט פון דער היים, אט אזוי ווי ער פון זיין ווייב, מאכט דעם אידען נאך נעהענטער צו איר.

זי ווערט צו אים צוגעלאזען, זי דערציילט אים וועגען זיך. אט די פעלדער, וואס ציהען זיך הינטער'ן הויז, באוואקסען מיט בוימוואל־פלאנצען, געהערען עס איר. און אויך פאסען קארטאפליעס. מען האט זיי שוין ארונטערגענומען. און א טייל וואלד — ער זעהט דארטען די הוילע אפגעשיילטע בוימער, וואס זענען ווי טויט? אט דאס זענען בלעק־גאם בוימער — גוט פאר האלץ.

זי געהט אויף א ווײַלע ארויס און דער איד בלייבט אליין.

עס ווערט אים אי ווארים, אי ענג ארום האלז, און דאס הארץ קלאפט אים שנעלער. עס פאלט אים איין, אז ער זאל איינשפאנען זיין פערד און

וואַגען, און זיך לאָזען פאָרען אין וועג אריין. נאָר אז ער האלט זיך אין אויפשטעלען, עפענט זיך די טיר און דער ווינט בלאָזט זי אריין. א גרויסע, א גוף׳יגע, א שווערע, א שטיק ערד איז פון פעלד ארויסגעריסען געוואָרען און אין שטיבעל פון דער נאכט אריינגעוואָרפען געוואָרען. אין דער האנט האלט זי אַן אומגעווייגליך גרויסען וואַטער־מעלאָן.

— אויף די אייגענע פעלדער געוואקסען, גיט זי א בלישטש־ארויס מיט אירע ווייסע ציינער. ווען עס ווערט קילער, פארליג איך זיי טיף אין היי, און היט זיי אָפּ, און ווארים זיי. האָט מען פרישע צייטיגע מעלאָנס אין סאמע ווינטער, אויף קריסטמעס אָוועגט.

זי צעשניידט דעם מעלאָן אין צוויי גרויסע העלפט, און לייגט זיי אויף א פאלומעסעק ארויף אויפ׳ן טיש.

דער איד אָבער רירט זיך אָן דעם ניט אָן. נאָר עפּעס שעפּטשעט ער צו זיך אין דער שטיל, ווי ער וואָלט א גדר, א מחיצה פון היילינע ווערטער ארום זיך אויפשטעלען, אַן אומגעזעהענעם פלויט. און דאָ דערזעהט די שווארצע, אז די אויגען פאלען אים צו. ער איז מיד. ער איז שלעפעריג. ער פרעגט ביי איר, וואו קען ער, אָן ערך, דעם קאָפּ צושפּארען? —

קוקט זי אויף אים מיט אירע גרויסע ווייסע אויגען, און שמייכעלט עטוואָס פארלעגען. צוערשט גיט זי א קוק אויפ׳ן גרויסען ווייסען טאָפּעלבעט, דערנאָכדעם אויף אים. נאָר אז זי גיט א קוק אויף אים, זעהט זי: זיין פנים איז פארכמורעט. זיינע אויגען זענען געווענדט אין דער ריכטונג צום טונקעלען צימער.

— מסתמא, זאָגט ער, וועט זיך שוין דאָרטען געפינען א פּלאַץ פאר מיר? —

נעמט זי אומעטיג ארונטער דעם לאָמפּ פון טיש, געהט אריין אין צווייטען חדר. פּאָרעט זיך דאָרטען א ווײלע און קומט אריין צוריק:

— דאָס געלעגער איז פארטיג, איד. איר קאָנט זיך געהן לייגען שלאָפען, אויב איר זייט מיד.

דער איד, מיט זיינע אויגען צו דער ערד געווענדט, געהט אריין אין טונקעלען חדר.

בלייבט זי איבער אליין ביים טיש.

מיט גרויסע אויגען, באגאָסענע, קוקט זי אויפ׳ן צעשניטענעם, אומבארירטען וואַטערמעלאָן, ווי א גרויס הארץ א צעשניטענס און אַן אויפ־

נעעפענטס. דאָס רויטע זאפטיגע בלוט גיסט זיך פון דעם און בליצט אין דעם ליכט: נאַ, זעה...

און אז אינ׳ם טונקעלען צימער דאָרטען איז שטיל, מאכט זי אויך טונקעל דאָ. זאָל אלץ אויפ׳ן טיש בלייבען נישט אויפגעגעסען, גיט זי זיך א ריס ביים לייב! און ליגט זיך שלאָפען.

די ווינטען אין דרויסען האָבען זיך איינגעלייגט און אנטשלאָפען געוואָרען אין די ווייטע פעלדער. די נאכט־שטילקייט טראָגט זיך אין שטיבעל אריין. און אין דער שטילער טונקעלהייט, וואָס אינ׳ם שטיבעל ווארפט זיך די גרויסלייביגע פרוי, קייקעלט זיך און קאטשעט זיך אויפ׳ן ברייטען בעט, פון שטארקע אומבאפרידיגטע פארלאנגען, און קרעכצט אין דער שטיל.

„וואָס־זשע איז ער דאָס פאר א מענש... גאָר קיין מענש נים. אָדער פיליכט עקעלט עס אים פון מיין שווארצען לייב. וואָס הייסט, א מאנס־ביל געפינט זיך אונטער איין דאך מיט איר, און ער זאָל נישט וועלען פיהלען איר נאָהענטקייט הארט לעבען זיך. וואָלט איינער פון אירע ברי־דער צו איר אליין אין דער נאכט געקומען, וואָלט ער שוין אזוי אין צי־מער ניט אוועקגעגאנגען נעכטיגען. נישט אנדערש גאָר, ער איז א פרומער איד, א הייליגער.“

ארום איר וויקעלט זיך א שווערער לייביגער ריח, ווי א שטיק צע־בראָכענע שווארצע ערד, צעווארימט אין דער פרילינג זון, לאָזט ארויס פון זיך ווארימע פארעס. א צעהיצטע און שווער־געפאלדעוועטע קויקעלט זי זיך פון הייסע באָגערען אויפ׳ן ווייסען בעט, אירע גרויסע ווייסלען קריי־זען זיך ארום די אויגען, אליין אין דער נאכט, און בעט עפעס אין דער טונקעלהייט. —

גאָט מיינער, עס איז מיר שווער אליין. מיין מאן איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען צו דיר, און וועט שוין קיינמאָל מער צוריקקומען. כ׳האָב א גאנצען אָוועגט געווארט אויף א מאן. אליין אין א ווינטערדיגער נאכט צווישען פעלדער. און עס איז נאָך יום־טוב. איז געקומען דער איד. איז ער גאָר קיין מענש ניט? איז ער א הייליגער? גאָט!

און א צעהיצטקייט שלאָגט אָפּ פון איר, א ווארימער וואָלקען, און די בלוטען אין איר שטראָמען אזוי העפטיג, ווי וואסערען, וואָס גיבען זיך א שפאר ארויס אין פרילינג. און יעדער אָדער אין איר איז וואך, ווי א סאָווע ביינאכט, און זי הערט זיך איין טאָמער פארנעמט זי א שאָרך, א

שאַרף, וואָס זאָל איר אין דער טונקעלהייט פון נאכט און צימער א בשורה אָנזאָגען — — — —

ווי גוט עס איז, פיהלט זי, אין אזא קאַלטער טונקעלהייט די וואַרימ־קייט פון א מענשען אין זיך אריינגעמען. און א קינד פיליכט פון דעם הייליגען האָבען. איז עס דאָך ניטל־נאכט. קריסטמעס־נאכט. א קינד, א הייליגס, וועט דיר געבוירען ווערען.

עס איז נאָך אַלץ נאכט און טונקעל. די נאכט־שטילקייט באַהעפט זיך מיט זיך זעלבסט, און ווערט אָנגעשטרענגטער און שטייפער. אין דעם חדר וואו דער איד שלאָפט איז שטיל. עס דערטראָגט זיך צו זיינע נאָז־לעכער דער שארפער, רייצענדיגער ריח, די כוואַליע וואַרימקייט, וואָס שלאָגט פון ווייטען חדר ארוים. ער ליגט שטיל, כדי זי זאָל דיינקען, אז ער איז שווער איינגעשלאָפען. אָבער ער הערט אירע שווערע אומרוהיגע באוועגונגען. עס שטיקט אים אין האלז, נאָר ער וויל נישט א הוסט טאָן. די שלייפען קלאפען ווי מיט האמערס. ער דערמאנט זיך אָן זיינע נע־דאנקען וועגען דער היים, פון תחילת־אָווענט. עס ציטערט אים, נאָר ער וויים, אז ער וועט שוין פון דאנען ניט אוועקפאָרען אזא, ווי ער איז געקומען.

אָט הויבט ער זיך אויף פון בעט, א ברענענדיגער, מיט א קלאפענ־דיגען הארץ. ער שטעלט אנידער א פוס אויף דער פאָדלאָגע. אין צוויי־טען חדר איז שטיל. ווארפט ער אריין זיין פוס צוריק אין בעט און טו־ליעט צו דעם הייסען קאָפ צו דער שויב.

ווי ער קוקט אזוי אין פענסטער, וואָס־זשע זעהט ער דאָרט, אויב ניט זיין פרוי, א רויז־לייביגע אזא און אָן עדעלע, און קוקט אויף אים מיט אירע שטילע אויגען, און טאנצט אזוי ארום צווישען די בוימוואָל־שטע־קעלך, אָט דאָ, און אָט דאָרטען, ווי א טאנצענדיגע בוימוואָל־בלום. אין אזא קאלטער נאכט, זי אליין אין טונקעלען פעלד אויף יענער זייט שויב, און ער אליין אין טונקעלען חדר אויף דער זייט שויב.

באלד אָבער דערהערט ער ווידער די וואַרימע באוועגונגען פון דער נעגערטע׳ס צימער. און אָט דערהערט ער מיטאמאָל אזא שטארק דער־מאנענדיג הירזשען — — — דאָס איז זיין פערד. זיין פערד! און ער גיט זיך א רים פון בעט — — — — — — — — — —

א מידע און א דערשעפּטע פון אומפּרוכטבארער אויפרעגונג איז די נעגערטע אין צווייטען חדר איינגעשלאָפען, מיט א שטילען האָפנונגס־פולען געדאנק, ווי א חלום, אויף אירע גראָבע ליפּען:

— פארטאָג, גאָר אין פריהען מאָרגען, וועט זי אויפשטעהן, זיך אריינ׳גנב׳ענען צו אים אין צימער. ביי אים אויפ׳ן געלעגער זיך אנידערזעצען און אים בעטען: זאָל ער צו איר גוט זיין! זי וועט שוין וויסען ווי אים דערפאר צו באלוינען.

אזוי איז זי איינגעשלאָפען. איר גראָבע אונטערשטע ליפּ ארונטער־הענגענדיג, דאָס מויל אָפען, די גרויסע ציין ווייסען זיך אין דער פינסטער מיט א שמייכעל פון דעם גרויסען פאַרשטעהענדיגען גליק

— א קינד וועט זי מיט דעם פרומען מענשען האָבען. און דאָס קינד וועט נישט זיין אזוי טונקעל, ווי זי, טונקעל ווי די נאכט, נאָר ליכטיגלאך, ווי דער בין־השמשות — — — מאָרגען פריה.

און מאָרגען אין דער פריה האָט זי דער קאלטער פריהמאָרגען טאקע געפונען אויף דעם בעט אין צווייטען צימער. זי האָט זיך געקאטשעט אויף אים מיט איר שווערען גוף, געקרעכצט און געסאָפּעט ווי א בופעל־אָקס, געריסען די טיכלאך פון די קישענס, געקושט די לייליכער און דאָס בעטגעוואנט. און דערנאָכדעם האָט אין דער קאלטער פריהמאָרגענ־דעמערונג אויסגעבראָכען איר רעוועגדיג געוויין איבער׳ן ליידיגען בעט.

אל. גוריה:

לידער.

ה. לייוויק:

פאָעמע.

אל. גוריה:

זאָגט דער תנא.

קומט זעהט, קומט זעהט,
ווי אומגעשטערט עס וויגען זיך,
פריי אונטערהאַלטענדיג זיך,
די וואַסערלעך אין פעלד,
די צווייגעלעך אין וואַלד,
די פייגעלעך אויף זיי,
פאַרפאַלגענדיג דעם פרילינג.
דעם מאָרגען, דעם אָווענד.

קומט זעהט, קומט זעהט,
ווי בוימער אינ׳ם וואַלד,
די טורעמס און די שטעט,
באַנוצען, ניט געפּרעגטערהייט,
דאָס מאָרגען און דאָס אָווענד־ליכט,
אנטרונקענדיג אין זיי די קרוינען זייערע

קומט זעהט, קומט זעהט!

.2

זעהסטו, ווי חושכ׳דיג עס איז דער באַרג־ריקען
און שוואַרץ און אומגעהויער אימה׳דיג דער טאָל,
וואָס ליגט אַ לאַנג געלעגערטער ביי זיינע פיס?
זעה זשע אויך, ווי ס׳צינדען זיך אין הימעל
שטערען טרייסטענדיגע אָן;
קוק זיך צו, ווי ליכטלעך געהן אויף
ביי די האָריזאָנטען — —

אומעטום געפינסטו שטעהן אַ פריינדליך הויז,
אומעטום געפינסטו אָנצוצינדען נייעם מוט,
נייע האָפנונג און נייע ליבע.
צו וועלכען הויז דו קומסט
און אויף ביים לעצטען הויז,

באגנעגנט דיך א שוועל ביים טיר
און א ליכט פון אינווענינ,
דיר די שוועל אריבערצושפרייזען צו צולייכטען.

דורך אלע פענצטער קוקט אויף דיר ארוים א ליבע.
מיט יעדען אוועגט ווערט די ליבע אויסגעקוקט דורך דיר...

פליטערלאך.

זעהסטו דעם ים,
אויפגעהויבען ביז דעם ווייטען האריזאנט?
זעהסטו אויך די ווייסע שטילע זעגלען
וואו גיט וואו פארזייהט?
מיינסט דאס זיינען זעגלען, וואס דו זעהסט?
טיולפען זיינען דאס,
טיולפען פון מיין ווייטען בחור־לאנד.
ס'האבען ווינטען שטארקע זיך אמאל
ווירבלענדיג צעטאנצט מיט מיינע טיולפען
ביז די פליטערלאך, די שלאנגיגע,
אויפגעבלאזענע,
האבען זיך צעשאטען איבער'ן גרויסען ים.

אדער... ווארט: איך האב אמאל א ים געזעהען,
וואס האט שטיל אין זיך פארשלונגען
יעדען, ווער עס האט זיין זעעלע־רוה אין אים געזוכט.
אויף דעם ים האב איך געלאזט זיך שווימען
מיט די גערטנער פון מיין שפעטער־קעניגרייך,
און מיין נעכטיג־ווייטען בחור־לאנד.
איז ער בייז געווען דער ים, איז ער ווילד געווען,
וועלטען לעבענס האט ער אומגעבראכט,
שיפען אין א ווייטען העק פארפירט;
ווייט אליין האט ער זיין כח דערלאנגט,
נור אויך ווייט בין איך אויף אים פארשוואומען.
איצט, אז כ'האב געקענט זיך לעבעדיג אומקערען
און, אז כ'פיהל צו דאנקען דעם וואס האט מיך אפגעהיט,

איבער מיר געוואכט און מיך באשיצט,
דאנק איך ניט:
כ'זעה די פליטערלעך זיך גליטשען אויפ'ן ים,
פליטערלעך אויפגעבלאזענע, צעשאטענע, דערוויטערטע;
פון מיין ווייטען בחור-לאנד,
ווין איך א פארשטיינערטער
נאך מיין אומגעקומען שפעטען-קעניגרייך

פאר אלעמען צו וויסען.

איך האב געזעהן:
א שטרייף, א פייערדיגען אויף דיין הימעל-הויך
זיך שלאנגענדיג א יאג טאן אויף א הענגענדיגען וואלקען,
וואס האט געלויערט שווער און אימה'דיג
אויף מיין אויפגעהענדיגען לעבען.

און איך דער אויפדערוואכטער צו געלייטערטקייט
און מיט צעצינדטע פרייד אין מיין נשמה
לאז אלעמען עס וויסען און זאג:
איך ווייס, אז די, פון לאנג פאר אונז
געגרייטע שעה,
וואס דארף די בשורה פונ'ם גרויסען טאג
אונז קומען זאגען,
האט שוין געשלאגען.

איך האב עס געזעהן
און זאג עס אייך.

אונטער מיינע הענט.

ניט פון דער ערד בין איך געקומען,
און ניט פון הימעל;
און כ'ווייס אפילו ניט אויף קלאר,
צו מעג איך זאגען אז איך לעב
און, אז מיין לעבען איז אויך לענגער פון איין יאר.

איך ווייס נור, אז ביז היינט
איז ווייס און אומבאפלעקט געוועז מיין קלייד.
און ווייס אויך, אז די ליבע צו דער וועלט, צו דיר,
מיט אלע צייכענס פון אומשולדיגקייט,
האט קיינמאל ניט אזוי ווי היינט מיט מיר
אויף וואס אזוינס געוויינט.
און גוטע לייט מיט בענשענדיגע אויגען,
וואס האבען נאכגעקוקט מיט פרייד,
מיין איבערגעבענהייט צו דיר,
פארשליסען איצטער זייערע אויגען
אויס האס צו מיר.

ווייל כ'האב אנגעצונדען פייערען צו א גרויסער שרפה.
און טרערען פון אלמנות, מאמעס,
וואס זיינען קוואלענווייז דורך מיר געצאפט געווארען
פון זייערע אויגען,
האב איך צעגאסען אויף אלע וועגען.
איך האב דאס גוטסקייט אינ'ם מענשען
אויף ווילדקייט אויסגעביטען,
אויף האס פון איינעם צו דעם אנדערן.
עס האט דער טויט
נאכקומענדיג דעם ווילען פון דיין נאמען
געארבייט אונטערטעניג אונטער מיינע הענט.

איך ווייס נור, אז ביז היינט,
איז ווייס און אומבאפלעקט געוועז מיין קלייד.

פאר דיין כבוד וועגען.

ווייסטו אז דער, וואס זיין קאפריז האט אים געקאסט
איך זאל מיט מיין ערשיינונג זיין באלוינונג זיין,
האט פריהער קיין רגע ניט א טראכט געטאן:
צו וועל איך זיין?

און שפּעטער:
צי וועל איך אים דערפאַר אויך ליבען, עהרען?
דערנאָכדעם האָט ער דאָך אַזוי געדאגה'ט,
וואו וועל איך מיינע טעג פאַרטאָן,
פאַר דיין כבוד וועגען.
און זי, וואָס האָט אין אירע רייכטומען מיין קומען צוגעגרייט,
און מיט מיין קומען זיך געלאָזט אַ ליידיגע און אָרעם.
זי האָט דאָך אין מיין זיין דאָס וויינציגסטע פאַרלאַנגט פאַר זיך: —
מיין פרייד, מיין דאַנקבאַרקייט — צו וואָס זי האָט אַזוי געשמאַכט;
מיין ליבע און צופרידענקייט — די סומען פון איר וואונש;
מיין רוה ביי אירע ברוסט און אַרעמס — אין אַ שרעקענדיגער נאַכט.
אויך דאָס איז דאָך ביי איר געווען,
פאַר דיין כבוד וועגען.

און דו?
אין דיר האָב איך געדאַרפט נור זעהן דעם אייביגען גערעכטען.
און פאַר דיין כבוד היטען,
האָסטו דורך וועגען ווילדע מיך געפיהרט צום שלעכטען.
און איצט, ווי מיט אַ גליהענדיגען צייכען אין מיין שטערן,
פון דיר, פון מיר, פון קיינעם ניט דערקענט,
געה איך אויף דורות אַ געעלטערטער,
אַן איינגעפּרעסטער אין דער אייביגקייט פון צייט.
איך וויז פאַר אַלעמען די אבשפּיגלונג פון טויט אין מיין געזיכט,
די טמאַ'דיגע פלעקען,
אַרויפגעשפּריצטע אויף מיין קלייד,
פאַר דיין כבוד וועגען.

זעהן, הערען...
העי, איר, פאַרוואָס זשע געהט איר אויף די פינגער שפּיצען?
פאַרוואָס אַזוי זיך סוד'ען?
שרעקט איר זיך דען פאַר מיר
אַ וואָרט צו ריידען הויך?
קען זיין, ווען איך וועל אייערע ווערטער הערען,

ווען אפשר אַלצדינג אַזוי קלאָר,
אַזוי פאַרשטאַנענדיג פאַר מיר גיט ווערען.

איך שרעקט די רוהיגקייט, די שטילקייט
מיט וועלכע איך זיץ געבויגען איבער'ן טיש;
מיט וועלכע כ'נעם זיך צייט פון שעה'ען
און טו פאַמעליך אויף די אויגען מיינע גלעזער אָן,
מאַך ווידער־אויף און ווידער־צו דאָס בלאַט,
ביז איינגעזונקען ווערען מיינע אויגען אין די שורות?..
אָט קוקט זיך צו די ווערטער בעסער צו
און זעהט, ווי שעהן זיי טיילען אוים צווישען זיך
צענויפגעשטעלטערהייט,
די אברים פון מיין אַמאָל צעצווייגטען בוים — — —
און פיהלט די הייםליבקייט,
וואָס האָט ווען לויבטענדיג געמאַכט,
די זעל פון אונזער שטוב, פון אונזער טיש.

פאַרוואָס דאָס רעדען שטיל און ניט דעררעדענדיג?
איך וויל איצט רוהיג זיין,
אַזוי געבויגען זיצען איבער'ן בלאַט
און זעהן, הערען; זעהן, הערען — — —

נאַכט־שעה.

מיט מיר בין איך אַליין,
מיט אַנדערע איז איצט די נאַכט.
פאַר וועמען ס'האָט די נאַכט־שעה רוה און שלאָף געבראַכט,
פאַר מיר — דאָס קלאָרקייט פון מ י י ן ז י י ן.
איך בין די גרעסטע פרייד פאַר מיר,
איך בין דאָס גרעסטע גליק פאַר מיר,
איך זיך אויך שטענדיג זיך אַליין
א דאַנק און לויב צו געבען,
ווי כ'טו עס איצט, ווייל כ'פיהל פאַרוואָס אַזוינס
איך דאַרף באַלוינען זיך.

די נאַכט איז איצט מיט אַנדערע,
מיט מיר — ניט, —
מיט מיר בין איך אַליין,
מיט מיינע הענט, די אָנגעצונדענע פאַקלען צוויי
און מיט מיין בלוט, דער לויערענדיגער אָפּגרונד פון פאַרלאַנגען.
איצט וועל איך זיך אַ לאָז טון זוכען די באַלוינונג,
די פרייד און די באַפרידיגונג, פאַרגיטיגונג,
וואָס ברענען וואו געבענשטע און געליי׳טערטע
איך זאָל מיט זיי באַצאָלען,
וואָס איך בין שולדיג זיך.
אפּוואַרטענדיג אויף מיר,

ה. לייוויק:

קומט ער אריין צו מיר

קומט ער אריין צו מיר א ניטגעריכטער גאַסט,
זעצט זיך אַנידער און זאָגט:
„— מיט אַלעם פּארטיגען האָבען זיי מיך באַזאָרגט, —
איז דען ניט מאַנגעל מיין אמת'ער טרוים?
טעמפּלען האָבען זיי אויסגעבויט פאַר מיר, —
איז ניט דער קעלער מיין אמת'ע היים?
מיין שטערען האָבען זיי מיט דימאַנטען באַצירט, —
איז ניט דער דאָרן מיין אמת'ער לוין?..“

ענטפער איך און זאָג:
„— האָסט ניט געוואָלט זיין אויף אייביג פאַרזאָרגט, —
און דאָך האָבען זיי דיך מיט אַלעם באַזאָרגט;
קעלער־אינזעקטען צופרעסען דיין הויט, —
און דאָך האָבען אַלע דיר טעמפּלען געבויט;
דער דאָרניגער קראַנץ איז דיין אמת'ער לוין, —
און דאָך איז פון דימענט געשלאָגען דיין קרוין...“

שווייגט ער א ווײַלע און זאָגט:
„— אז צווישען אַלע פעלקער האָבען זיי מיין כבוד פאַרשפּרייט;
אז איבער אַלע ימ'ען און אַלע יבשות
האָבען זיי מיין רוהם צוזייט;
אז די ליפּען פון אַלע חילות דערמאָנען מיין נאָמען מיט פרייד,
און אַלע קניהען זיך פאַר מיר און קושען דעם זוים פון מיין קלייד...“

ענטפער איך און זאָג:
„— צווישען אַלע פעלקער האָבען זיי דיין כבוד פאַרשפּרייט —
איז גוט, — זאָל זיין אזוי;
איבער אַלע ימ'ען און אַלע יבשות
האָבען זיי דיין רוהם צוזייט, —
איז גוט, — זאָל זיין אזוי;

די ליפּען פון אַלע חילות דערמאָנען דיין נאָמען מיט פרייד,
און אַלע קניהען זיך פאַר דיר און קושען דעם זוים פון דיין קלייד, —
איז גוט, — זאָל זיין אַזוי..."

שווייגט ער אַ ווײַלע און זאָגט:
"— אַז די ווייסלען פון מיינע אויגען זיינען רויט
פון ניט שלאָפען, איך ווייס שוין ניט פון ווען;
אַז וואָס עס איז געשעהן מיט מיר אַמאָל, אַמאָל,
האָט אַנדערש דאָך מסתמא ניט געקענט געשעהן;
אַז ועלען וויל איך נאָר איין זאַך — דעם טעם פון שלאָף פאַרזוכען,
דעם טעם פון שלאָף, און גאָרניט מער;
אַז זוכען זוך איך נאָר אַנ׳ערשטען שוועל פאַר אַ צוקאָפּענס,
אַ פרעמדענס שוועל און גאָר ניט מער..."
אויף זיינע ליפּען לויפט דורך אַ היסטערישער שמייכעל,
אין זיין אויג שוועבעלט אויף אַ צוקריפּעלטע האָפנונג,
זיינע פינגער מיט שאַרפע פאַרלאָזענע נעגעל
הייבען אָן שטילערהייט קאָנוואולסירען.
ער שטאַרקט זיך און קלאַמערט צוזאַמען די פינגער,
שטרעקט אויס זיין צוזאַמענגעצויגענעם האַלז,
און איך הער ווי ער גאָרגעלט אַרונטער
אַ דערוואָרגענעם שלונג...

טראַכט איך פאַר זיך:
וואָס וויל ער פון מיר, —
דער פאַליקער?...
שווייגט ער אַ ווײַלע און זאָגט:
„— אַז מיין פאָטער — גאָט אין הימעל, איז נאָך אַלץ מיין פאָטער,
און מיין מוטער לייקענט אַלץ נאָך אָפּ איר מוטערשאַפט,
און וויל ביז היינט צו טאָג נאָך זיין אַ יונגפרוי...
דו ווייסט ניט ווי עס עקעלט מיך די עראינערונג,
ווי זי האָט מיך אַ שטאַרבענדיגען, אַ צופיינינגטען
געקושט מיט הייסע תאוה׳דיגע ליפּען,

אזוי ווי זי זאָל זיין מיין כלה, ניט מיין מאַמע...
די איין עראינערונג, — ווייל מער געדענק איך גאָרנישט, גאָרנישט.
פון אירע ליפּען דער באַריר האָט אַלץ פאַרמאוס׳ט,
צומישט, פאַרפינסטערט, אָפּגעמעקט פון מיין זכרון...
ווי קען איך איר פאַרגעבען, זאָג, מיין טיפען צער,
וואָס מער ווי איר באַריר געדענק איך גאָרנישט?...
פון דאַמאָלסט אָן קיין איינציג טאָג פאַרגעהט ניט
איך זאָל ניט אָפּשלאָגען איר שוועל און בעטען זיך:
„— אויף אַלע גאַסען גייען אַרוים און זיי זיך מודה,
דערצעהל פון אַלע ניין חדשים שווערען טראָגען,
פון אַלע וועהען און יסורים ביים געבוירען,
דערמאָן מיין ערשטען אויסגעשריי און ערשטע זויג־טעג,
און ווי דו האָסט ערצויגען מיך און אויסגעהאָדעוועט. —
דערצעהל דעם גאַנצען אמת..." ווייסטו וואָס זי ענטפערט? —
זי ענטפערט גאָרנישט. זיצט אין איינגעוויקעלטע אין שווארצען,
מיטביידע הענט פאַר׳צלם׳ט אויפ׳ן ברוסט,
די אויגען צו דער הויך פאַרריסען פרום,
און שמייכעלט זיך איר רוהיגען מאַדאָנא־שמייכעל...
און גיט זי זיך שוין יע א ריר פון אָרט
און ווענדט צו מיר דעם בליק פון אירע אויגען,
איז — ווייסטו וואָס זי טוט? — זי פאַלט אויף ביידע קני
און נעמט זיך בוקען, בוקען נאָכאַנאַנד צו מיינע פיס,
און קלאַמערט זיך אין מיינע שיך און קושט זיי
און פליסטערט ווי פון היץ: מיין האַר, מיין האַר, מיין האַר...
דו ווייסט ניט וויפיעל תאוה ס׳שרייט אַרוים פון איר געפליסטער;
מיט אַלע כחות האַלט איך איין אין זיך די שנאה,
איך זאָל ניט אויפהויבען א פוס און מיט׳ן שוך
ניט צוקלאַפּען צום דיל אָט דעם מאַדאָנא־קאָפּ... —
און זי איז דאָך מיין מאַמע, ווייסטו ניט?
און איך בין דאָך א זון, איר זון, און ניט קיין האַר!...
איך לאָז זי איבער און אַנטלויף,
און מאָרגען קום איך ווידער,
און יעדער טאָג אזוי..."

שווייג איך א ווײלע און זאָג :
— אז מאָרגען קומסטו ווידער,
און יעדען טאָג אזוי —
וועט אייביג זיין אזוי.

ענטפערט ער און זאָגט :
„— אז אייביג קאָן ניט זיין אזוי —
ווייל אָפּטמאָל טרעפט נאָך עפּעס ערגערס.
עס טרעפט, — ווען זי, א דורכגעציטערטע פון תאוה,
א קניענדיגע ליגט ביי מיינע פיס. —
הויבט אָן א שטראָם צו ווירבלען זיך אין מיר,
ווי איינער וואָלט א הייסען קאָכיגען שטיק בליי
אריינגעשליידערט אינ׳ם בלוט פון מיינע גלידער ;
דער שטראָם קומט צו צום האַלז,
און אויב איך קאָן אים ניט ארונטערשלינגען גלייך צוריק
ווי ערשט ניט לאַנג — אויב דו האָסט נאָר באַמערקט, —
דאַן גיט מיין גאַנצער גוף א שפּרונג אין לופטען,
א שפּרונג, און נאָכדעם גלייך א פאַל ארונטער. —
אנטלויפען קאָן איך שוין ניט דאַן... דער הייסער שטראָם
האָט שוין זיך דורכגעריסען דורכ׳ן האַלז,
אריינגעכאַפּט דעם צונג, די ציין, און מיט אמאָל
אין ווייסען קלעפּעדיגען שוים צושלאָגען זיך,
צוזאָדען זיך אויף מיינעביידע ליפּען...
איך ליג אנ׳אומגעוואָרפענער מיט אויסגעקערטע אויגען
און אלץ ווערט טונקעלער און טונקעלער און טונקעלער...
און ווען איך עפען אויף צוריק די אויגען, זעה איך :

(א, פאָטער מיינער, גאָט אין הימעל,
אז מיינע אויגען זענען אלזעהענדיגע,
אז מיינע אויערען זענען אלהערענדיגע, —
א, פאָטער מיינער, — גאָט אין הימעל...)
איך ליג אין מיטען דיל אויף אויסגעהעפטע קישענס,
געהעפט פון זייד, פון גאָלד און זילבער,

און אין א קרייז ארום מיין גוף אין ריזען־לייכטער —
צופלאַקערטע מיט חלב־שפּריצענדיגע ליכט,
און איבער אַלע ליכט א רויך פון ווייךוך,
אַזוינע שלענגעלדיגע וואָלקענדיגע קנוילען...
פון אָנפאַנג זעה איך גאָרנישט דורכ׳ן רויך, און מיט אַמאָל —
א ווייסער פּרויען קערפּער הויבט זיך אָן ארויסצוטיילען
פון אונטער דינע אַלערלייקאָלירטע שלייערען.
די האָר צעוואָרפען איבערביידע שולטערען.
די אויגען — ברייטע, גלאַנציגע, צוהיצטע,
די ליפּען אָפענע, באַטרונקענע, דאָך ניט געזעטיגטע...
זי האַלט אין האַנט אַן אנגעפילטען בעכער ווייז —
א סימבאָל פון פאַרגאָסענע דערלייזער־בלוט...
איך ליג און קוק מיט נייגער און מיט שטוינונג.
אָט טראָגט זי צו צום מויל דעם בעכער וויין,
און — שלונג נאָך שלונג מיט דאָרשטיגער ענטציקונג,
דער בעכער איז שוין אויסגעליידיגט ביז׳ן דעק...
אָט שטרעקט זי אויס די הענט, און — ווייסטו וואָס זי טוט? —
זי טאַנצט, זי טאַנצט, זי טאַנצט. —
די פרומע אויגען איינגעגעסען אינ׳ם ווייךוך,
די דינע שלייערען, ווי לייכטע פעדערען,
צולאָזען זיך, צושפּרייטען זיך און דעקען אויף
איר גאַנצע נאַקעטקייט און דעקען ווידער צו...
און אָט ווערט רוישיגער און רוישיגער דער טאַנץ
אין קרייז ארום די ליכט, ארום מיין גוף;
אָט פאַלט זי צו צום דיל און הויבט זיך אויף,
די הענט ארומגעקלאַמערט ארום האַלז,
די האָר, ווי אירע שלייערען, צובלאָזען זיך ארויף, ארויף,
און, ס׳דוכט זיך, נאָך א רגע — און איר הייסער אטעם
וועט אויפפלאַמען, ארומכאַפּען איר קאָפּ, די האָר,
צוזאַמענקנוילען זיך מיט אַלע קנוילען פונ׳ם ווייךוך...
אָט פאַלען פון איר לייב ארונטער אַלע שלייערען,
און זי — א נאַקעטע, א נאַקעטע, א נאַקעטע
צולאָזט זיך שטאַרקער אין איר שווינדלענדיגען קאַרעהאָד

און אירע ליפּען שטאַמלען, זינגען, מורמלען, ווערגען זיך
— „מיין האר, מיין האר, מיין האר!..“
(אַ, פּאַטער מיינער, — גאָט אין הימעל,
דער ווייסער לייב איז מער ניט ווייס,
דער דינער האַלז איז מער ניט דין,
דער הייסער מויל איז מער ניט הייס,
דער רויטער ווין איז מער ניט רויט...
אַ, פּאַטער מיינער, — גאָט אין הימעל,
די קישענס זענען דאָך פון שטראַלענדיגסטען זייד,
די ליכט — פון בעסטען חלב,
דער רויך — פון לויטער בשמים...)“

זאָג איך ארויס נאָר איין וואָרט:
— מאָדנע.
כאַפּט ער אונטער און זאָגט:
— „אז ווערטער זענען מער קיין ווערטער ניט;
פון אָנפאַנג, גאָר פון אָנפאַנג איז געווען דאָס וואָרט,
אָבער איצט איז מער דאָס וואָרט קיין וואָרט ניט —
אַ שערבעל נאָר,
וואָס מען לייגט ארויף אויף די אויגען פון אַ בר מנן...
און ווען מען לויפט נאָך אזוי נאָך, ווי מיר,
דער ריח פונ׳ם בר מנן?..
און שטעל זיך פאָר, ווען איך פאַרלויף ניט איצט צו דיר,
מיט וואָס עס וואָלט זיך היינט די נאכט פאַרענדיגט! —
דו זעהסט, אָט ליגט אַ האַמער אין מיין בוזים,
און ווען דער האַמער וואָלט געווען צו לייכט,
אָט האָב איך נאָך אַ מעסער, זעהסט...
דו ווייסט ניט, ווי עס לאָקט מיך שוין פון יאָרען לאַנג
דער זיסער פּיינליכער געדאַנק פון מוטער־מאָרד...
ניט איינמאָל האָב איך שוין געהאַלטען אויסגעשטרעקט די האַנט
און גרייט געווען מיט איין באַוועגונג איבערשניידען
איר ווייסען נאַקעטען מאַדאָנאַ־האַלז...
דו ווייסט ניט, אַך דו ווייסט ניט וואָס עס מיינט אזוינס

צו זיין א גאָט פון מענשען,
צו זיין די פרייד פון בעטענדיגע, קניהענדיגע,
צו זיין געטראָגען אין דער הויך אריבער אַלעמען,
און דאָך פאר זיך אליין ניט קענען אויספירען, באפרידיגען
דעם זיסען פיינליכען גערדאנק פון מוטער־מאָרד. —
און קומען מוז דאָך אזא טאָג,
ער מוז דאָך קומען — און א סוף זאָל נעמען..."

זאָג איך גאָר נישט און איך טראַכט נאָר:
דער אויפגעהויבענער אריבער אַלעמען, דער שטילסטער,
טראָגט נאָך מיט זיך א מעסער מיט א האמער
און צערטעלט טיף אין זיך א מאָרד־געדאנק.
צום ערשטען מאָל צולאַכט ער זיך און זאָגט:
„— איך חזר איבער נאָך אמאָל,
דו ביסט נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין גאָט פון מענשען,
עס האָבען זיך צו דיר קיין הענט געצויגען,
און אן דיין שוועל האָט קיינער, אויסער מיר, ווייזט אויס,
נאָך ניט געקלאפּט זיך מיט׳ן שטערען;
דעם ריח און דעם טעם פון בלוט האָסטו נאָך ניט געשפירט,
אריבער אָפּגעדעקטע לייבער ניט געשפּאנט,
און אויסגעשטרעקטע העלזער ניט באַרירט...
ווייזט אויס, אז איך בין גאָר דער ערשטער,
וואָס איז געקומען קלאפּען מיט׳ן שטערען אן דיין שוועל,
און אויך דער ערשטער צו ענטפּלעקען פאר דיין אויג
דעם אויסזעהן פון א בלוט־באַנעצטען מעסער,
די שטיקלאך מארך פון א צופּלעטען קאָפּ
וואָס הענגען נאָך ארונטער פון מיין האמער...
(אָ, פאָטער מיינער — גאָט אין הימעל,
דעם מעסער האָב איך נאָך ביז איצט ניט אָפּגעוואשען,
דעם האמער האָב איך נאָך ביז איצט ניט אָפּגעפּוצט,
דער בר מנן איז נאָך ביז איצט ניט אפּגעקילט. —
אָ, פאָטער מיינער, — גאָט אין הימעל!) —
וואָס שפּרינגסטו אויף, וואָס ציטערסטו, וואָס לויפסטו?

וואָס שטעלסטו אויס אויף מיר אַזוינע אויגען ?
אַנ׳איינגעהאַלטענער אַזאַ ווי דו, אַזאַ פאַרשלאָסענער,
אַזאַ פאַרשטאַנדיגער און קלוגער מח
זאָל פּלוצלינג זיך אַזוי דערשרעקען, —
פאַרשטיק דיין קול, זיי שטילער, שטילער...
וואָס דעקסטו צו דעם האַלז מיט דיינע פינגער ?
מיין מעסער איז געשליפען נאָר פאַר אייגענע,
און דו, וואָס ביסטו מיר ? — אַ פרעמדער...
פאַרשטעהסטו ניט, אַז ווען איך זאָג דאָס וואָרט: אַ מעסער —
איז שוין די האַלז פון לאַנג צושניטען;
אַז ווען איך זאָג דאָס וואָרט: אַ האַמער, —
איז שוין דער מאַרך פון לאַנג געעפענט;
און ווען איך זאָג: דאָס וואָרט איז מער קיין וואָרט ניט —
איז שוין דער סוף געקומען... שוין געקומען...

א. מ. פוקס.

צווישען בוימער.

א. מ. פוקס:

צווישען בוימער.

דאָס קליינע פערדעל טענצעלט גיך, דריבנע, די פיסלעך פלעכטען זיך איינס־אין־ס׳אנדערע ווי די רינגלעך אין א קייט, טרעטענדיג אויף דעם פלאכען מאָגערען שאָטען וואָס יאָגט פאראויס אויפ׳ן ווייטען זוני־גען שטויביגען וועג.

אויפ׳ן וועגעלע דרימעלט איינגעהויקערט ר׳ זעליג סאדאָווניק מיט דער בייטש אין דער האנט. זיין ברייטע רויטע באָרד וויגט זיך איבער דער גראָבער וואָלענער פאטשיילע אויפ׳ן האלז, און זי שימערט אין דער זון דורכזיכטיג מיט א גאָלדענעם גלאנץ. דאָס וועגעלע קלאַפּט, טרייסעלט מיט די צעבראָכענע דראבינקעס מיעד און שלעפעריג אין הייסען מיטאָג־שווייגען אריין: טא־טא, ט־א־טא־טא... פון הינטען יאָגט נאָך א גערדיכ־טער ווייסער וואָלקען שטויב.

און נאָר ווען עס טוט פּלוצים מיט׳ן פעדערשטען רעדעל א פאַל אריין אין א גריבעל אויפ׳ן וועג, טוט ר׳ זעליג א הויב אויף דעם קאָפּ און שווער א טשמאָק מיט׳ן מויל:

— וויאָ!

פון ביידע זייטען וועג זענען שוין די פעלדער אָפּגעשניטען, ליידיג. דאָ און דאָרט שטעהט אין דער מיטען אן איינזאַמער איבערגעבליבענער פארוויאנעטער באָדזיאַק. פון זיינע שטעכערס ציהען זיך די ערשטע זילבערנע הערבסט־פּאַוועטיקעס. פון דערווייטען זאַמלען אָנגעבויגענע גוים סנאָפּעס, און שטעלען זיי אויף אין שפּיציגע קופּקעלעך, וואָס זעהען אויס ווי קליינע הייזלעך. אונטער דעם בלענדענדיג ווייטען גרינ־ליכען סוף־זומערהימעל ווייזען זיך אויס די גוים זעהר ווייט, ווייט, איינגעשרומפּען, און קליין, ווי קינדער. דאָס שאַרפען פון א קאָסע קלינגט פון ערגעץ דין, העל, און קלאָר, אין דער לויטער־פלימערענדער לופט.

— דאי באָזשע שטשאַסציע — שרייט ר׳ זעליג.

— דאי באָזשע אי וואָס — שרייען צוריק די גוים.

אונטען אין טאָל שלאָפט דאָס דאָרף, די שטרויענע דעכלעך באַ־

האלטען צווישען די טונקעלע בוימער אין דער מיט גליהט ארויס גאלדען דער שפיץ פון קלויסטער. דאס שווארצע ראד פון דער מיהל דרעהט זיך פאמעליך, שווער אונטער וואסער־שטראם. ביים ברעג פראטשעט א גויה וועש מיט׳ן פראלניק אויפ׳ן שטיין, פון אונטער איר פארהויבענעם גראבען העמד קוקען ארויס אירע נאקעטע ליטקעס, דיק, פריש און רויט פון נאסקייט.

ר׳ זעליג׳ס פערד־און־וועגעלע יאגט איצט, פליהט מיט צעלאזענע לייצען דעם בארג־אראפ. אקעגען בארג־ארויף שלעפט זיך א באגרעבעניש. דאס שוואכע פערדעל בויגט דעם קאפ, צעשפרייט די זייטען, רייסט די ערד מיט די פאדקאוועס און שלעפט מיט אלע כחות די שווערע שווארצע טרומנע וואס ליגט אויס־געשטרעקט אין דער לענג. א קליינער בארוועסער גוי מיט לאנגע קודלעס, דאס העמד איבער די הויזען, געהט פאראויס און טראגט פעסט אין ביידע הענט א גרויסען דעמבענעם צלם אנגעשפארט אין בויך. א שוואר־צער הונט מיט א ארויסגעשטעלטער רויטער צונג, וואס בארירט די ערד, לויפט נאך. א הויכע אנגעלאדענע פור סנאפעס קומט אנגעיאגט. די איינגעשפאנטע שווארצע אקסען האלטען צוריק מיט זייערע שווארצע דיקע קעפ די לייכטע לאסט וואס רייסט זיך בארג־אראפ. די פורען פארטשעפען זיך שיער.

— העי, אויף א זייט! אויסמיידען! — שרייט דער בלאנדער שייגעץ וואס זיצט אויבען אויף דער פור סנאפעס.

* * *

ר׳ זעליג פארקירעוועט דאס פערד־און־וועגעלע אין סאד אריין, וואס שטעהט שטיל און געדיכט מיט זיין טונקעלער מאסע בוימער אנגע־שפארט אין דער מיט בארג. א פרישע, שארפע גרינקייט דופטענדיג קיהל און הארב, וואשט אויס די מידקייט פון די אויגען. אלטע ברייט־צעוואקסענע בוימער, צעקרימטע, פארפלאכטענע, שווער־באלאדען מיט גרויסע עפעל, באוואקסען מיט מאך, און פארוויקעלט די דיקע שטאמען מיט הויכע ווילדע כאפטעס און פלאנצען האלטען אין זיך איינגעוועבט די שטילקייט און פארשטעלען דעם הימעל. אויף די שוואכע זונען־פלעקען אין גראז ציטערען לייכט די שאטענס פון די צווייגלעך, ווי געצייכענט פון רויך. פויגעל שארפען זיך די שנאבלען אן די בוימער און פליהען פון איין צווייג צו דער אנדערער.

ר׳ זעליג שפאנט אוים דאס מידע פערדעל מיט׳ן ווייסען פלעק אויפ׳ן שטערען, פענטעט די פארערשטע פיס און טוט אים א באך מיט דער פויסט אין בויך.

— טפ־ר־ר! געה פאשען!

ר׳ זעליג דינגט יעדעס יאהר דעם דאזיגען סאד ביים פריץ פונ׳ם דארף. ער, ר׳ זעליג סאדאווניק, איז א לאנגער, ברייטער, איבערגעבויגע־נער, טויבער איד, מיט א בלוי גילקעלע אונטער׳ן לינקען אויג. די פאלעס פון זיין גרינער קעשענע זענען תמיד איינגעשטעקט אין גארטעל, און זיין פארשמאלצעוועטע יארמעלקע אונטער דעם אויסגעקראכענעם סא־מעטענעם קאפעליוש איז צוגעקלעפט צו זיין ברייטען ברוגז׳ן לעדערנעם שטערען ווי א שווארצע ערדערנע שיסעל. ער וואוינט אין נאהענטען שטע־טעל, און האנדעלט בשותפות מיט זיינע זין און איידעמס, דיקא, הארטע, געשטיפעלטע אידען ווי די קלעצער, אנגעפעלצט אין הארטע בלעכענע לייבלעך איינס אויפסאנדערע. זיי רעכענען זיך מיט קריידלעך אויפ׳ן טיש, ווארפען זיך דערביי די העסעס פון די ווענט אין די קעפ אריין, און שמחת תורה האבען זיי אלע בשותפות א חזקה אויף אתה הראתה.

— וואו קען ערגעץ זיין דער למך, וואו... חאליעט אודאי אין בויד, קער ער חאליאען... — ברומט ר׳ זעליג צו זיך אליין און לאזט זיך געהן צום שטרויענעם ביידעל וואס שטעהט אין מיטען סאד אין א זוניגען אויסגעטרעטענעם פלעק אנגעשפארט אין א מורא׳די־דיקען צעוואקסענעם בוים.

אינוועניג אין טונקעלען חלל, שטעהען אנגעפילטע זעק מיט עפעל און בארען גרויסע, גרינע הארטע ווינטערדיגע, קופעס אויבסט ליגען אין שטרוי, טארבעס וואלגערען זיך, קעסטלעך, שמאטעס. אונטער א קראקווע שטעקט א געקארבטער הילצערנער לעפעל, א צעשאטענער „ספר נפלאות" מיט ראזעווע בלעטער, א שטיק זאלץ. פאר׳ן ארייננאנג אויף א צווייגעל הענגט א פארדארטע האניטשע און א קריג וואסער.

ר׳ זעליג לייגט צו ביידע הענט צום מויל און טוט א געשריי:

רעב ליפע! רעב ל־יי־פ־ע!

— האפ, ה־א־א־פ! — ענטפערט פון דערווייטען א קול און דאס ווידערקול קומט צוריק פארשפעטיגט טויב פון ערגעץ ווייט,וויט: — ה־א־פ, ה־א־א־א־פ!

אונטען ארום, נישט פון וואנען דאס קול איז געקומען, באוויזט

זיך באַלד צווישען די בוימער ר׳ ליפּע דער היטער, אַ קליינער איינגעטריקענטער זקן מיט אַ קליין הערבּיקעל אויף די פּלייצעס און קורץ באַרכען לייבעל אָהן קנעפּלעך, אַ גרויסע אַלטמאָדישע זילבערנע קייט מיט אַ זייגער־שליסעל הענגט אים אויף דער ברוסט. פאַר אַ יאָר פופציג האָט ער זי באַקומען אַ מתנה צו דער חתונה פון זיין ווייבעל, וואָס האָט אים אין אַ יאָר ארום געג׳גט. זייט דאַמאָלט לעבט ער אליין. ווינטער דרעהט ער זיך ארום אין די שטיבער אין שטעטעל, לאַטעט אָהן אַ בריל אידישע לייב־פּוטערס, פּליקט פּעדערען אונטער׳ן אויוועז, און דערצעהלט וואונדערליכע מעשיות בין־השמשות אין וואַרימען שניידערשען שולכעל. זומער היט ער דעם סאַד ביי ר׳ זעליגען פאַר צוועלף זעקסערלעך אַ וואָך.

— איר הערט ר׳ זעליג, כ׳האָב היינט געכאַפּט אַ שייגעץ... — שרייט ר׳ ליפּע פון דערווייטענס.

זיין גרויס שוואַרץ שמיישען היטעל פון וועלכען דאָס פוטער ביי די ברעגעס איז אויסגעקראָכען, שטעהט אים האַפּערדיג מיט אַ שפּיץ שיף אויפ׳ן גרויען קאָפּ און זיין בערדעל איז וויס, ווייך און פוכקע, ווי אָנגעשוימטע מילינעס פון זייף און ס׳הענגט ביי אים אויף דער שפּיץ גאָמבע, פריילאָזענדיג דאָס איינגעשרומפּענע געלע פּנים וואָס דערמאָנט אן דעם נאַקעטען גאָרגעל פון אַ טרפה׳נעם האָהן.

ר׳ ליפּע שפּאַנט אין גראָז מיט אַ דיקען קרומען סענקעוואַטען שטעקען אין דער האַנט און אונטער אים לויפט נאָך אַ קליין באָרוועס שייגעצעל מיט אַ ווייס פלאַקסען קעפּעל.

— באַטיסיע באַהאַ, פּאַניע ליפּע, ווידייטע מיני קאַפּעליאָך... — וויינט דאָס שגצ׳ל.

— ניע מאָזשנאַ קראַסטי, מ׳טאָר נישט גנב׳נען — וואָס מיינסטו עפּעס, אַ נעמאַ דורנעך! — כ׳האָב געכאַפּט אַ גנב! איר הערט, ר׳ זעליג?

— האַ?

— האַ? — מאַכט ר׳ זעליג אָנבויגענדיג מיט דער האַנט אן אויער, און בשעת מעשה פאַרציהט זיך זיין מויל קרום ארויף אַזוי, אַז אויף דער האָריגער באַק באַווייזט זיך אַ שוואַרצע לאָך.

— איר הערט, ר׳ זעליג, כ׳האָב היינט אַ גאַנצען טאָג געהיט דעם סאַד... געכאַפּט אַ שייגעץ... — שרייט ר׳ ליפּע ארויף יענעם אין אויער.

— איר הערט, אונטען אין סאַד האָט זיך אריינגעכאַפּט אַ שגץ און גע־טרייסעלט עפּעל, געַגנב'עט פולע קעשענעס... נאַט, ר' זעליג, כ'האָב ביי אים אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליאַש.

ר' זעליג נעמט שווייגענדיג ברוגז דעם שגצ'לס ברידיגען צעלעכער־טען קאַפּעליוש פון ר' ליפּעס הענט, באַטאַפּט אים פאַמעלעך, איז אים בודק פון אַלע זייטען, קערט אים איבער מיט דעם אונטערשלאַק ארויס און זאָגט טרייסלענדיג מיט זיין רויטער קאַנטיגער באָרד:

— צוואַי גראַצער! ווערט אינגאַנצען צוואַי גראַצער. פו, אַ מציאה...

— גוט, איז צוואַי גראַצער, — חאַפּט אונטער ר' ליפּע מיט היץ, — צוואַי גראַצער געהען אויך ניט צו־פּיס. האָסטו געזעהן אזוינס... ווען איר פאָרט אוים די גאַנצע וועלט געפינט איר ניט אפילו אַ האַלבען גראַצער... הערט איר, ר' זעליג, איר מעגט הערען, דער רבי ר' מאיר'ל איז אַמאָל געגאַנגען קיין קאָזנעוו אויפ'ן יאריד, הכלל...

* * *

דאָס שגצ'ל זעצט זיך אוועק אין גראָז, קראַצט זיך די פּלייצע אין אַ בוים און כאַפּט ביהנען ביי די דורכזיכטיגע דינע פליגעלעך. דאָס ווייגען האָט זיך ביי אים אויסגעוועפּט, פאַרגעסען געוואָרען. ער קוקט אין דער זון אריין, וואָס נעמט זיך פון דעם לאַנגען קוקען וואַקלען אין דער הויך צווישען די בוימער־שפּיצען, אין די אויגען נעמט אים בריהען אַ געלער גאָלדענער פלעק וואָס פלאַטערט און ווערט דערנאָך שוואַרץ...

און בשעת ר' ליפּע דערצעהלט די מעשה פונ'ם רבי'ן ר' מאיר'ל, פאַרעט זיך דערווייל ר' זעליג ביים וועגעלע און נעמט ארויס אַ טעפּעל קאַשי־מיט־יאויך פאַרבינדען מיט אַ שטריקעל וואָס זיין אַלטיטשקע האָט אים אין דערהיים מיטגעגעבען אויף וואַרימעס.

— וואָס האָט איר עפּעס מיטגעבראַכט פון מיינעטוועגען גוטס, ר' זעליג?.. — פרעגט ר' ליפּע היטרע צעשמייכעלט און רייבט זיך די הענט.

— הא? — פרעגט ר' זעליג און פאַרשטעהט יאָקאָש וואָס יענער מיינט.

— אָט־אָ־דאָרט־אָ אין טאָרבעלע... — קרעכצט ער און קוימ. — או... הא... נו... אַ איד... דאָרט אָ... אונטען אין זאַק... אוי, אוי, אוי... נו...

ר' ליפּע זוכט לאַנג, באַברעט זיך אין וועגעלע, הויבט אונטער אַ שווערען זאַק מיט קלייען פאַר'ן פערד, שלעפּט אראָפּ אַ קאַסטען, וואַרפט

אראָפּ אַ פּאַס זוכט אָנגעשטרענגט ביז ער געפינט אונטערן שטרוי אַ קליינע סליחה׳לע...

— אזוי, דאָס סליחה׳לע... — זאָגט ער אביסעל ברוגז — זעהר וואויל טאקע, ר׳ זעליג, וואָס איר האָט מיר געבראכט דאָס סליחה׳לע, שיינעם דאַנק... נו... כ׳האָב געמיינט אַביסעל געקעכץ...

ביידע אידען קריכען אריין אין בויד, באָברען זיך איטליכער אין זיין טאָרבעלע, קריכען צוריק ארויס מיט אַ קרעכץ, דרעהען זיך אויס מיט די רוקענס צו אַנאַנדער, דער אהין, דער אהער, און טוען אַ זופּ יעדער פון זיין פלעשעל... דערנאָך וואַשען זיי זיך די הענט, ווישען זיי אָב אין די פּאָלעס, און זעצען זיך אוועק אין גראָז עסען. די פּאָדקאָוועס פון די צעדרעהטע ווייטע הארטע שטיוועל מיט די רויטע אויערען בליאַסקען אין א זונען־פלעק ווי גלאָז. ר׳ זעליג עסט זיין קאַשע־מיט־יאויך פונ׳ם טעפּעל, האַלטענדיג עם פעסט צווישען ביידע קניה, און שניידט מיט זיין שארפען קניפּיקעל דינע פּעניצלעך פון זיין ברויטעל, אַ הויכס, אַ הארטס, מיט א ברוינער געשמאקער צערופּעטער שישקע, און טינקט זיי אין זאַלץ. נאָכ׳ן עסען גלעטען זיך די אידען אָב די בערד, זיפצען און בענטשען מיט אַ געדרייעדעלטען נגון: הזן א־ת ה־ע־ו־ל־ם...

ר׳ זעליג הויבט אויף פון אונטער אַ בוים אַ קליין צוגעלעגערט עפּעלע און קייט מיט הנאה. ר׳ ליפּע זוכט זיך אויס פונ׳ם זאק א גרויסען עפּעל, אַ שעהנעם מיט א רויט בעקעל, טוט אין אים געשמאַק אַ ביס אריין מיט זיינע שטאַרקע ציין און שפּייט תיכף אוים:

אַהי... ווערעמדיג... אַזאַ שיינער עפּעל, און ווערעמדיג... לאָמיך זעהן, זאָגט מיר אַ שטייגער, ר׳ זעליג, ווי ארום קומט אריין דער וואָרעם, האַ?... ארום און ארום גאַנץ און אינווענינ אַ וואָרעם... כ׳מיין זיין ליבענם נאָמענס סוד... הערט איר...

— אַ תל געמאַכט פון אן עפּעל... אי... אַ איד זאָל נאָר האָבען א טבע א תל צו מאכען... — ברומט ר׳ זעליג צונויפציהענדיג זיינע גע־דיכטע דיקע ברעמען וואָס הענגען אראָב איבער די אויגען בייז און צאָרענדיג ווי צוגעקלעפּטע.

* * *

די נאָכמיטאָגדיגע שטילקייט הענגט טיף און זאַט צווישען די בוי־מער. פונ׳ם דאָרף הערט זיך א געצויגענער קרעה פון א האָהן. ביידע אידען דרעהען זיך ארום אין סאָד מיט די דיקע שטעקענס אין די הענט,

שווייגען און קוקען זיך נישט אָן, איטליכער פאַר זיך, אָבער תמיד קומט זיי אויס צו זיין אינאיינעם... די צווייגען פון די יונגע ביימלעך וואָס בויגען זיך אונטער דער לאַסט פון׳ם אויבסט זענען אונטערגעשפאַרט מיט דרענגלעך. די ביימער וואָס דאָס אויבסט איז שוין פון זיי אָבגע־טרייסעלט, זענען צעשויבערט, די בלעטלעך געל, זאַט, איבערגעקערט מיט דער אונטערשטער זייט פון אויבען און ס׳זעהען זיך דורך שטיקער הימעל. ר׳ זעליג פאַרגיסט דעם קאָפּ און זוכט אויף זיי אַ לעצטען עפּעל וואָס באַהאַלט זיך אויף׳ן שפּיץ פאַר די פויגעל וועגען, ער געהט פון איין בוים צום צווייטען, קלערט, ציילט און באַרעכענט וויפיעל איעדער האָט פּאַראיאָרען אָראָבגעוואָרפען רוח, וויפיעל עס וועט זיין היי־יאָר, און איבעראיאָר וועט דער אויבערשטער מסתמא באַשערען אַ געראָטעניש.

אונטער ר׳ זעליג׳ס פּלייצע, פּאַרטרונקען אין ווילדע צעצויגענע קוסטעס און האָפּטעס שטעקט ארויס ר׳ ליפּע׳ס שפּיציג היטעל. ער שלייכט פּאַמעליך, אַרבייט מיט די הענט, בויגט אוועק די שטעכענדיגע דערנער און באַדיאַקעס וואָס שמייסען אים אין פּנים, בריהען די הענט, און ס׳זעהט אויס ווי ער וואָלט צעשווימען אין אַ געדיכטען גריינעם טייך. אָפּט בלייבט ער שטעהן און נעמט אַ ווילדע פלאַנץ אין די הענט, אַ נייע, וואָס ער קען זי נאָך נישט, עפענט דאָס קעפּעל, צובלאָזט די בלעטלעך, און חידוש׳ט זיך, שטאַרק צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ: זיין ליבען נאָמענס נסים... זיין ליבען נאָמענס נסים... אָה...

ר׳ זעליג, זייטשע מוחל, ר׳ זעליג איר הערט, ר׳ זעליג, אַנו, טרעפט וועך ס׳דאַוועגט דאָס יאָהר מוסף אין סטרעלסקער שולכעל?..

— ה־אַ? — מאַכט ר׳ זעליג און בויגט אָן אָן אויער מיט דער האַנט.

ר׳ ליפּע האָט דאָס ארומקריכען טיף אין געדיכטען סאָד באַזונדערס ליב. ער האָט ליב צו הערען זיין אייגען ווייך וויבעריש קול וואָס שווימט ארום, וואַקעלט זיך אין דער טונקעלער גרינער שטילקייט ווי אַ פּלעשעל אויפ׳ן וואַסער.

— הערט איר, ר׳ זעליג, איר מעגט הערען, ס׳וועט שוין זיין דאַרינען אַ יאָר עטליכע־און־פערציג, בין איך אַמאָל געפאָרען...

די לופט ווערט מיטאַמאָל פּאַרגליווערט און צונויפגעפּרעסט. דער מילדער זיסליכער עפּעל־ריח ווערט דושנע שווער. דאָס הויכע טיפע גראָז אונטער די פיס בויגט זיך איין, און טונקעלט זיך פּלוצים מיט אַ אונ־

היימליכען גרויסען שאָטען. די צווייגען דריקען זיך צוזאַמען און ווערען פארשטאַרט אין געדיכטע טונקעלע קנוילען. ס׳דערהערט זיך אַ צעשראָ־קען קלאַפּען פון פליגלען ערגעץ טיף צווישען די בוימער, און אַ קורצער הייזעריגער געשריי פון אַ פויגעל. פון דערווייטען קאַטשעט זיך שוין פּאַמעליך דער דונער, איינגעהאַלטען, צוגעדושעט, טויב, ווי דאָס ברומען פון אַ בריק אויף וועלכער עס פאָרט אַ שווערער וואָגען. באַלד קומט דער דונער נעהענטער, שלאָגט זיך אָן, רייבט זיך וואָס אַמאָל גיכער, העכער, שטאַרקער, ווי פלאַכע ריזיגע שטיינער איינער אָן צווייטען און פלאַצט מיט אַ מורא׳דיגען העלען צעשמעטערטען הילך: ט־ר־ר־ר־א, טאַ־טאַ־טאַ־טאַ! אַ שמאָלער שוואַרצער בליץ טוט אַ בלענד ווייס פייער אין די אויגען, און צעדריקט אין דער דאָזיגער רגע דאָס נפש טיף אין זיך אַריין, גלייך די קליידער וואָלטען מיטאַמאָל צו גרויס געוואָרען...

ר׳ ליפע כאַפּט זיך אָן אן ר׳ זעליג׳ס אַרבעל אוןביידע אידען מאַכען גיך אַ ברכה: ברוך... עושה מעשה בראשית...

ס׳דערפּיהלט זיך סמאַלענע. אַ ווילד געפילדער, אַ רעש טוט זיך פון ערגעץ אַ לאָז אַראָפּ, שטראָמען רעגען גיסען זיך, די דיקע טראָפּענס, פול, וואַרעם, קלאַפּען הויך, גיך, ווי אַרבעס, אויף די בלעטער פון די בוימער און בויגען זיי אַראָפּ. אַ דיקער בוים ליגט צעשפּאָלטען, צעריסען אויף שטיקער, די צווייגען צעוואָרפען און אַ פייער־פלאַם זעצט אַרויס פון די שפּאַלטען און ווערט פונ׳ם רעגען צוגעדישעט, דער שוואַרצער רויך בלאָזט זיך גיך אין ווינט און פארשלייערט די ווייסע פרישע האָלץ־שפּענער וואָס הענגען נאָך צעריסען פונ׳ם בליץ.

די אידען כאַפּען זיך לויפען.

— וואַרטעט אויס אויף מיר, ר׳ ליפע! זעה נאָר ווי ער יאָגט! — שרייט ר׳ זעליג, און דער ווינט פארצוקט זיין קול.

— גיכער! גי־כ־ער! איר׳ט אויסגעווייקט ווערען ר׳ זעליג... לויפט! — שרייט ר׳ ליפע, יאָגענדיג זיך פאַראויס צווישען די בוימער וואָס פילדערען אין דער טונקעלקייט מיט אַ מורא׳דיגען רעש, הוידען זיך, וואַרפען זיך, שלאָגען זיך אָן מיט די קעפּ און שפּרינגען צוריק. דער ווינט וואַרפט אַראָפּ די פּרות, פּאַטשט אַרויף און קערט איבער די צוויי־גען צום שטאַם, און די בוימער זעהען אויס ווי ריזיגע שירעמס איבער־געקערטע אין שטורם. ביידע אידען לויפען אָנגעבויגען, די פּאָלעס פאַר־הויבען איבער די קעפּ, און דער רעגען שווענקט און וואַשט זייערע

הארטע, ארויסגעשטעלטע, ברייטע הינטענס וואס זעהען אוים ווי אלטע, הארטע, איינגעטריקענטע לעדערנע זאטלען. די פים פלאנטערן זיך, שטרויכלען זיך איבער פריציעס, קלעצער, אבגעבראכענע צווייגען וואס הענגען נאך און קרעכצען שווער, ביז זיי דערגרייכען דאס ביידעל און כאפען זיך ארונטער אונטער דעם שטרויענעם דעבעל.

— נאדיר אזא זליווע! — זאגט ר' ליפע און טרייסעלט פארסאפעט אפ זיין היטעל פון די רעגען-טראפענס.

— נו, וואס זאגט איר ר' זעליג, הא? — געווען הפנים אנגעצויי־כענט... דער בארען-בוים נעבעך... דער גרויסער פון די כל-נדרי-בארלעך האט געכאפט א דונער... אי, אי, אי... אזא געזונטער בוימער...

און ר' ליפע מאכט צו איין אויג, ווי ער וואלט מורא האבען צו זעהן דעם שווארצען שאטען פונ'ם סוף וואס קומט צו אלעמען.

— דער פריץ איז נישטא אין דארף... וועט מען קענען אהיים פירען א פורעל האלץ פונ'ם בוים, — זאגט ר' זעליג און קוועטשט אוים מיט ביידע הענט דאס וואסער פון דער בארד. — אוי... — טוט ער ביטער א קרעכץ.

* * *

דער שטורם האט זיך געלעגט.

אין ביידעל איז פינסטער און ווארעם. ביידע אידען ליגען מיט די בייכער אראפ איינגעווארעמט אין שטרוי און הערען ווי אין דרויסען קלאפט דריבנע, שטיל, טרויעריג דער ערשטער הערבסט רעגען.

— זיידזשע מוחל, ר' זעליג, רוקט אייך אביסעל... אין מיין זייט רעגענט אריין... — שטארקעט ר' ליפע יענעם מיט'ן עלענבויגען.

— אי! נו... א איד... הא... לאזט נישט איינליגען, ווניג פאר אים די גאנצע וועלט... — ברומט ר' זעליג.

— איר הערט, ר' זעליג, א שעהנע מעשה, איר ווילט הערען?.. פונ'ם בעל שם טוב... אונטער בראד האט זיך אמאל געטראפען...

דאס לייכטע אומעטיגע שעלעשטשען פון די נאסע בלעטער אין דרויסען פארוועבט און פארהויכט ווייט ווייט ערגעץ אוועק ר' ליפע'ס מעשיות, וואס האבען זיך מיט די יארען צעשיט, צעברעקעלט אויף שטיקלעך ווי אלט זיידען-צייג וואס יעדער פאדים איז ניי און גלאנצט.

ער איז פול מיט מעשיות וואָס באהאַלטען זיך אין זיין מח ווי א טשאַטע פויגעל אין א קוסט.

— הכלל, ווי דער ארענדאר איז אזוי ארויסגעגאַנגען מחדש זיין די לבנה, טוט ער פלוצים א קוק... מיכאַלקע! שפּאַן איין דעם שליטען און פאַר... טוט דער הייליגער בעל שם טוב א געשריי...

פלוצים אָבער נעמען זיך די מעשיות דרעהען, פליאַנטערען. ר' ליפּע פיהלט ווי ער היפּעט איבער, ער הערט נישט די ווערטער וואָס שטופּען זיך איינער פאַר'ן אַנדערן, טאַנצען ציטערדיגע, טרוקען און הייס ווי צעגליהטע שטיינדעלעך... גיך... גיך... דערנאָך ציהען זיי זיך פּאַמעליך... פאַרזיכטיג... גלאַטע ווי גומע... ר' ליפּע האַלט זיין האַנט אויף ר' זעליג'ס כאַליעווע און פיהלט דורך איר ציטערדיג, וואַרעם דאָס בייטעלע מיט'ן געלט...

זיינע אַלטע, ווייסע, כיטרע, איינגעטריקענטע אויגען זעהען אין דער האַלב־טונקעלקייט קיילעכדיג־פאַרזשמורעט, און זעהען ענליך צו א נים וואָס איז אביסעלע געשפּאַלטען און ס'זעהט זיך אינוועניג די ברוינע יאָדערע.

— הערט־זשע, ר' זעליג, איר שלאָפט, וואָס־זשע וועט איר טאָן ביינאַכט? הערט־זשע... הכלל...

ר' זעליג כראָפּעט דערווייל געשמאַק, הויבט שווער די זייטען און פּייפט מיט א גראָבען קורצען שנאָרך. אָבער פּונקט דעמאָלט, איידער ר' ליפּע דאַרף שוין צוקומען צום רעכטען סוף פון דער מעשה, ווי אזוי דער אָרעמאַן וואָס האָט געבענטשט אין קרעטשמע, איז געווען אליהו הנביא אליין... טוט ר' זעליג פּלוצים א דרעה אויס פון דער זייט זיין קרומע האָרבאַטע נאָז און זאָגט:

— ליגט און בעבעט... אין דרויסען גנב'עט מען... מ'צעטראָגט דעם גאַנצען סאָד און ער כאַליאַעט... דער איד שטעלט מיך ברלות... דער איד... אה!..

ר' ליפּע'ן בלייבט דאָס לעצטע וואָרט פון דער מעשה קרום, צעדריקט שטעקען אין האַלז, זיין קאָפּ טוט צעבויגען א ציטער מיט א הייזעריגען ברום, ווי ביי א האָהן ווען מען האָט אים איבערגעשלאָגען אין מיטען קרעהען. ער שטעקט אריין די נאָז אין דער קאָרענער פושקע מיט שמעק טאַבאַק, און דערלאַנגט א טיפען שמעק, דערנאָך וויקעלט ער

זיך ארום דעם קאפ מיט א זאק און קריכט ארויס פון דער ווארעמער בויד אין גרויען רעגען אריין...

* * *

דער הימעל איז בלוי, אויסגעוואשען, לויטער, א גרויסער ווייכער וואלקען וואס זעהט אויס ווי א קעמעל מיט צוויי טונקעלע הארבעס ליגט צעלייגט אויף דער זון, פון אונטער זיינע וויס־צעגליהטע שנייאיגע ברעגעס שפריצען אפאר שיפע, יונגע אויסגעבאדענע שטראלען. אויפ'ן אנגעבויגענעם צעטראטענעם גראז ליגען פונ'ם שטורם אנגעווארפענע בלעטער, עפעל, פרישע צווייגלעך, א צעפלאכטענע פויגעל־נעסט. דאס גראז הויבט זיך אויף, גלייכט זיך אויס, טריקענט גיך, און אויף די שפי־צען גליצערן וואסערטראפענס אין דער זון. די בוימער שטרעקען זיך, שפרייטען די צווייגען און אטעמען מיט ווארעמען הארבען דופט. אויף דעם פרישען גרינעם מאך קריכען ארום ווערים, פויגעל שרייען פרעהליך און פיקען זיי אויף מיט די שנאבלען. פון די גרינע כאפטעס שפרינגט ארויס א גרויסע גרינע זשאבע מיט א ווייסען ווייכען בויך. פון דער קוזנע אין דארף הערט זיך ארויף דאס לויטערע קורצע אפגעהאקטע קלאפען פונ'ם האמער. ביי דער זייט מיט'ן פארקאן געהען שוין אהיים די גוים אין זייערע ברייטע קאפעליושען פונ'ם פעלד, אויף די אקסלען טראגען זיי גראבליעס, ריסקאלעס, איינגעפאסטע סערפען. זיי זינגען זייערע קורצע אומעטיגע געצויגענע לידלעך און ווארפען שטיינער די אידען אין סאד אריין.

אין מיט סאד פארן ביידעל דרעהט זיך ארום ר' זעליג און זוכט עפעס זעהר צערודערט. זיין גולקעלע אונטער'ן אויג איז רויט, גרויס, גלאנצעדיג, ווי אנגעשוואלען. ער זוכט אין שטרוי, אין גראז, טרייסעלט אויס די שמאטעס, די קעסטלעך, טוט זיך אלע רגע א טאפ די כאליעווע און ברומט:

— נישטא... טאקע נישטה...

— נישטא... טאקע נישטא...

דערנאך לעגט ער צו ביידע העגט צום מויל און שרייט:

— רעב ליפע, ר־ע־ב ל־י־פ־ע־ע!

— האפ, ה־א־א־פ! — ענטפערט פון דערווייטען קוים וואס מען הערט א שוואך קול.

ס'פארגעהט לאנג ביז ר' ליפע באווייזט זיך פון דערווייטען צווישען

די בוימער. דאָס שפּיציגע היטעל איז איצט ביי אים איינגעפאַלען, צע־קנייטשט, אויף איין אַקסעל הענגט אים אַ לאַנגער אַלטער צעפליקטער פוטערנער טוזליק, וואָס שלעפּט זיך שווער נאָך אין גראָז.

— ר׳ ליפּע, קומט נאָר אהער גיכער! — שרייט ר׳ זעליג.

— וואָס? כ׳האָב נישט קיין צייט, איך קליב עפּעל, — ענטפערט צוריק ר׳ ליפּע.

— מ׳דאַרף נישט קיין עפּעל... געוואָרען אַ קלייבער... קומט נאָר אהער בעסער... — שרייט ווידער ר׳ זעליג.

ר׳ ליפּע קומט פּאַמעליך צוקריכען, האַלט זיך ביידע הענט ביים קאָפּ און קרעכצט:

— אי, געוואַלד... זיי האָבען מיך דער׳הרג׳עט, די גוים... כ׳האָב געכאַפּט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין... געוואַלד...

ר׳ זעליג קוקט אים אָן אַ מינוט מיט זיינע גערדיכטע בייזע אַריבער־הענגענדע ברעמען און זאָגט:

— זאָגט נאָר, ר׳ ליפּע, איר האָט נישט געזעהן מיין בייטעלע? הא?

— וואָסער בייטעלע?...

— ס׳בייטעלע מיט׳ן געלט... אין שטעטעל אָפּגעלייזט פאַר׳ן אויבסט, אכצען זילבער, מיין בלוט... נישטאָ פּלוצים דאָס בייטעלע... נו, הא... — קרעכצט ר׳ זעליג.

— וואָס זאָגט איר? הא? כ׳הער נישט...

— וואָס בעבעט איר, ר׳ זעליג... איך וועל אייך העלפען זוכען... אָדער איר האָט, פאַרשטעהט איר מיך, פאַרלאָרען, אָדער מ׳האָט אייך באַ׳גנב׳עט נעבעך... הערט איר, איך וואָלט אייך געקענט דערצעהלען אַ שעהנע מעשה... — מאַכט ר׳ ליפּע, און זוכט אַרומקריכענדיג אויף די קני אין גראָז.

— ווער גע׳גנב׳עט, וואָס גע׳גנב׳עט... נאַ דיר גאָר גנבים... — טוט אויף אים ר׳ זעליג אַ קרומען פאַרדעכטיגען קוק פון דער זייט.

ער הערט אצינד קלאָר יעדעס וואָרט וואָס יענער רעדט, גלייך ער וואָלט גאָר קיינמאָל אין זיין לעבען נישט טויב געווען.

— וואו האָט איר עס געהאַלטען, ר׳ זעליג?

— וואָס הייסט וואו? ווי תמיד, אין כאַליעווע... — קרעכצט ר׳ זעליג.

— וואָס רעט איר, אין כאַליעווע? ווערט האַלט עפּעס געלט אין

א כאַליעווע... אי, געוואַלד, איכ'ל עס נישט אויסהאַלטען... — שיסט ר' ליפּע פּלוצים אוים א דריבנע געלעכטערל און פאַרהיסט זיך.

— אי, ר' זעליג, ר' זעליג, וויפיעל מאָל האָב איך אייך געזאָגט: געוואַלד, האַלט נישט דאָס געלד אין דער כאַליעווע... אמאָל איז דאָ א לאָך, און ס'קען ארויספאַלען...

— כאַליעווע שמאַליעווע... קוקט אים נאָר אָן, מיין וואוילען יונג... — ברומט זיך ר' זעליג נאָך געפּייניגט.

— ווייסט איר וואָס איכ'ל אייך דערצעהלען, ר' זעליג, שפּאַנט בעסער איין דאָס פערד־און־וועגעלע, און פאָרט אהיים נעכטיגען... נאָר פאַרגעסט נישט מערטשי־מאָהגען עפּעס גוטס מיטצוברענגען... פון מיי־נעטוועגען... מילא, א שאָדען... — זאָגט ר' ליפּע.

ר' זעליג טוט אויף יענעם ווידער פאַרדעכטיג א קוק פון דער זייט, און זיין גולקעלע אונטער'ן אויג ווערט פּלוצים קלענער, רוהיגער אויסגע־לייטערט.

— הא? אהיים פאָרען, טאַקע, איר זענט גערעכט, אויף נאַמנות... איך פאָר אהיים נעכטיגען... מילא, א שאָדען געהאַט... — זאָגט ר' זעליג און נעמט זיך גיך איינשפּאַנען, איילט זיך.

ר' ליפּע העלפט אים צו, פאָרעט זיך, שטעלט אונטער אַן אקסעל. ער איז זעהר פרעהליך, לאַכט מיט זיינע אַלטע שטאַרקע ציין, וואָס זענען געל און ברייט ווי באָב, און דערלאַנגט בשעת מעשה ר' זעליג'ען א שנעל אין דער נאָז. ר' זעליג טוט א שמיץ דאָס פערדעל און שווער א טשמאָק מיט די ליפּען:

— וויאָאָ! זייט געזונד, ר' ליפּע!

— פאָרט געזונטערהייט... געפינט א כשר'ע מציאה... — שרייט ר' ליפּע נאָך דעם וועגעלע וואָס פאַרשווינדט צווישען די בוימער, — נאָר פאַרגעסט נישט ר' זעליג, למען השם, דאָס וועלדעל... ביינאַכט זענען דאָ שקצים... איר הערט...

* * *

ר' זעליג פאָרט אָב א שטיק וועג אין געדיכטען סאַד, דערנאָך בלייבט ער שטעהן מיט'ן וועגעלע און קערט זיך אליין אום צופוס. פון אהיים פאָרען היינט נעכטיגען קלערט ער נישט. ער פאַר'גנב'עט זיך שטיל ביז נישט ווייט פונ'ם ביידעל און באַהאַלט זיך אונטער א בוים. ער זעהט ווי ר' ליפּע דרעהט זיך מיט'ן שטעקען אונטער'ן אָרעם ארומגעגאַרטעלט

מיט דער רויטער פאטשיילע און דאווענט מנחה מיט זיין געדריידעלטען ניגון. דערנאך זעצט זיך ר' ליפע אוועק אויף א קלאץ, נעמט ארויס א ביימעלע פון זיין באליעווע — ר' זעליג'ס ביימעלע — און האלט ענדליך מיט הנאה אין דער האנט די גרויסע אפותיקה, דעם ביימעל מיט געלט, אויף וועלכען ער האט געווארט דאס גאנצע לעבען. דער אלטער ר' ליפע שמייכעלט און פיהלט דעם געשמאקען טעם פון דער הייסער גליהענדיגער פארע אויף זיינע אלטע ביינער.

— אה, אויספארען זיך, אויספרוזשען, — טראכט זיך ר' ליפע. — דער אייבערשטער האט באשערט א כשר'ע מציאה... ס'געהט צו ווינטער. מ'דארף א אונטערגענעה... א מעסטעל בולבעס... איינצאלען דירה־געלט... א פאר זילבער מוז מען אוועקלעגען מ'זאל זיי נישט דארפען... א מענש האט זיך נישט אין די הענט... אויף דער עלטער...

ר' ליפע טוט זיך א וויש די הענט אין גראז:

— אה, געלויבט איז גאט!... — און ער נעמט ציילען דאס געלט, די שווארצע זילבערנע גילדען פאמעליך מיט די פינגער פון איין האנט אין דער אנדערער אריין: זעקס... ניין... צוועלף... אכצען...

פון אונטער א בוים צוקאפענס קומט פלוצים ארויס ר' זעליג מיט דער בייטש אין דער האנט, הויך, אויסגעגלייכט, רוהיג. ער נעמט שוויי־גענדיג ארויס פון ר' ליפע'ס הענט דאס ביימעלע, ציילט איבער פאמעליך צוויי מאל דאס געלט צווישען די פינגער באהאלט עס אין באליעווע אריין, און טוט א קרעכץ.

ביידע אידען קוקען אוועק און שווייגען.

אהוש!.. אט האט איר א וועווריקעל, ר' זעליג, איר זעהט? אהוש!..
— דערלאנגט זיך ר' ליפע א הויב אויף פונ'ם קלאץ און קלאפט מיט'ן שטעקען אין בוים: אהוש!..

דאס וועווריקעל קוקט צעשראקען מיט זיינע גלאנציגע קיילעכדיגע אייגעלעך, דערנאך פארררייסט עס דאס דיקע ברוינע עק און שפרינגט קוים מיט'ן אויג צו באמערקען פון איין בוים־שפיץ צום צווייטען.

ר' זעליג שווייגט. ער זעצט זיך אוועק אויפ'ן קלאץ און קנעט מיט זיינע האריגע פינגער טייגלעך אין אן ערדערנער שיסעל צו דער וועטשערע.

די אוונד־שאטענס צעשפרייטען זיך איבער'ן גראז, ווי טונקעלע

שלייערס. פון דערוווייטענס זענען שוין די בוימער שווארץ, צענויפגעג־דריקט אינאיינעם. ר׳ ליפע לאָזט זיך אוועקגעהן און קערט זיך אום:

— הערט איר, ר׳ זעליג, איר האָט מיר דערמאָנט אַ שיינע מעשה... — זאָגט ער.

— הא? — מאכט ר׳ זעליג, בויגט אָן מיט דער האנט אן אויער און פארציט קרום דאָס מויל.

ר׳ ליפע בלייבט שטיל. ער שטרענגט אָן דעם מח עפּעס צו דער־מאָנען, אָבער די מעשיות זענען נישטאָ, ארויסגעפלויגען אלע פון קאָפּ, ווי א טשאַטע פויגעל פון אַ קוסט, אין וועלכען מ׳האָט ארייגעוואָרפען אַ שטיין.

פּלוצים דערזעהט ר׳ ליפע דאָס שייגעצעל וואָס זיצט נאָך אונטערן בוים, אָבגעוואשען, אויסגעקליבט פונ׳ם רעגען אין דער זון.

— הע, טע טשויעש! — טוט ער א רוף דאָס שגצ׳ל. ר׳ ליפע ווערט גאָר לעבעדיג, רירעוודיג:

— איר זעהט, ר׳ זעליג, — שרייט ער — דאָס שגצ׳ל איז נאָך דאָ... ער ווארט אויפ׳ן קאפעליוש... איר הערט, ר׳ זעליג, מען דארף אים אָפּ־געבען דעם קאפעליוש... אויף אַ ערל איז אויך א רחמנות... ער וועט שוין מער ניט גנב׳ענען... אז ס׳איז נישטאָ קיין מזל...

ר׳ זעליג קוקט אים אָן בייז מיט זיינע געדיכטע ברעמען:

— א מילדער מחותן אויף יענעמס קעשענע... מ׳קען כאָטש עפּעס אָפּלייזען? — ברימט ר׳ זעליג.

— אָ־וואָ, אַ מציאה... אן אלטע שמאטע... האָט די ווערט אפשר צוויי גרייצער... ווייס איך וואָס, ר׳ זעליג, גלויבט מיר עס איז נישט כדאי... עה... — טענה׳ט ר׳ ליפע.

— טע, נא מאיעש קאפעליאָש... — שרייט ער און נעמט פונ׳ם ביי־דעל דעם קאפעליוש געהט דריבניטשקע צו צום שגצ׳ל טוט אים אָן דעם קאפעליוש אויפ׳ן קעפּעל און שטופּט אים אריין אַ עפּעל אין קעשענע, ר׳ זעליג זאָל נישט זעהען...

— נא, אנטלויף אהיים גיכער!..

דאָס שגצ׳ל פּרואווט א לויף טאָן, בלייבט אָבער באלד שטעהן, און נעמט וואַרפען שטיקער בלאָטע אויף ר׳ ליפע׳ן, שטעלט אים ארויס די צונג און זאָגט:

זשער, זשער, חאלאמער,
זאהאבעאו, טשערעוועק...

ר' ליפע בויגט זיך איין פאר די שטיקער בלאָטע וואָס פאלען אויף אים, און שאָקעלט טרויעריג מיט'ן קאָפּ. אָבער אינאיינעם מיט די שטיקער בלאָטע זענען אויך די מעשיות צו אים געקומען צוריקגעפלויגען. ער האָט זיך דערמאָנט אַ שענע מעשה און לויפט צוריק צו ר' זעליג'ען...

* * *

די פינסטערניש הענגט אין געדיכטע קלאָמפּענס צווישען די צווייגען. דער ערשטער בלייכער שטערען שימערט דורך די בוימער. דער לעצטער גלאָקען־קלאַנג פונ'ם קלויסטער הינטען, אין דאָרף, פארגעהט פאמעליך, טרויעריג. אַ גרויזיגע פלעדער מויז קרייזט עטליכע מאָל אין אַ האלב־ראָד צווישען די דיקע שווארצע שטאמען, וואָס שטעהען טונקעל, גרוים ווי ריזען־מענשען וואס נעמען זיך ארום מיט צעקרימטע הענט.

וויען, 1916.

מיכל ליכט:

הריי לידער.

א. לוצקי:

די טויטע וועלט.

מיכל ליכט:

לעגענדע.

בלאָנדזשענדיג אין דער וויסטעניש
האָב איך געזעהן די שלאַנגען שמייכלען
זייער פארשטויבטע פעל
אין קאָנוואולסיעס
פון לאכען.

פּאַליעס.

פּאַליעס —
בארג אויף בארג,
סטאָם אויף סטאָם —
פּאַליעס.

פארשייטע צונגען
פלאקערען און לעבען —
פּאַליעס.

איינער פון די פּאַליעס:

— אָט אזוי ברודער פּאַל
— דאָס הייסט אַ קארניוואַל
— ווארימער, ווארימער
— היציגער — —

איינער פון די פּאַליעס:

— טאַנץ פאַר פרייד ברודער פּאַל
— אַ פיינע שפּיל

— מיר ווערען געבאָדען
— אין אַ זונלאָזען הימעל
— רויט, פייער־היים — —

שאָטענס הענגען
האלב צעצויגען,

הוידען
אין דער לופטען —
פאליעס.

קליינינקע.

קליינינקע מיילכעלעך,
ליפעלעך
ברענען פון קארמין
— קוש מיך
— קוש מיך

קליינינקע ווענס
פילען אוים
א ריטואל
— נעם מיך
— נעם מיך

עפּעס פארקייטעלט
מיט צוואנגען
און ליידען
— האלט, האלט
— דיין דו, דיין איך

א. לוצקי:

(פון מיין בוך „די טויטע וועלט")

פאַר אַ רעגען.

ערשטע ליעד

באַלד וועט זיין אַ רעגען,
אַזוי דערצעהלט די גאַס.
קוקען אַלע הייזער
דערשראָקענע און בלאַס.

קומט אַ זון פון הימעל,
שטעלט זיך אָפּ אין גאַס,
און לאַ־אַ־אַ־כ־ט:
„עס וועט נישט זיין קיין רעגען. —
נאָר געמאַכט אַ שפּאַס."

צווייטע ליעד

אַ ווינט מיט גרויען שטויב,
טראָגט זיך מיט אויסגעשפּרייטע הענט
דורך דערשראָקענע גאַסען,
אין אַ בלאַסען דרויסען,
און שרייט.
לויפען לופטען אונטער זיינע פּלייצעס
און ווילען אים כאַפּען.
און אָנגעבלאָזענע וועש
אויף שטריק אין דער הויך,
טייטלען מיט די ווייכע פיס
און מיט די לעדיגע אַרבעל
איינע צו די אנדערע,
שרייען אַרויס פון זייערע אָפענע העלזער,
און האַלטען זיך ביי די זייטען
פון געלעכטער.

דריטע ליעד

א ווייסע באָרד
וויל אנטלויפען פון אן אלטען אידען
אין דעם ווינטענדיגען דרויסען,
פלאַטערט ווי א פאָהן
אין דער הויך,
און דאָס אויפגעבלאָזענע היטעל,
הונטער די ציטערדיגע פינגער
פון זיין לינקע האַנט,
קייכט פון געלעכטער
אין זיין רעכטען אויער אריין...

פערטע ליעד

אין א רעגען.

די הימעל־פרוי האָט זיך אָנגעבויגען,
און מיט איהרע לאַנגע וואָלקען־פינגער
רעגענט זי גרויע מילך ארוים
פון איהרע שווערע בריסט...
ליגט דער שווערער טאָל
אין א ווייכער ערד־וויג
און שלינגט...

פינפטע ליעד

א זון מיט א רעגען.

פון די הויכע הימלען, ביז צו אונזער ערד,
האָבען זיך אויסגעצויגען
שנירעלדיגע שלאַנגען.
מיט אויפגעמאַכטע מיילער.
פון דער ערד, ביז די הויכע הימלען —
ליכטיגע זאַנגען. —

א גאנצע וועלט מיט גלעזערנע שטאכעטען. —
די גאנצע וועלט — א פאלאץ,
מיט גלעזערנע ליכט. —
די גאנצע וועלט — א הארף,
מיט שטאלענע סטרונעס. —
יעדער רעגען שטראם — א בוים.
די גאנצע וועלט — א וואלד
פון וואונדערבארע בוימער. —
א גאנצע וועלט מיט טאנצענדיגע פרויען־פיס...
און גאלדענע זונען הענט,
שארען.
זיך.
צו זיי.
ווי לעבעדיגע...
און מיר,
געפאנגענע אין דער וועלט,
מיט דעם ווייסען ווייסען פון פויגעל,
זיצען אין די שטייגען,
און מיר וואונדערען זיך שטומערהייד.

זעקסטע ליעד.

אין א שטורעמדיגען רעגען.

א ווילדער ווינט
האט זיך צוגעכאפט צו א יונגער מיידעל
אויף א בלעכענער שילד
פאר א שניידערס הויז...
וויל א רעגען
איר פארטומלען
רייסט זי זיך פון זיי מיט גוואלדען,
און שרייט אויף קווטשיגע קולות,
„שניידער!
נעמט מיך אריין!“

אין דער וועלט — פון ארכיוועז.

טעג — ווייסע ווענט — גרויע ווענט — פירעקיגע.
נעכט — שווארצע ווענט — בלויע ווענט — פירעקיגע.
וואו, וואו! — וואו, וואו!
שפאנען טעג — ווייסע ווענט — גרויע ווענט — פירעקיגע.
שפאנען נעכט — שווארצע ווענט — בלויע ווענט — פירעקיגע.
רייה נאָך רייה — רייה נאָך רייה.
ארמייען — ארמייען.
דער וואָס פיהרט — ווייסט וואָס ער פיהרט.
וואוהין ער פיהרט — ווען ער פיהרט.
פון דער וועלט — פון דער וועלט — שפאנען טעג — אויסגעמאטערטע.
פון דער וועלט — פון דער וועלט — שפאנען נעכט — אויסגעמאטערטע.
רייה נאָך רייה — רייה נאָך רייה.
צו דער וועלט — פון ארחיוועז — צו דער וועלט — פון ארחיוועז...
פון דער וועלט — פון ארחיוועז — פון דער וועלט — פון ארחיוועז.
שפאנען טעג — פרישע טעג.
שפאנען נעכט — פרישע נעכט.
רייה נאָך רייה — רייה נאָך רייה.
צו דער וועלט — צו דער וועלט — צו דער וועלט — צו דער וועלט.
דער וואָס פיהרט — דער באפעהלט.
א בעפעהל — און א טאָג —
א באפעהל — און א נאכט. —
געהען אָפּ — קומען אָן —
ווייסע ווענט — גרויע ווענט.
שווארצע ווענט — בלויע ווענט.
רייה נאָך רייה — רייה נאָך רייה.
פון אייביג אָן — צו אייביג אָן —
צו אייביג אָן — פון אייביג אָן.
טריט טריט — טריט טריט — טריט טריט — טריט טריט.

ש. וויטקעוויץ:

בילדער.

צייכנונגען צו יהואש׳ס איבערזעצונג.

פון תא׳אליבי.

ב. קאפמאן:

ליד. עסעי.

צייכנונגען צו דוד איגנאטאוו׳ס

נייען פערטען באנד

„וואונדער מעשות פון אלטען פראג“.

י. טאפעל:

עסעים.



ש. ווײַטקעוויץ: דרײַ.

ש. וויטקעוויץ: אַ פּרימיטיווע שלאַכט.

ש. וויטקעוויץ: דער הודוד־פויגעל איבער'ן גאַרטען פון דער מלכּה בילקיס.

ש. וויטקעוויץ: און שלומה האָט אָפּגעלאָזט די גייסטער.

ב. קאַפּמאַן:

אין אַ הייל אונטער׳ן ים
זיץ איך, אַ ריז, פאַר׳חלומ׳ט;
אין די וועלטען פון די טיפע בלויע וואסערען
ליגט באַהאלטען דער סוד פון מיין לעבען.
איז עס די ווייסע טויב, וואָס האָט
ווי אַ לבנה באַלויכטען מיין טונקעלע נאַרע,
אָדער איז עס דער רויטער אָדלער
וואָס האָט ווי אַ זון געברענט פאַר מיינע אויגען
און געצונדען וועלטען אין מיין ברוסט?
טיף אין אַ הייל אונטער׳ן ים
זיצט אַ ריז און קלערט.

ליבע, לעבען און קונסט.

עסעי.

ווען איך קלעטער ארויף אויפ׳ן בארג פון ספּיריטועלער ווייזהייט, זעה איך אונטען אין טאָל אַ סך מענשען, וואָס פאַרדאַמען מיין שטרעבען, וויל זיי ווילען, אז איך זאָל בעסער צו זיי אַראָפּנידערען, איידער זיי זאָלען זיך אויפהייבען צו מיר. און צו די דאָזיגע מענשען זאָג איך — וואָס פאַר אַ וועגווייזער וואָלט איך געווען פאַר דעם, וואָס ווייס זיין וועג אליין?

דער, וואָס האָט ניט קיין צוטרויען צו דעם כח הדמיון זאָל זיך קיין מאָל נישט ארויסלאָזען זיך זוכען אַ העכערען „איך“, וואָרים כדי צו דער־גרייכען אַ העכערען שטאַפּעל, מוז מען פריהער אוועקשטעלען זיך אויף אַ נידעריגערען.

איך זעה אָבער ארום זיך אויך אַ סך מענשען, וואָס זענען, ווי איך אליין, אריין אין התלהבות, צוזעהענדיג, ווי זייער אייגען געשטאַלט ווערט פאַרוואַנדעלט אין שעהנקייט דורך דעם אקט פון ליבע. וואָרים

נאָר די ליבע אליין וועקט אלצדינג צום לעבען. אז מיין לעבען זאָל תמיד זיין א געזאַנג און א תפלה, איז מיין פערלאַנג. און דערפאר מוז אלץ, וואָס איך טו, האָבען א ספּיריטועלע באדייטונג.

אַן אומגעלומפּערטער אויסדרוק איז מיר דערווידער, ווי א פּעסט. די ליבע זינגט צו מיר, ווי א מלאך מיט מיריאַדען שטימען. און דאָס איז וואָס זי זאָגט צו מיר: — דער באשייד פון געבורט און טויט איז דער גרעסטער באשייד, וואָס מיר קאָנען הערען. ווארים מיט דעם געבורט הויבט זיך אָן דער ערשטער עקסטאַז פון אונזער ערפארונג און מיט׳ן טויט ענדיגט זיך אונזער לעצטער עקסטאַז. דער, וואָס קאָן אריינגיסען די פרייד פון געבורט אין א טויטער סובסטאַנץ, וועט שאַפען דאָס גרעסטע קונסטווערק, ווארים ער וועט אונז געבען די צוויי העכסטע קרעפטען, פון וועלכע מיר זענען באוואוסט, דורך וועלכע מיר קומען און צו וועלכע מיר קערען זיך אום צוריק.

די קונסט, ווי אלצדינג, וואָס לעבט, געפינט איר אויסדרוק דורך דעם אנטאַגאָניזם פון צוויי להיפּוכ׳דיגע קרעפטען. דער עגיפּטישער אויסדרוק פון דער גלייכער ליניע און דאָס פעלען פון דער גלייכער ליניע ביי די גריכען זענען נישט די העכסטע אויסדרוקען פון קונסט, ווייל זיי זענען נישט קיין ספּיריטועלע אויסדרוקען. איינער גיט אונז דעם סימבאָל פון דעם שכל (די גלייכע ליניע), דער אנדערער — פון דער אָרגאַנישער פאָרם (דער קרייז), אָבער דערפאר, וואָס זיי קומען נישט אין באַרירונג איינער מיט׳ן אנדערען, פעלט זיי שטאַרקייט. ווארים כדי צו וויסען די קראַפט פון דער האַנט, מוזט איר זי דריקען אָן עטוואָס, וואָס וועט ווידערשטעהן דעם דרוק. אויף אזא אופן איז איין קראַפט די ארויסרופערין, די באשאַפערין, פון א צווייטער. קומענדיג צווישען זיך אין באַרירונג, באשאַפען די צוויי קרעפטען דאָס באוואוסטזיין פון ביידע. אזוי ווי אלע אָרגאַנישע פאָרמען זענען רונד (אונזערע קערפּער, ביימער, חיות און א. וו.), מוז דאָס, וואָס מיר רופען אָן שכל זיין אנדערש און אויסגעדריקט ווערען אין א גלייכער ליניע.

די גלייכע ליניע איז אויך דער סימבאָל פון דער פאָרשטעלונג, ווארים מיר קאָנען נישט זעהען דעם שכל. מיר שטעלען זיך אים פאָר. און אזוי ווי די גלייכע ליניע איז דער סימבאָל פון דעם שכל, און שכל איז פאָרשטעלונג, איז דער שכל און די פאָרשטעלונג איינע־און־דיזעלביגע זאַך און ווערען אויסגעדריקט דורך דער גלייכער ליניע.

די באריזונג פוןביידע קרעפטען (פון דער גלייכער ליניע און דעם קרייז) שאפט א דריטע קראפט, דאס באוואוסטזיין. דער ציל פון גרויסער קונסט דארף דאריבער זיין דאס באוואוסטזיין, די אורזאך פון צוויי אנטאגאניסטישע קרעפטען — פון דער קרייז און פון דער גלייכער ליניע — אדער פון מאטעריע און דער באלעבונג פון מאטעריע. אויסדריקענדיג די דרייאיגקייט אין איינס, וועט דער קינסטלער דערגרייכען די העכסטע שטופע פון באוואוסטזיניגקייט; ווייל דאס לעבען וועט דאמאלט שלאגען אין אים, ווי אן אייביגער קוואל. טראגענדיג אין זיך די צוויי אנטאגאניסטישע קרעפטען (אין דער וועלט — דאס מאנסבילשע און דאס פרויליבע), איז ער דער באשאפער פון לעבען און איז דער קוואל פון אייביגער ליבע, פונקט ווי דאס שטענדיגע צוווארפען פון ברען־מאטעריאל וועט שאפען א שטענדיג פייער. דאס ווערט פונדעסטוועגען געטאן דורך ליבע און נישט דורך ווייסען, ווייל א מענש קאן ווייסען דעם פראצעס פון שאפען און דאך נישט קאנען שאפען, ווייל עס וועט אים פעלען ליבע. ליבע וועט פירען צו ווייסען, אבער ווייסען וועט נישט פירען צו ווייסען.

איך זאג נאכאמאל, אז דער גרעסטער באשייד, וואס מיר קאנען הערען,, איז דער באשייד פון געבורט און טויט, ווייל צווישען די צוויי ליגען אלע אונזערע ערפארונגען. ווער עס איז געקומען צום באוואוסטזיין פון דעם, איז אריינגעטראטען אין דעם קעניגרייך פון אורזאכען, אין דעם קעניגרייך פון דער דרייאייניגקייט, און האט דערגרייכט דאס אייביגע לעבען. יעדעס ווערק, וואס וועט אונז געבען דאס באוואוסטזיין פון דער גאנצער פרייד און לייד פון אונזער ערשטער און לעצטער ערפארונג, וועט זיין דאס גרעסטע קונסטווערק.

ב. קאפמאן :

צו דוד איגנאטאָוו׳ס

„וואונדער מעשות פון אַלטען פראג“.

און איינמאל ווען דער פראגער רב האט פארשפארט זיין שטעקל אבער דעם שטורעם ס׳יז.

קום מיט פרידען מלכה שבת

י. טאָפּעל:

עסעים.

דער רויטער פויגעל שטעהט אין דעם גרין־באַבלעטערטען בוים און רעדט עפּעס הויך צו דער זי־פויגעל. און די „זי“ ענטפערט איהם אָפּ אַביסעל שטילער, און איך זיץ מיר און פאַרשטעה נישט. און דאָך איז מיר אַזוי ליב און גוט זיך צוצוהערען צו דעם ניט־פאַרשטענדליכען רעדען פון די פייגעל. און דער בוים, וואָס זאָגט ער מיט זיין פיל־קענטי־גען שווייגען? עפּעס רעדט ער, קוים וואָס איך הער, שטיל, אַזוי שטיל, אַז זיין רעדען ווערט אַ זאַך צום זעהען. אויך איהם פאַרשטעה איך ניט. און דאָך איז מיר גוט איהם צו הערען. ער דערצעהלט סודות אַזוי ווי דער רויטער פויגעל. און אַז איך האָב זיי ביידע אַזוי ליב צו זעהן און הערען איז עס דאָך דערפאַר, וואָס מן־הסתם איז פאַראַן אין מיר אַזאַ עפּעס, וואָס נעמט אויף די אומפאַרשטענדליכע שפּראַך און פאַרשטעהט זי. און אויב אין מיר איז נישט פאַראַנען אַזאַ זאַך וואָס זאָל פאַרשטעהן די שפּראַך פון רויטע פייגעל און די קערפּערליכקייט פון בוימער, מוז דאָך אין מיר פאָרט זיין אַזאַ'ן אַפּאַראַט, וואָס נעמט אויף די ערשיינונגען און טייטשט זיי אויס אויף אַן אייגענעם אופן אַזוי, אַז עס זאָל ווערען גוט און גרינג אויפ'ן געמיט.

יעדע זאַך באַנעמט איהר אייגענעם מין, מיט איהרע אינסטינקטען. דער בוים ווייס פון דעם בוים נעבען זיך. די בין פאַרשטעהט איהר שוועס־טער־בין. און ווען די קוה ברומט אַרויס איהר מו־ו־ו, פאַרלאַנגענדיג גראָז אָדער בענקענדיג נאָך דער שטאַל, פאַרשטעהט זי אפשר אַן אַנדער קוה, דורך דער אינטאָנאַציע און די אַנדערע שאַטירונגען פון איהר אייגענעם גאַמוט, וואָס איז איהר באַוואוסט. אין יעדער זאַך וואָס לעבט מיט'ן כח פון טענער, קאָלירען, ליניען און קערפּערליכקייטען, ליגט אַן אַרויס־שטראַלונג: אין דעם געזאַנג פון פייגעל, אין דעם קאָליר פון וואַסער, אין דער קערפּערליכקייט פון בוימער, אין די ליניען פון בערג. און יעדע איינע אַרויסשטראַלונג שטרעבט אויפצוזוכען דאָס ליכט פון אַן אַנדער אַרויסשטראַלונג פון זעלבען מין, און פון דער באַגריסונג פון די צוויי אַרויסשטראַלונגען געהט אויף אַ דריטע. און די דריטע אַרויסשטראַלונג האָט אין זיך נייע קאָלירען, טענער, ליניען און קערפּערליכקייטען.

מיר זענען בוימער אויף פּיס, נאָר מיר קענען ניט אַוועקגעהן פון דער ערד. און מיר נעמען אויף זיך די גאַנצע קאָנקרעטע וועלט — און אויך אַ סך פון וואָס מיר ווייסען ניט — ווייל אַלץ געפינט זיין זין אין אונז. דאַן באַהעפטען זיך די אַרויסשטראַלונגען. אָהן אונזער באַוואוסט־זיין געהט אין אונז פאָר אַ שטענדיג געבוירען. מיט אונזערע אָפענע אויגען באַנעמען מיר די פאַרב און פאָרמע פון אַ רויטער בלום אָדער אַ גרינער בלאַט. נאָר מיר ווייסען ניט מיט וואָס דאָס רויט און דאָס גרין באַוועגען און דערפרעהען אונז. דער מח איז אַ גאַנץ אַנדערע ערשיינונג פון דעם אינסטינקט. אַזוי ווי דאָס לעבען געהט איבער אין טויט, און דער טויט קומט און שפּרייט זיך אויס איבער דעם לעבען — אַזוי שפּרייט זיך דער מח אויס איבער דעם אינסטינקט, מיט דעם גאַנג פון דער צייט.

לעבען מיר היינט דערהויכט צו דער מדרגה וואָס מיר באַזיצען אי דעם מח אי די אינסטינקטען. צי דער מח איז די פרוכט פון די אינסטינקטען, צי אַן אַנדער מין אינסטינקט, צי אַ דעפלעקס — זיכער איז, אַז דאָס זיינען צוויי וועלטען, צווישען וועלכע דער זכרון איז אפשר די איינציגע פאַרבינדונג. און מיר באַטראַכטען און באַוואונדערן די טוהונגען פון די אינסטינקטען, אין רעטראָספּעקט.

מיט דער הילף פון דעם זכרון גראָבען מיר זיך צוריק איין אין די פאַרגאַנגענע נשמה־אויפציטערנישען. און וואונדערליך איז ווי עס שפּילען זיך ס'באַוואוסטע מיט'ן אומבאַוואוסטען, און שיקען זיך איינס ס'אַנדערע ליכטיגקייטען און נעפּלען. כוואַליעס טרויער דערטרינקען מיך אָפטמאָל. און מאַנכעסמאָל ברייטען זיך אויס פאַר מיר גאַנצע הימלען מיט ליכט און פרייד אין מיין פאַרשאָטענעם צימער. פון וואַנען און צו וואָס קומט דאָס אַלץ? און מיט וועלכע מיטלען זאָל איך עס צוריקאויפשטעלען פאַר'ן אויג און פאַר'ן אויער פון מיר און פון דיר?

די ווערטער־שפּראַך איז, טראָץ איהר גאַנצע פילפאַכקייט, אַ באַשרענקטע און אומזיכערע אויסדרוקס־אַרט. דער מענש ווערט זיך באַוואוסט איבער אַ דראַנג אָדער פאַרלאַנג אינווענינ, אַנטבלויזט ער דעם געפיל אין אַ וואָרט. און געה, נאַקעט־בלינד־וואָרט, אויף דער גרויסער וועלט אַרויס. ווי זאָל אַ וואָרט, וואָס איז פאַראייזט געוואָרען פון אַן אונזיכערן געברויך, זאָגען דאָס וואָס איז אפילו דעם מח ניט קלאָר. די ווערטער וואָס באַצייכענען קאָנקרעטע זאַכען בלייבען טריי. נאָר מיר לעבען פיל מעהר אין אַבסטראַקציעס. און די געשטאַלט פון אַן אַבסטראַקציע האָט זיך איהר אייגען פּנים און איהר אייגענע פאַרקלערט־

קייט. זאָגען מיר נאָך איינעם דעם אַנדערענס ווערטער מיט די לויזע באַגריפֿען.

און מיר געפינען, אַז ווערטער זיינען ווייט פון צו אַנטפּלעקען דאָס וואָס דריקט אונזער געמיט. אַז די ווערטער: „אַנטפּלעקען" און „דריקען" און „געמיט" זיינען שוואַכע אָנווייזונגען אויף דאָס וואָס געהט פאָר אין אונז. דאָס גאָר אמת'ע געהט אָן אומבאַוואוסטזיניגערהייט, און אין דער צייט בינדט דער מח צענויף ווערטער און האָפט מיט זייערע ריטמען און אַסאָנאַנצען אָפּצושפּיגלען די ווייכקייט און דעם שוואונג פון דער זעהונג. און מאַנכע מענשען זענען פאַראַן, וואָס הויבען אויף די ווערטער ווי קאָלירטע גלאָז־שטיינדלאַך אויף איינצעפּלאַסטערן זיי אין אַ מאָזאאיק — און דער שיין נאַרט אָפּ. און אַנדערע מענשען זיינען פאַראַנען וואָס צעגיסען זיך ווי אַ וואַסער אין זייער ניט־איבערקלויבערישקייט.

דאָס וואָרט — עס איז ניט דער וואָרצעל, און עס איז ניט די פרוכט. עס איז אַ זאַך פון דרויסען. און עס איז ניט אפילו די לופט ארום דעם בוים. עס איז אַ וואַסער־שפּיגלונג. ערגעץ־וואו שטעהט אַ בוים און אפשר ניט. נאָר די נויטיגקייט זעהט איהם דאָ אין וואַסער, אָדער אפשר איז עס די לופט צו שפּילען זיך וואָס זעהט איהם דאָ אין וואַסער. און אָפטמאָל שטעהט דער בוים אין אונז און עס איז ניטאָ קיין אָפּשפּיגלונג, און אָפטמאָל רייסט זיך וואָס צו הויכקייטען, נאָר עס פעהלט דער כשוף פון סוגזשעציע.

דאָס איז ניט קיין אויסגעפּלאַנטער, באַוואוסטזיניגער כשוף, אַז ניט וואָלט עס קיין כשוף ניט געווען. דער כשוף ליגט ניט אין די ווערטער, נאָר אין דעם געבראויך פון די ווערטער — אין דער ווערטערליכקייט. פון אַזאַ כשוף קען אמאָל אַ בליץ טאָן אויף אַן אמת יענע ניט־דערזעהענע זעהונג — דער עכטער בוים אין אונזער הארצען.

ווערטער האָבען אַ פּאָטענציעלע קראַפט. זיי זיינען ווי שטיינער אין דער הויך. און עס איז קלוג צו וויסען דעם כח פון שטיינער. פון אַזאַ קלוגשאַפט אָבער פליט ניט קיין שטיין פון זיך גופא. און עס איז קלוג צו וויסען דעם זין פון ווערטער.

נאָר וואָס איז דער זין פון ווערטער?

ווען דו געהסט ארום צווישען די בלומען אין וואַלד אָדער זיצסט אין טאָג־פאַרגאַנג ביים וואַסער אָדער אין פעלד, און פיהלסט זיך דערנענטערט צו דעם לעבען פון דער וועלט — שווייג. נאָר אויב דו מוזט רעדען, זאָל עס זיין אַ ליד אָהן זין: דאַ־דאַל־ראַ־דו־דאַל־דול־דאַ.

קונסטשולען.

איך פיהל, אז מיר קומט איינפאך צו א צעל אין מח פון יעדער נייער זאך וואס איך לעז אין א בוך, אָדער וואס א מענש דערצעהלט מיר.

פון די אויסגעלערענטע זאכען ווער איך מסתמא רייכער, איך האָב אָבער קיין הנאה נישט פון דער רייכקייט. עפּעס קלינגט עס ווי קלייג־געלט. און איך קאן דאָס אויך מיט א גרינגערן מויל איבערגעבען, ווי דאָס, וואס איך ווייס אמת׳דיג ווייל דאָס וואס איך ווייס אמת׳דיג, ווייס איך נאך אליין נישט.

א גערטנער קאָן צוזעצען א צווייג פון א קארשען־בוים צום שטאָם פון אן עפּעל־בוים — אָדער דאָסגלייכען — און עס זאָל פון דער מאָכי־נאציע אויסוואקסען פּרוכט; אָבער נישט קיין רויטער עפּעל אָדער קאר־שען. און אויסער דעם איז דער רעגען, וואס שפּייזט בוימער און די ערד, וואס באהאלט דעם ווארצעל און היט אים אב, צודרינגליכער און פולקאָמענער ווי די מענשליכע אטמאָספערע. פאר דעם מענשען זיינען די פרעמדע תורות קליידער, וואס פארדעקען זיין אייגענע אמת׳ע חכמה און זיינע אייגענע שטארקייטען. די תורות קומען צו אים אפילו נישט אזוי לעבעדיג, ווי דער קארשען־צווייג, נאָר טויטע.

א מענש איז א באשרענקטע כלי. א גלאָז קאן האלטען וואסער, בוימעל אָדער וויין — א מענש קאָן אָבער האלטען נאָר דאָס, וואס אים איז געגעבען געוואָרען אין דער רגע פון זיין ווערען. און כאָטש די כלי בלייבט לאנג ליידיג, קען זי אָבער נאָר אויפנעמען דאָס, צו וואס זי איז מסוגל. א סך פון דעם וואס איך האָב געלערענט האט זיך פון מיר אָפּגעטאָן. אזוי ווי מיינע חלומות וואס איך פארליר אין די פאָרטאָגיגע פענסטער. און גאָר א סך זאכען האָב איך נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט פארשטעהן. און מיט אנדערע זאכען ווידער איז גראד געשעהן, אז קוים האָב איך זיי נאָר דערזעהן אָדער דערהערט, האָב איך זיי באַ־נומען מיט גרוים ליבשאפט ווי זיי וואָלטען מיינע אייגענע זאכען געווען.

ווען עס וואָלט מעגליך געווען, אז יעדער מענש זאָל זיך פארפּוצען אין זיין אייגענס, וואָלט דאָס לעבען געהאט אן אויסזעהן פון א פארבי־גען מאי.

נאָר שפּינען וועבען אַלע דעמזעלבען שפּינוועב.

ווער קאן ציילען די וועגן וואס קרייצען זיך איבער דער ערד און פון דער ערד צו די הימלען?

דאך שניידט זיך א מענש א וועג אין טיפען שניי, געהט א צווייטער אין דעם ערשטענס טריט. געהט א דריטער דורך א גלייכען לייכטען וועג אין שניי. אפילו איבער די אונגעהויער ווילדע ימים ליגען אויסגעטראטענע וועגן.

איך דאנק אפט גאט וואס טראץ אלע מיטלען פון דער געזעלשאפט און די שולען אויסצוגלייכען די מענשען, אז זיי זאלען זיין אלע ווי איינער, איז פונדעסטוועגן פארט פארבליבען אביסעלע עקשנות.

די שולע איז א צוים וואס צוימט איין דעם יונגען ווילען אין טויטע פארמולען. זי וויל א דעה זאגען דעם טייך פארוואס ער איז נישט קיין וואלקען, און פון דעם פעלד־בלימעל האפט זי א בארג צו מאכען.

יעדער געבוי מוז האבען א פונדאמענט. די ערד איז דער עיקר־פונדאמענט פון יעדער קאנקרעטער זאך — א הויז, א בוים, א בריק. נאר די ערד, יעדענפאלס איר אויבערשטער טייל, איז א טויטע זאך. איר טיילט זי איין אין שיכטען און סארטען, איר מעסט זי אויס אין דער ברייט, אין דער לענג, אין דער טיף, און צערעכענט אלץ אין זיכערע ציפער.

דער עיקר פונדאמענט פון דעם מענשליכען שאפען איז דאס לעבען פון דער וועלט. מיר טראגען מיט זיך ארום דאס לעבען און דאך קאנען מיר דאס נישט אזוי זיכער צעמעסטען און באשטימען.

א ווילדער גארטען איז דער מענש, א ווילדער גארטען, וואו עס וואקסט אלץ וואס עס קאן נאר. — קומט די שול און לעגט דאס טויטע געוויכט אויף די יונגע בליטען. זי פאסט זיך נישט צו צום איינצעלנעמס טעמפעראמענט — זי האט נישט קיין צייט (און דאך איז זי צייט פארשווענדעריש). אלעמען טראגט זי אונטער דעם איינענעם טעקסט: אזוי זאלסטו געהן. די פיצלאך און ברעקלאך פון פרעמדע טישען זאלען זיין דיין שפייז, און אנשטאט פריש־קוועלענדיגען וואסער, זאלסטו טרינקען פון פאר׳חתמ׳טע פלעשער ביז — ביז דו וועסט ווערען גרויס און שטארק — ווי א ריז.

אפט האב איך דעם באגער צו קענען אויפלעזען די קונסט־שולען פון דער גאנצער וועלט: געהט אויף דער פריי ארוים. פון אייערע יונגע

געמיטער מוז דאָך עפּעס אויפלויכטען, צי א פייער אויף א באַרג, צי א ציטערדיג זומער־פליגעל.

זאָל איינער שטרעבען צו אומוויסענהייט און רויהען מאַטעריאַל?

ניין. עס איז נאָר נויטיג, אז דאָס וויסען זאָל ניט זיין קיין שטערונג, אז די פליגעל זאָלען נישט זיין פון בליי.

דער אינוועניגסטער דראַנג שטעלט אוים נעצען אויף אלע ימים, שטרעקט אוים טויזענט הענט צו דערגרייכען די אומענדליכקייט. אליין מוז דער קינסטלער נעמען. ער נויטיגט זיך נישט אין קיינע געשאַנקען.

ער מוז פאַר זיך אויספּראָוועון די עלעמענטען, און דאַן אויספּרואַווען אייגענע קאָאָרדינאַציעס און פאַרבינדונגען.

ביז מיט דער צייט וועט מען אים קענען מעסטען מיט דער מאָס פון פּאָלקאָמענהייט, פון א פּאָלקאָמענהייט, וואָס ער אליין וועט אָנצייגען דעם וועג צו'ן איר.

דער מאָדערנער געוויסען.

די נייע אויסדרוקס־פאָרמען אין דער קונסט — דאָס וואָס מיר באַצייכענען אלס מאָדערניזם — קומט פון דער נויטיגקייט צו וועלען זעהען נייע זעהונגען.

די פאַרשידענערליי פּרואוון וואָס זוכען צו דערגעהן די מעגליכקייטען פון פאַרב, ליניען און פאָרמען דינען דער נייער אויפגעהענדער זעהונג. די פּרואוון אַן און פאַר זיך זענען נישט קיין קונסט. זיי זענען בלויז פאַרגלייווערטע פאַך מעטאָדען און קענען אפילו נישט ברענגען דערצו, אז פון זיי זאָל אַרויסקוועלען לעבען. זיי ווייזען בלויז אָן אויף א נייעם אויסגאַנגס־פּונקט. א נייע זעהונג רייסט מיט זיך מיט איר אייגענע נייע פאָרם. יעדע זאַך האַלט איר פאָרם אין זיך.

א פאַרטיגער סטיל, פּונקט ווי צוגעטראַכטע מאַכינאַציעס, קענען ניט וועקען דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע צו דערזעהען נייע זעהונגען?

די נייע אויפפאַסונגען טראָגען זייערע אייגענע נייע קליידער. און ניט די קליידער, נאָר די נייע אויפלויכטונגען פון דעם גייסט זענען מאָדערנע קונסט. זיי זענען די קינדער פון דעם קינד, וואָס קוקט צו מיט באַוואונדערונג ווי עס דעקט זיך ביסלעכווייז אָפּ זיין באַוואוסטזיין. מאָדערנע קונסט איז נישט קיין נייער אני מאמין, עס איז דאָס גלויבען

אַליין — די אמת'ע גלויביגקייט וואָס רוהט אין אונז אַלעמען כּמעט ניט אַלע זענען פון דעם באַוואוסט. אָט די גלויביגקייט קומט צו געהן ווי אַן אויסדערוויילטע כוואַליע פון ים, און וואוהין זי קומט דערפרישט זי אונזערע חושים ביז זיי באַנעמען זאַכען מיט שאַרפזין און מיט גרויס פרייד.

און דער גלויבען לאָזט צורוה די אַלטע פאַרהייליגטע ערטער און בויט אויפסניי, פון זיינע אייגענע שטאָפען, אַ געבוי פון אַן איינהייטלי־כער שעהנקייט. דאָס פון וואָס דער קינסטלער לערנט זיינע קונסטווער־קען איז די געגענוואַרט, ווייל וואָס נאָך קאָן זיין אזוי ווערטפול און אזוי אינטים? דער היינט קומט צו אַלע אונזערע חושים. מיר לערנען זיך אָפּ אַלץ פון אים, צום טראָץ פון דער געשיכטע. בלויז די יעניגע זאַכען וואָס מיר האָבען באַריהרט, די ערשיינונגען וואָס מיר האָבען בייגעוואוינט, די פריידען און דורכפאַלען וואָס מיר אַליין האָבען אדורכגעלעבט, בלויז זיי באַוועגען אונז צו זוכען אויסדרוקספאָרמען. אפילו דער אבסטראַקטער געדאַנק, אויב ער וויל האָבען אַ קיום, מוז ארויסשפּרינגען פון דעם צוזאַ־מענשטויס פון געגענוואַרטיגע זאַכען. און כּמעט דאָס האַרץ פון יעדער זאַך ליגט פאַרבאַהאַלטען אינוועניג — דאָך ווער קאָן באַשטימען וואו דער אייגענאַרטיגער טעמפּעראַמענט זאָל עס געפינען. דער אינסטינקט, וואָס איז פאַרנינפטיגער פון דעם מח, פירט דעם קינסטלער אויף דעם וועג, וואו ער זאָל געפינען דעם איינציגען אמת. זיכער איז פאַראַן בלויז אַן איינציגער אמת, נאָר מען ענטדעקט אים יעדעס מאָל אויפסניי; אזוי ווי פייער איז אימער פייער כּמעט דו צינדסט עס אָן טויזענט מאָל.

דער מח איז זיך באַוואוסט איבער זיינע טואונגען, און דערפאַר איז ער נעהענטער צו זיין ציל פון פולקאָמענהייט ווי דער אינסטינקט וואָס בלייבט אומבאַגרייפליך. זיין ציל איז אפשר די מאַשין אָהן רייבונג, זיין אידעאַל פון פאָרם איז אפשר דער קרישטאַל. זיין באַגריף פון פול־קאָמענהייט איבערוועלטיגט דעם דראַנג צו קונסט. דער אינסטינקט אין זיין רייכסטער מדרגה איז זיך נישט באַוואוסט איבער זיך. ער איז אָבער טריי צו זיך אַליין. מעגליך אז ער ווייס נישט צי ער וועט געפינען דאָס וואָס ער זוכט, מעגליך אז ער ווייס נישט וואָס ער זוכט, אין די טערמינען פון לאָגיק, נאָר ער פאַרמאָגט מאָמענטען ווען ער זעהט און זינגט מיט דער גרויסער פרייד פון שאַפען. זיין הויפּט אייגענשאַפט איז ליבע.

ליבע, געבורט, לעבען. און וואָס עס ווערט געטאָן מיט ליבשאַפט האָט די איבערציי‍גונג פון אמת, ווייל עס איז דאָך נישט פאַראַן קיין זאַך וואָס זאָל זיין אמת׳דיגער ווי דאָס לעבען. א סך איז פאַראַן שטויב אין לעבען. און דער שטויב שטיקט דאָס לעבען. א סך זענען פאַראַן שלייערן וואָס פאַרוואָלקענען דאָס לעבען, נאָר די ליבע דעקט אָפּ מיט א זיכערער האַנט די נשמה פון דער זאַך, און געבערט נייע ערשיינונגען וואָס פאַר־מאָגען נייע דינקייטען און פרישען כח.

ליבע געדייהעט נישט אין וויסטע רוימען. און דער מענש בליהט זיך פאַנאַנדער אין אן איבערפילטער וועלט. און טראָץ דעם קאָן קיינער נישט איבערנעמען דעם אנדערענס באַוואוסטזיין. אַלץ גיט זיך אָבער איבער צום קינסטלער, דורך דער בארירונג פון זיין ליבע.

אודאי מיינט דאָס נישט צו זאָגען, אַז דאָס לעבען איז איינפאַך, אָדער אַז אויסדרוקען זיך איז לייכט. אויסדרוקען זיך קומט אָן מיט פיינען. יעדע שאַפונג דאַרף זיך ארויסהויבען פון איר כאַאָס, פול מיט שפורען פון אומגעלומפּערטקייט און מיט צייכענס פון רויקייט. א בלויזע עמאָציע — איבער וועלכער עס האָט זיך צעשפּילט דעם קינסט־לערס ווילען און זי געפּייניגט, אליין דערביי ליידענדיג, צווייפלענדיג, ביז זי האָט באַוויזען פאָרם און עס האָט ערוואַכט איר באַוואוסטזיין, צו־ערשט אַלס א געמורמעל, דערנאָך אַלס אן עקזאַלטאַציע, — ווערט א קונסטווערק.

דאָס צווייפלען פירט צו עניות און עניות פירט צו אמת׳ער פאַר־שטענדיגקייט. עס איז נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל נישט זיין ווערט וואָס זי איז דאָ. קיין זאַך שטעהט נישט העכער אָדער נידעריגער פון אן אנדערער. יעדער זאַך האָט זיך איר נשמה וואָס איז פונקט גוט און גרויס גענוג פאַר זיך. קלאָר צו באַנעמען יעדען געגענשטאַנד אין זיין גאַנצקייט, און ליבהאָבען יעדע זאַך פאַר דאָס וואָס זי איז — אין דעם באַשטעהט די אויפגאַבע פון דעם מאָדערנעם קינסטלער, דעם עמפּינדליכען מענשען פון זיין צייט.

דער מאָדערנער געוויסען, דאָס באַוואוסטזיין פון א לעבעדיגער נשמה אין יעדער זאַך, איז אָנגעקומען מיט דעם גאַנג פון דער צייט. די נייע זעהונג, דאָס איז דער מאָדערנער געוויסען, און זי געהערט נישט נאָר צו איין אויסדערוויילט אָרט אָדער פאָלק.

ש. ניגער:

ווי אַ חלום.
(וועגען ה. לייוויק'ס לידער)

.1

איך האָב געזעהען לייוויק'ען חלומ'ענדיג.

דאָ — אַ טויער, דאָ — אַ שוועל,
ווייטער, ווייטער געה איך זיך;
אַלץ אַרום מיין אייגען זעל,
ווי אין חלום, דרעה איך זיך.

איז ער אויפ'ן וואָהר אפשר אן אנדערער? — אפשר. איך האָב גע־טרוימט בלויז זיין טרוים און געזעהען זיינע זעהונגען.

צ ו ו י י מ אָ ל: ווען איך האָב געלייענט זיינע לידער איינציג־ווייז; ווען איך האָב זיי געזעהען אין בוך.

א י י נ צ י ג ו ו י י ז האָבען זיי מיר אויסגעזעהען ניט ווי גאַנצע לידער, נאָר ווי ש ט י ק ע ר פ ו ן אַ ל י ד, ווי זינגענדיגע שטי־קער פון א ניט געזונגענעם ליד — לעבעדיגע, אָבער צעריסענע און צו־ריק נאָך נישט אויפגענייטע — א ו מ ב א ש ט י מ ט ע שטיקער:

בלעטלעך זאַפטיגע, דופטיגע בלעטלעך, פון אַ פרישערהייט צעפליקטער בלום;
רינגען, צאַפּעלדיגע רינגען פון אַ שלאַנג אַ צעשניטענער;
וואָלקענדלעך בלאָנדזשענדיגע...

דאָס לעצטע פלעגט מיר קומען אויפ'ן זינען אָפטער ווי אַלץ...

איבער'ן הימעל שווימען ווייכע, ווייסע, זיך זילבערנדיגע, טונקעלנ־דיגע וואָלקענדלעך. זיי בלאָנדזשען און חלומ'ען, בלאָנדזשענדיג — אָהן אַ וועג און אָהן אַ ציל. זייער וועג איז דאָס בלאָנדזשען, דאָס חלומ'ען איז אַ ציל פאַר זיי... איז עס ניט קיין וועג, האָב איך געטראַכט, — דאָס ארומבלאָנקען זיך איבער'ן ריינעם פרייען הימעל? איז עס ניט קיין ציל — אַט דאָס שטילע פלאַטערן? לייכטען זיי זיך ניט דורך דען, די

לייכטע וואָלקענדלעך, ווען א שטראַל קומט זיי אנטקעגען? ווערען זיי ניט טונקעל, ווען די זון קערט אָפּ פון זיי איר בליק? זענען זיי ניט פול מיט אויסדרוק, מיט לעבען, אַט די ווייכע, בלייכע און אומזיכערע וואנדערער? דער אויסדרוק איז ניט שארף, ניט פעסט, דאָס לעבען איז א שטילס, א ציטערדיגס, א שעמעוודיגס; אָן אויסדרוק איז עס אָבער און א לעבען איז עס!

אָן אויסדרוק פון עפּעס, וואָס איז אמאָל געווען און וועט ווידער אמאָל זיין, נאָר דערוויייל בלאָנדזשעט עס ארום, ווי א ניט געבוירענע נשמה, צווישען אַט דעם געווען און דעם ווערען און זוכט אָן אויער, וואָס הערט רייד, נישט קיין גערעדטע, און — א האַרץ, וואָס איז אָפען פאר געפיהלען, נישט געפיהלטע, בלויז געטרוימטע...

אזא — אומבאַשטימטען — איינדרוק, האָב איך געהאַט, לייענענדיג די לידער פון ה. לייוויק אייגציגוויי ז... זיי זענען געווען פאר מיר שטיקער פון איין וועלט, — געוויס! דאָך אָבער שטיקער, נישט קיין וועלט. צעריסענע, צעפליקטע, האָבען זיי געבלאָנדזשעט אין מיין פאנטאַזיע, זוכענדיג ווער אָן אַנהויב, ווער — א סוף...

נאָר אַט זענען צונויפגענומען געוואָרען די לידער אין א בוך — און איך האָב דערזעהען א וועלט. נישט קיין קלאָרע וועלט — א פאַר־נעפּילטע, אַזאַ, וואָס נאָך גאַנצע ספערען אירע זענען אין צושטאַנד פון נעפעל־פלעקען, נאָר איר זעהט שוין, ווי זיי ציהען זיך, די פלעקען, איינס צום אנדערען און ווי זיי טיילען זיך פון כאַאָס אויס, גרייט זיך איינצו־שליסען אין זייער וועלט־קרייז. איך האָב געדאַרפט נאָר ווארטען אויף דער שעה פון חלומ'ען און טרוימען — און דאָס בוך האָט געעפענט פאַר מיר א גרויסען טייל פון זיין פאַר'כשופ'טער גאַנצקייט: איך האָב דער־הערט דעם ודוי פון א שיקזאַל...

2.

טרויעריג — און פול מיט שטומער ציטעריגער ווארטונג איז דאָס שיקזאַל, וואָס „דרעהט זיך, ווי אין חלום", ארום זיך אליין אין די לידער פון ה. לייוויק...

טרויער — און ווארטונג.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע;

זילבריג בלאָהען די בערג,
נאָך פון קיינעם באטראָטענע.
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטען אוצרות אויף אונז,
וואַרטען אוצרות פאַרשאָטענע.
זיי וואַרטען אויף אונז, און מיר — אויף זיי...

דאָס איז איין העלפט פון ליד, וואָס דינט פאַר אַן א ו ו ע ר ט י ו ר צום בוך: דאָס איז איין העלפט, די ו ו א ר ט ו נ ג ס־פולע העלפט פון שיקזאַל, וואָס רעדט צו אונז דורך די לידער פון ה. לייוויק. פאַראַן נאָך אַ העלפט, אַ ט ר ו י ע ר ־ פולע:

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט אַליין אַ געפאַנגענער;
אויף זיין קאָפּ שטאַרבט דער שיין
פון דער זון דער פאַרגאַנגענער.
ערגיץ וואָגעלט ווער אום,
טיף אין שניי אַ פאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דער לאַנד דער פאַרבאָטענער...*)

דאָס „לאנד“ איז פאַראַן, עס איז ניט קיין פאַנטאַזיע; אין לאַנד ליגען אוצרות באַהאַלטענע; די אוצרות וואַרטען אויף אונז, מיר דאַרפען נאָר קומען זיי נעמען... אָבער מיר ווייסען ניט דעם וועג צו זיי. דערפון קומט דער טרויער...

עס איז דאָ אַ ציל, אַ האָפענונג, אין דער נשמה; נאָר קיין וועג איז ניטאָ...

דאָס ציל נעהרט זי; דאָס ניט ווייסען דעם וועג צו אים פאַר־צערט זי.

דאָס ציל מאַכט, זי זאָל לייכטען; דאָס פעהלען פון אַ וועג צו אים וויקעלט זי אין טונקעלקייט...

---

*) ה. לייוויק איז אַ ליטוואַק — וואַקעלט ער זיך צווישען „דאָס“ לאַנד און „די“ לאַנד, ער גראַמט אויך „גרייט“ מיט „טויט“ א. ד. ג.

.3

אזוי איז עס פון געבוירען־טאָג אָן.

פון געבוירען־טאָג אָן וואקעלט זיך דער דיכטער צווישען ליכט און פינסטערניש. צוויי מלאכים, דער מלאך פון לעבען און דער מלאך המות, באַלייטען אים אויף זיינע וועגען...

אין דער מינוט, ווען ער איז אויף דער וועלט געקומען, האָט זיין מוטער „דעם לעצטען אָטעם־צוג" אויסגעהויכט. ז י י ן געבורט איז געווען א י ר טויט... צי איז עס א ביאָגראַפישער פאַקט, צי נאָר א דיכטערישע פאַנטאַזיע — וואָס מאַכט עס אויס? „איז עס ניט געשעהן האָט עס געקאָנט געשעהן"...

איז דען יעדע רגע לעבען ניט דער טויט פון א פריהערדיגער רגע? און, פאַרקערט: איז אין יעדען טויט דען ניטאָ קיין קערנדעל לעבען?

ה. לייוויק פיהלט די געהיימע און זיכערע נאָהענטקייט, וואָס איז דאָ צווישען לעבען און טויט... אָט האָט זיין מוטער געהאַלטען ביים „לעצטען אָטעם־צוג" —

> און פלוצלונג צעזייט זיך די פינסטערניש
> אַ קלאָרער באַווייזט זיך דער שניי;
> אין שטיבעל צוויי מענשען דערשראָקענע
> דערהערען אַ קינדיש געשריי...

די מוטער איז געשטאָרבען; זאָל לעבען דאָס קינד! און איר קערט איבער א בלעטעל, לייענט דאָס געדיכט „אינגעלוויז" — און איר זעהט, אז דאָס קינד פון דער פרוי, וואָס איז, ביים האָבען אים, געשטאָרבען, — ל ע ב ט. און נישט נאָר עס לעבט — עס ג ל ו י ב ט אין לעבען... דער פּאָעט דערצעהלט וועגען זיינע אינגעלשע יאָרען:

> איך האָב שוין דאָ געזעהען, ווי מענשען ליידען — שווייגען —
> האָב איך דאָס שווייגען זייערען אין זיך פאַרנומען
> און עפּעס פאַרגעשטעלט זיך ווייט און ווייטער עלטער,
> עפּעס גרויסעס, וואונדערליכעס וועט פון ליידען קומען...
>
> און איך דער ערשטער וועל דערזעהן דאָס וואונדערליכע, גרויסע
> און מער פון מענשען שוין ניט קאָנען עס פאַרבאָרגען;

פון טיר צו טיר, פון שויב צו שויב וועל איך זיך לאָזן קלאַפּען
און אָנזאָגען דעם ליכטיגען פרימאָרגען...

די ליידען האָבען ניט געטויט דעם גלויבען; פארקערט, זיי האָבען אים געלייטערט און געהאָפט האָט ער, אז „עפּעס גרויסעס, וואונדערליכעס וועט פון ליידען קומען"...

די האָפענונג, די געהיימע האָפענונג האָט אים, דעם טרויערנדיגען, ניט פארלאָזען ביז'ן היינטיגען טאָג. דאָס איז אן אייגענאַרטיגע האָפענונג. זי האָט נישט צו טאָן מיט דעם ביליגען און זאטען און קאָמישען „אָפּטימיזם" פון די, וואָס זענען סתם „צופרידען מיט דער וועלט". זי איז אויך נישט ענליך אויף דער נאאיווער מונטערקייט פון וועלט־פארבעסערער, וואָס גלויבען אין זייער פּאַפּירענעם רעצעפּט און — „אייזערנעם ווילען".

לייוויק האָט צו שאַרף פארזוכט דעם טעם פון ליידען, ער זאָל אָננעמען די וועלט אזוי, ווי זי איז. אָבער ער נעמט זיך זי אויך נישט בעסער מאַכען, אפילו שטראָפען זי וויל ער נישט: נישט פון איר און נישט פון אים, ווייס ער, וועט קומען די ישועה, נאָר פון ערגעץ אנדערש־וואו — פון „ערגיץ ווייט, ערגיץ ווייט"... דאָרט וועלען די ליידען פון דער וועלט ווערען אויסגעלייטערט, א תיקון קריגען — און „עפּעס גרויסעס, וואונדערליכעס" וועט געשעהן. דאָרט — נישט דאָ. אין דער ווייטעניש, אין דער סודות'דיגער אומבאוואוסטקייט, נישט דאָ, אין דער אָפענקייט און נאָהענטקייט.

דאָ איז שלעכט, מאוס; דאָס איינציגע גליק איז, וואָס די שלעכטסקייט, די מאוסקייט איז נאָר פון אויבען; אין תוך איז אַלץ גוט און וואויל...

א קאַלטע, אַ געלייטערטע,
די זון קוקט פון דער הויך:
אַז וואויל דעם בייגעבוירענעם,
דעם שטאַרבענדיגען אויך...

פאר דעם קאַלטען, ווייל געלייטערטען, קוק איז „וואויל דעם ניי־געבוירענעם, דעם שטאַרבענדיגען — אויך". פאר דעם קוק, וואָס קומט פון דאָרט, „פון דער הויך", איז אַלץ איינס שטאַרבען און געבוירט, ווייל זיי ביידע זענען נאָר טרעפּ צו דעם, וואָס דאַרף קומען.

און קומען וועט עס פון ד א ר ט אלץ איינס, וואס ד א וועט זיין. קומען וועט עס „פון אלטע פארגעסענע וועגען" —

ס'וועט קיינער ניט ווערען גע'הרג'עט
אין קריג, אין געשלעגען, —
ווייל שטיל וועל איך קומען פון אלטע
פארגעסענע וועגען.

וועט קיינער ניט וויסען צו לאזען זיך
געהן מיר אנטקעגען;
צופוס וועל איך קומען אין קליידער,
צעווייקטע פון רעגען...

וועט גארנישט געשעהן און פאסירען
אין גאנג פון די צייטען,
ווען אלע דערזעהן וועלען פלוצלונג
מיין אויסזעהן זיך בייטען.

א מאך מיט'ן האנט וועל איך געבען,
צום ערד זיך פארנייגען, —
וועט יעדער דערפיהלען: עס ווערען
אים אפען די אויגען.

און יעדער, אין פרייד און ערשטוינונג
און ציטער באנומען,
וועט קוים נאר א זאג טאן: זעהט נאר —
ער איז שוין געקומען...

4.

אזוי חלומ'ט זיך לייוויק'ען —

ע ר א י ז ש ו י ן ג ע ק ו מ ע ן — דער אויסלייזער, דער אויסגעלייזטער — און גארנישט איז געשעהען, גארנישט האט פאסירט „אין גאנג פון די צייטען".

אָהן קריג און געשלעגען וועט זיך בייטען דאָס געזיכט פון לעבען...
אזוי חלומ'ט זיך לייוויק'ען:

פון איין הויז אַרויס, אין דער צווייטער אַריין
און אומעטום וועל איך אַ גוטער גאַסט זיין...
ארויסגעהן — אַן אָפענע לאָזען די טיר
און נאָכקוקען קיינער אַהינטער וועט מיר.
און יעדער וועט וויסען: ס'איז זיכער מיין טראָט.
אַ שטאָט וועל איך טרעפען — איז מיינע די שטאָט.

פון וואנען וועט זיך עס נעמען מיט אמאָל? א וואונדער וועט געשעהן, א נס? אפשר א וואונדער, א נס. און אפשר — פשוט: דער מענש איז, אין תוך, א גוטער, א ריינער, נאָר עפעס א בייזער כשוף, א פלוך ליגט אויף אים: וועט צערינען דער כשוף, די קללה וועט אויסגעוועפט ווערען, און דער מענש וועט אליין זיך דערזעהן אן אויסגעלייזטען, א געלייטערטען. וואָרים אזוי זאָגט לייוויק, דער וואונדערליכער (פארצייטען וואָלט מען זאָגען: דער הייליגער) לייוויק

איך ווייס — אין יעדענס האַרץ איז דאָ
אַ ליכטיגקייט, אַ שיין;
אויף וועלכען שוועל דו זאָלסט ניט שטעהן —
קלאַפ אָן און געה אַריין.

און געהסט אַריין, מען קוקט דיך אָן —
געדויערט עס ניט פיל:
מען האָט נאָך דיר געבענקט שוין לאַנג,
געטרויערט אין דער שטיל.

מען האָט געמיינט: ביזט אין דער פרעמד,
פאַרוואָרפען ערגעץ ווייט,
און ניט געוואוסט, אַז דו ביזט דאָ
געוועזן די גאַנצע צייט.

און ניט געוואוסט: ביזט יעדען טאָג
געגאַנגען פאַרביי זיי,
זיך איינגעהערט צו יעדענס וואָרט,
צו יעדענס אויסגעשריי...

האָסט נאָר געדאַרפט דער ערשטער זיין,
אין הויז צו זיי אַריין
און אויפוועקען אין האַרץ ביי זיי
אַ ליכטיגקייט, אַ שיין...

אזוי האָט זיך גע'חלומ'ט לייוויק'ען: אין יעדענס הארץ איז דאָ א ליכטיגקייט, א שיין; יעדענס הארץ טרויערט אין דער שטיל און בענקט נאָך דעם, וואָס מוז קומען און אויפוועקען אין אים די ליכטיגקייט, דעם שיין.

ווער איז ער, — דער, וואָס מוז קומען? דו? איך? ער? לייוויק? אפשר דו און אפשר איך און אפשר ער, לייוויק: אין י ע ד ע ן מענ־שען לעבט די אויסלייזונגס־מעגליכקייט... יעדער מענש קאָן ווערען זיין אייגענער — און דערמיט אויך אונזער אלעמענס — משיח...

וועט ע ר קומען, לייוויק, און אויב נישט ע ר, איז אן אנדע־רער — און אויפוועקען אין אונז די ליכטיגקייט, דעם שיין. אזוי האָט זיך שוין לאנג ניט גע'חלומ'ט א אידישען דיכטער, זייט די גרויסע מקובלים: אזוי האָט זיך גע'חלומ'ט לייוויק'ען.

און דעם חלומ'ס „ווייסער שיין" האָט אין זיין נשמה איבערגעלאָזט ווייסע, ליכטיגע שפּורען און איז, — די שפּורען זיינע איבערלאָזענדיג, — פארשוואונדען. פארשוואונדען א ה י ן, אין יענעם „ווייטען, ווייטען לאנד", פון וואנען ער איז געקומען. און פון וואנען ער וועט זיך צוריק אומקערען.

.5

דערווייל האָט ער, דער „זילבריג בלויען" חלום, נאָך נישט אומ־געקערט זיך. און אויך זיינע ליכטיגע שפּורען לויערען שאָטענס. די שאָטענס פון ד א נ ע ן. די שאָטענס, וועלכע פארשטעלען פון אונז דאָס לאנד, וואָס ליגט „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט". די שאָטענס, וועלכע שיידען אונז אָפּ פון דער ליכטיגקייט, דעם שיין, וואָס איז דאָ „אין יע־דענס הארצען". די שאָטענס, וואָס צווינגען לייוויק'ען צו זאָגען:

ביז וואַנען די רגע וועט קומען
פאַרגעהן וועלען יאָרען —

ביז וואַנען מיין פריידיגע ליכטיגקייט
וועט ווערען געבוירען.

ביז דאַן וועל איך איינזאַם און פרעמד זיין,
פאַרטייפט און באהאלטען
פון זיך און פון מענשען אין נעביל
פון ווייטע געשטאַלטען.

ביז וואנען די פריידיגע ליכטיגקייט, וואָס ער האָט אין חלום געזעהן, וועט ווערען געבוירען, וועט ער איינגעהילט זיין אין טרויער און עס וועט שוועבען ארום אים די טונקעלקייט פון טויט:

פאַרלעשט אַלע פייערען, פינסטער זאָל זיין,
און זיצט שטילערהייט;
מען זעהט קיין לויה, נאָר ערגעץ, איך פיהל,
איז עמיצער טויט.

אין פענסטער אַ שאָטען האָט זיך דורכגעשליכט
גע'גנב'עטערהייט;
און אויב ס'איז נאָך קיינער געשטאָרבען, וועט באַלד
זיין עמיצער טויט.

פאַרלעשט אַלע פייערען, זיצט אויף דער ערד
אין טרויער געקליידט:
צוריק ניט אַליין געהט דער שאָטען פאַרביי —
ער געהט זאַלבאַצווייט...

ווען ער האָט גע'חלומ'ט דעם חלום, דעם „זילבריג בלויען" חלום פון „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט", איז געווען „וואויל דעם נייגעבוירענעם, דעם שטאַרבענדיגען — אויך"; אז דער חלום איז — אויף אַ ווײַלע — פאַרשוואונדען, איז דער טויט טרויעריג און פינסטער...

און עס פייניגט ווידער זיין פאַנטאזיע די געשטאַלט פון זיין מוטער, וואָס איז געשטאָרבען גלייך ווי זי האָט אים געבוירען, אזוי ווי זיין געבורט וואָלט דורך איר טויט נאָר געקאָנט קומען. עס לויפען ווידער דורך פעדים פון טרויער, פעדים פון טונקעלקייט דורך דעם וואונדערליכען געוועב פון זיין בוך.

6.

אָבער אויך דער טרויער, אויך די טונקעלע פעדים לייכטען זיך דורך, וואָרים אויף זיי פאַלט שטיל דער שיין, דער „ווייסער שיין" פון „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט"... אַט רעדט דער פּאָעט וועגען עפּעס זעהר טרויעריגעס, אָבער —

מסתמא האָט געדאַרפט אַזוי געשעהן,
און וואָס עס איז געווען, איז שוין געווען.

ביים שפּיגעלדיגען ווײַן און ווייסען שיין
זאָל אַלץ פאַרגעבען און פאַרגעסען זיין.

אַזוי ווי פרישער טוי, ווי אַפּפּעל־וויין,
זאָל גיסען זיך אויף מיר דער ווייסער שיין.

אַט איז געשטאָרבען עמיצער א נאָהענטער, א ליבער. דער טרויער איז גרויס. אָבער זעהט, ווי ווייך ער איז, אַזוי ווי א ווייטער, שטילער שיין וואָלט געווען אויף איהם אויסגעגאָסען —

געווען שוין די לויה, שוין פאַרשאָטען,
אַ ברעטעל אינ'ם פרישען זאַמד געשטעלט,
צוריקגעבראַכט און טהרה־שטוב די מטה
און רוהיג, שטיל, ווי קיינער וואָלט געפעהלט.

נאָך אַלעמען. שוין אומגעקערט אַהיים זיך.
מען וואַשט די הענט, מען עסט דעם אָנבײַסברויט
מען בלייבט אַזוי זיך זיצען אין די זאָקען,
און רוהיג, שטיל. די מעריב־זון פאַרגעהט...

רוהיג, שטיל. די מעריב־זון פאַרגעהט... מאָרגען וועט זי ווידער אויפגעהן...

די וועלט איז גרויס, אויך מיר — מיר זיינען גרויס,
און אייביג איז דער טאָג פון אונזער לעבען;
מיר דאַרפען נאָר אַ וואונק אַ קליינעם געבען —
דער מוטער'ס האַנט אַנטקעגען אונז וואַקסט אויס...

דער געשטאָרבענער מוטער'ס האַנט. וואָס האָבען מיר קינדער צו

טרויערען נאָך איר טויט? מיר וועלען זיך אוועקלאָזען אין דער גרויסער וועלט —

פארענדיגען דעם טאָג פון אונזער לעבען,
און ווען מיר וועלען מיד ווערען פון געהן —
צונויפזאַמלען וועט אונז דער מוטער׳ס האַנט אַליין
און אויסלעגען אונז שלאָפען איר דערנעבען.

וואָס איז דען טויט? א „מיד ווערען פון געהן“, א „צונויפזאמלען זיך צו די עלטערען“, ווי אין חומש שטעהט, אָדער — צו דער „מוטער“, ווי עס שרייבט לייוויק: דער מוטער׳ס האנט וועט אונז, מידע, צונויפזאמלען און לעגען שלאָפען לעבען זיך...

ש ל אָ פ ע ן...

7.

טויט זיין הייסט שלאָפען. אָבער אויך דאָס לעבען איז א שלאָף. און אינ׳ם גאנצען שאפען פון ה. לייוויק איז דאָ עפּעס פון ש ל אָ ף, פון ח ל ו ם, פון פ א ר ש ל אָ ס ע נ ע א ו י ג ע ן... דאָס איז דער סוד פון דער בארוהיגטקייט, דער שטילקייט, דער מידקייט, וואָס אין זיין ריטם. עפּעס שאָטענהאפטיגס, א טרוימוועבס איז דאָ, אין אלץ, וואָס ער זעהט ארום זיך, אזוי ווי דאָס וואָלט געווען אלץ אין חלום, נישט אויפ׳ן וואָהר. אזוי ווי ער וואָלט פארשטעלט זיך די אויגען „מיט א פאר־פראָסטיגטען גלעזעל“ —

פארלאָרען דעם גרעניץ פון זאכען,
צעמישט זייער פארב און קאָליר;
געזיכטער און שטימען און אויגען —
נאָר אילוזיאָנען פאר מיר...

איך וויל — טראַכט איך אויס פאר זיי בעמען,
אין בלוט און אין פלייש טו זיי אָן;
און זיך טו איך אויס פון מיין נאָמען,
אַליין ווער איך — — אילוזיאָן...

איז עס דערפאר, וואָס די ו ו ע ל ט (און אויך ער, ווי א טייל פון איר) איז נישט קיין יש, נאָר אן „אויסגעטראכטער נאָמען“, א חלום?

ניין, דאָס איז דערפאַר, וואָס ד י וועלט, די, וואָס מיר קענען דורך אונזערע פינף חושים, און ד אָ ס איך, וואָס איז נישט מער ווי דער סך הכל פון אַט די חושים, איז א שאָטען, א „נאָמען“, א קלאַנג, וואָס פאַרגעהט, אין פאַרגלייך מיט דער א מ ת ' ע ר וועלט און דעם א מ ת ' ע ן איך, וואָס ליגען פאַרבאָרגען פון אונז „ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט“... דאָס איז אַלץ דער פריהערדיגער אונטערשייד און דער תהום צווישען ד אָ ר ט און ד אָ, — צווישען ד אָ ר ט, וואו עס ליגען אוצרות פאַרבאָרגענע, און ד אָ, וואו עס עקזיסטירט א ש ט ר ע ב ע ן, אָבער נישט קיין ו ו ע ג צו די אוצרות... ד אָ ר ט זיינען פאַראַן רעאַליטעטען, ד אָ זענען נאָר שאָטענס, טרוימען, אילוזיאָנען.

8.

און נישט נאָר אין דער וועלט ארום, אויך אינעווייניג אין אים איז דאָ די טאָפּעלטקייט, די „צווייגעשטאַלטיגקייט“ —

איך בין אַ צווייגעשטאַלטיגער און אַ פאַרקערטער...

איין געשטאַלט איז אַן עכטע, אַן אידעאַלע, אַן אבסאָלוטע, א קלאָרע, א ד אָ ר ט י ג ע, א דערלייזטע און א דערלייזענדיגע; די אנדערע איז אַ ה י ג ע, א טונקעלע, א זינדיגע, א נישטיגע, א שאָטענהאַפטיגע.... און ער ווייס אַליין ניט, וואָסער געשטאַלט איז זיינע מיט אַן אמת. אמאָל דאַכט זיך אים, אז ער איז צוגעוואָרפען צו דער ה י ג ע ר, זינדיגער, נישטיגער געשטאַלט, און אין דעם טאָגבוך פון זיינע לידער (יע, א ט אָ ג ב ו ך זענען זיינע לידער) פאַרשרייבט ער:

איך בין אַ צווייגעשטאַלטיגער און אַ פאַרקערטער,
איך בין אַ טיף־פאַרדאָרבענער פון טאָג און טעג,
און קיינער זעהט, ווי קרום עס איז דער וועג
פון מיינע טריט, פון מיינע ניט דערזאָגטע ווערטער...

איך ווייס: דער צווייטער איז אין מיר אַן אויסגעקלערטער,
אַ הונט, וואָס יאָגט נאָך מיר אַליין זיך אין געיעג;
מיר דאַכט זיך אָפּט: ער איז מיין איינציגער פאַרמעג,
ער איז מיין האָר, מיין פירער, מיין באַשערטער...

אזוי דאַכט זיך אים אָפּט. נאָך אָפטער אָבער פיהלט ער אין זיך

ב י י ד ע „איכ'ן", און ער פיהלט זיי אזוי שארף, אז ער זעהט זיך קערפערליך, נישט נאר גייסטיג, אין צוויי־צאל —

זעה איך: געהט א מענש פארביי,
גיט זיך מיר א בויג,
קער איך אפ דעם קאפ און קוק —
גלויב איך ניט מיין אויג:

זיין געזיכט — ווי מיין געזיכט.
איז דאס אפשר — איך?
אויפ'ן מיטען וועג, אין נאכט,
שטעה איך, קוק אויף זיך...

פול מיט שרעק פון צופיל זעהן
און פון זיך אליין,
קוק איך, ווארט, — וועט אפשר ווער
באלד פארביי מיר געהן?

קומט ניט קיינער, פוסט דער וועג,
שטערען שיינען קאלט.
שטעה איך אין דעם ט ו י ט ע ן שיין,
מיר אנטקעגען — מיין געשטאלט...

און ניט קיין צופעליג, קרענקליך געפיהל איז עס, אט דאס געפיהל פון זיין קערפערליכער און פסיכישער איך־אנטצוויאונג. מיר באגעגע־נען עס ביי אים אין א גאנצער ריי לידער. איך וויל זיי נישט אלע צי־טירען, איינס אבער, וואו די פ ס י כ י ש ע צווייצאליגקייט פון זיין איך איז פונקט אזוי קלאר און שארף אויסגעדריקט, ווי אין דעם נאר וואס געבראכטען געדיכט — די פ י ז י ש ע איך־אנטצוויאונג, וויל איך דא ציטירען... איך האלט, אז נישט בלויז א ו י ך, נאר אויך מ י ט דער שפראך פונ'ם דיכטער מוז מען רעדען, אויב מען וויל אים זיך — און אנדערע — „קלערער" מאכען: דער דיכטער אליין האט שטענדיג פאר זיך די ריכטיגסטע אויסדריקען; דער דיכטער איז — אומבאוואוסטער־הייט — דער „קריטיקער" (דער אויסטייטשער) פון זיך אליין... י ע ד ע ר דיכטער, דערהויפט, אבער, אזא, ווי לייוויק, וואס איז אריינגעטאן אין

זיך אליין, וואָס האלט אין איין קוקען אין זיך: זיינע פירושים אויף זיך, זיינע זעלבסט־כאראקטעריסטיקעס זענען די בעסטע...
און אָט ווי לייוויק כאראקטעריזירט אליין זיין נשמה־אנטצווייאונג:

און פלוצלונג זעה: ס׳איז גאָר ניט דו,
אַ טעות גאָר:
ניט דיינע הענט, ניט דיין געזיכט —
אַ פרעמדענ׳ס גאָר.

און וואָס דו זעהסט, און וואָס דו טוסט —
אַ פאַלשער שפּיל;
אַן אויסגעטראַכטער וואַנדעלסט אום
אָהן וועג, אָהן ציל.

דער אמת׳ער איז ערגעץ ווייט,
איז אויגעדרעהט,
איז אויגעשרויפט אין זיך אַליין
ווי אין אַ קייט...
— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

דער אמת׳ער לייוויק איז ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט; דאָ איז אַן אויסגעטראַכטער...

9.

דער אמת׳ער פיהלט זיך דאָ, ווי אין דער פרעמד, און אים איז אַלץ איינס, וואָס דאָ פאַסירט, ער געפינט זיך דאָ אין עפּעס א מין נירוואנא־צושטאנד. אפילו זיין טרויער איז אַ „זינלאָזער טרויער", וואָס קאָן אים נישט אויסלייזען פון זיין אומבאוועגליכקייט —
דיין טרויער ער האָט דיך ביז היינטיגען טאָג נאָך
צו קיינעם דערנעהנטערט.
צו קיינעם דערנעהנטערט, פון זיך — ניט דערווייטערט,
צו מיר ניט דערהויבען;
דו וואַכסט איבער זיך, און דיין אויג איז דאָס אויג פון אַ בלינדען.

דיין געשריי איבער זיך — פון אַ שטומען, דיין געהער —
פון אַ טויבען.
צו וואָס איז געגליכען דיין לעבען, אויב ניט צו אַ שאָטען,
וואָס ווערט אינ׳ם שיין פון פארנאכט אין דער ווייט אויסגעצויגען,
אַזוי ווייט, אַזוי גרויס, ביז עס ווערט פון אים גאָרנישט
מיט גאָרנישט,
אַפילו דעם שיין, וואָס פארגעהט, פארפעהלען צו זעהן דיינע אויגען...

אויגען, וואָס זעהען ניט, א געהער פון א טויבען, א געשריי פון א שטומען... א לעבען — א שאָטען...

קאַלטע שטראַלען ציהען זיך פון שויב,
גיסען אָן מיין האַרץ מיט קאַלטער רוה.
גליקליך זיין איז גוט און ניט זיין — אויך,
בעסער נאָך פון אַלץ — מיין קאַלטע רוה.

איז עס די קאלטקייט פון טויט? די רוה פון ניט־זיין? ניין, דער דיכטער איז ניט טויט, ער איז דאָ. נאָר אים געהט נישט אָן דאָס לעבען פון דאנען, אים איז פרעמד די וועלט פון דאנען. ע ר דער א מ ת ׳ ע ר האָט זיך זיין אייגענע וועלט, און די וועלט, וואָס ארום אים, מעג אפילו חרוב ווערען, איז עס אים ניט נוגע... אזוי חלומ׳ט זיך לייוויק׳ען:

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

האָט אַ פייער פון גאָט אָנגעצונדען די וועלט,
ניט פאַרברענט נאָר קאָן ווערען מיין הויז,
ווייל פארשלאָסען אין מיינע געטרייע פיר ווענט,
געה איך קיינמאָל פון טיר ניט אַרויס.

די וועלט־שרפה געהט אים פונקט אזוי ווייניג אָן, ווי די וועלט אליין —

טוט דער פייער זיך קנוילען אַרום און אַרום,
נאָר ער האָט ניט פון וואַנען אַריין:
פון איין ווינקעל צום ווינקעל אַליין געה איך אום
אַ באַשטראַלטער מיט פלאַמיגען שיין...

עס פאלט אויף אים נאָר דער „פלאמיגער שיין“ — מער גאָרנישט. די פלאמען קנוילען זיך ארום און ארום, — און ער געהט זיך אום אין זיין איינזאמען הויז, אין זיינע „געטרייע פיר ווענט“ —

און אַז לאַנגווייליג ווערט מיר דאָס אומגעהן הין־הער
און די רויטקייט פון פלאַמיגען שיין —
אַלע פענסטער פאַרהענג איך פון אויבען אַראָפּ,
מיט אַ רוהיגען הארץ שלאָף איך איין...
די וועלט קומט־אום אין פלאַמען — און ער שלאָפט... אָבער —
אַז איך כאַפּ זיך פון שלאָף אויף, דערזעה איך: שוין אויס,
אַלע מענשען און לענדער פאַרברענט.
איין און איינציגער איך בין פאַרבליבען — מיט מיר
מיינע גוטע געטרייע פיר ווענט...
לעגט ער אונטער אַ פונק און צינדט אונטער אליין זיינע גוטע גע־טרייע פיר ווענט —
שטעה און קוק, ווי עס פאַלען אַ וואַנט נאָך אַ וואַנט,
עס פאַרלעשט זיך דער איינציגער שיין;
אַ באַפרייטער פון אַלץ, אַ דערלייזטער פון אַלץ,
אויף דער אשיגער ערד שלאָף איך איין...

זעהט איר, אַז דאָס איז ניט קיין טעמפּער שלאָף פון אַ גלייכגילטי־גען, נאָר דער הייליגער שלאָף פון אַ דערלייזטען... איידער די וועלט איז אומגעקומען, האָט ער זיך געדאַרפט באהאַלטען פון איר אין זיינע „טרייע פיר ווענט“, אין די פיר ווענט פון זיין א י ך; דאָס האָט אים געמאַכט פאַר אַ געפאַנגענעם פון זיך אַליין; אַז די וועלט איז אין פייער געריינינגט געוואָרען, זיינען די „פיר ווענט“ זיינע געוואָרען אי־בעריג, ער האָט זיי פאַרברענט: זיין אמת, ד אָ ר ט י ג, איך איז באַ־פרייט געוואָרען פון דעם „אויסגעטראַכטען“, דאָ'איגען, „פיר־ווענטי־גען“, איך — און ער איז דערלייזט...

.10

אָבער נאָר אין חלום האָט ער געזעהן אָט דאָס אַפּאָקאַליפּסיס־בילד פון דער וועלט־שרפה. און נאָר אין חלום האָט ער פאַרברענט די „פיר ווענט“ פון זיין ה י ג ע ן, געפאַנגענעם, איך. אין דער „ווירק־ליכקייט“, אין דער היגער ווירקליכקייט איז די וועלט ניט חרוב גע־וואָרען, און די „פיר ווענט“, וואָס טיילען אים אָפּ פון איר, זענען אים „טריי“, ווי געווען — און זיין גאַנצע פּאָעזיע איז די סימבאָליק פון אָט

דער שאָטענהאַפטיגער ווירקליכקייט, וועלכע ער זעהט דורך די „אויס־געקלערטע" „פיר ווענט", דורך זיין אָפּגעצאַמטקייט, וואָס איז, ווי יעדע אָפּגעצאַמטקייט, אויך אַ שכנות'דיגקייט...

קלערער און בולט'ער ווי אומעטום איז אָט די לייוויק'שע סימבאָליק אין די אָפּטיילונגען „הינטערן שלאָס" און „אין שניי". אין די דאָזיגע לידער זעהט איר באַשיינפּערליך, ווי לייוויק איז אין דער ה י נ ע ר וועלט אי פאַראַן, אי ניטאָ, און די וועלט גופא זעהט איר אין איר צוויי־געשטאַלטיגקייט: אין איר רעאַליטעט און אין איר אילוזאָרישקייט...

איז דאָ נאָך אַ רעאַלערע זאַך, ווי מענשליכע ליידען? און איז דאָ נאָך אַ „רעאַליסטישערע" טעמע, ווי דאָס לעבען פון אַן ארעסטירטען און אַ פאַרשיקטען אין סיביר? אָבער זעהט, וואָס פאַר אַ כשוף'דיגען שלייער לייוויק האָט אויסגעשפּרייט איבער אָט דעם רעאַלסטען און רעאַליסטישסטען פון אַלע סיוזשעטען... אָט זיצט ער „הינטערן שלאָס":

די שויבען פאַרמויערט,
געפרוירען די ווענט;
ביין טיר הענגט אַ לעמפּעל,
קוים, קוים וואָס ער (עס) ברענט...

איצט דאַרף קומען, לויט'ן נוסח, דער „פלוך צו די הענקער" און די באַרימטע בענקשאַפט נאָך „די שטראַלען פון פרייהייט"... קומט אָבער נאָר אַן איינפאַכע אומפאַרטייאישע סטראָף:

איך ליג אונטער צודעק
פון גראָהען געוואַנט
און קוק אויף איין פּינטעל
אנטקעגען דער וואַנט...

אַנשטאָט צו שילטען די „טיראַנען" און בענשען די „פרייהייט", ליגט ער גאָר, אַ שווייגעדיגער, און קוקט אויף אַ פּינטעל אנטקעגען דער וואַנט, אַזוי ווי אים עס איז נישט נוגע —

האָב אַלץ שוין פאַרגעסען,
פון זיך בין איך ווייט;
ווער ווייס, אפשר האָט מען
מיך לאַנג שוין באַפרייט?

אפשר האָט מען אים שוין לאַנג נאָר באַפרייט?

און אפשר געשטאָרבען
בין איך, און ביין מיר
דאָס לעמפּעל ברענט יאָרצייט,
ברענט יאָרצייט נאָך מיר?

אפשר איז ער שוין געשטאָרבען, און דאָ זיצט גאָר אן אנדערער, ניט ער?...

איז עס מידקייט, אפּאטיע, דערשלאָגענקייט? אמאָל טרעפט, אז מען ווערט אזוי טעמפּ פון שארפע ליידען, אז מען הערט אויף זיי — אין זיך אליין — צו פיהלען... אָבער ניין, אין דעם פאַל איז עס ניט קיין אונטערגעבען זיך די אייגענע ליידען, נאָר, פארקערט, א זיג איבער זיי, אן אינעווייניגסטע זעלבסטבאפרידיגונג, אן אוועקגעהן פון דער וועלט מיט אירע אילוזאָרישע רעאליטעטען, א באהאלטען זיך „פון זיך און פון מענשען אין נעביל פון ווייטע געשטאלטען", א צושטאנד, ווען, באפרייט פון די אייגענע ליידען, ווערט מען פול מיט רחמנות און פארגעבונג צו אלץ, וואָס ארום. א הייליגער צושטאנד, ווען דו ביזט מער נישט אין כעס אויפ'ן „וועכטער", וואָס היט דיך און נעמט ביי דיר אָפּ דיין פרייהייט (וואָס איז זי ווערט, דיין פרייהייט?). ביזט אים אלץ מוחל און ביזט פול מיט מיטלייד צו אים אליין: —

וועכטער, געה און לעג זיך שלאָפען,
כעם דיין אויג אראָפּ פון מיר:
נאכט געגעבען איז אויף רוהען
ווי פאר מיר, אזוי פאר דיר.

שטעל אוועק דיין ביקס ביים טויער,
שפּאר זיך אָן — דעם קאָפּ אָן טיש;
פון א גאנצען טאָג ארומגעהן
טוען ווי דאָך דיינע פיס...

וועכטער, דיר טוען ווי דאָך דיינע פיס, געה, רוה אָפּ...

אויפ'ן וועכטער איז מער רחמנות, ווי אויף אים, דעם פארשפּאַרטען. אים האָבען די ליידען שוין אזוי שטיל געמאכט, אז ער איז איצט בכח זיי איינצושטילען...

עמיצער זאָגט מיר: זיי שטיל,
ליג אָדער זיץ אין דער שטיל.

ווערט דיר די שטילקייט צו לאסט —
ווייַן, אָבער וויין ניט צופיל.

מיין ניט, דו ווייסט, וואָס דו וויינסט,
וויינסט אין דער וועלט גלאַט אַזוי.
קוקסט אויף די פלעקען פון וואַנט,
ווילסטו גאָר לאַכען צו זיי...

דו וויינסט, ווייל דו ווילסט נאָר שטערען די מאָנאָטאָנע שטיל־קייט, וועלכע איז דיר געוואָרען צו לאַסט, — „וויינסט אין דער וועלט גלאַט אַזוי". קאָנסט אויפהערען וויינען — און פארטרייבען די מאָנאָטאָנישקייט אויף אַן אנדער אופן:

צייל זיך די ברעטער פון דיל,
מעסט וויפיל טריט האָט דיין צעל;
וואַלגער זיך מער ניט ביי'ן טיר
קושען דעם שמוציגען שוועל.

קוק פון דער זייט זיך ביי'ן וואַנט,
ווער געהט אַרויס, ווער — אַריין;
ביזט ניט דער ערשטער אין צעל,
ועסט ניט דער לעצטער אויך זיין...

די צעל — די ל ע ב ע נ ס צ ע ל, וואָס וואו דו ביזט, ביזטו אין איר, און ווער דו ביזט, ביזטו אין איר — די צעל, זי לאָזט דיך נישט ארויס, ניט מאַטער זיך אומזיסט, סיידען דו פליהסט פון איר אוועק אויף די פליגלען פון חלום, אויף די פליגלען פון דיין אמת'ען, ד אָ ר ט י ־ ג ע ן, נישט געפאַנגענעם איך...

וואו נעמט מען די פליגלען? זיצט מען אין צעל און מען וואַרט אויף אַ וואונדער —

איינגעשמידטע זענען מיר,
יעדער אין אַ קאַמער זיצט באַזונדער;
אַנגעשפּאַרטערהייט ביי'ן טיר
שטעהען מיר און וואַרטען אויף אַ וואונדער:

פלוצלונג אויגער שטילערהייט
עפענען וועט אלע טירען,
וועט צערייסען אונזער קייט,
אונז פון תפיסה ארויספירען.

וועט אונז פירען פאר'ן האנט
איבער וועלדער, איבער גרויסע ימ'ען,
צו א ווייטער, ווייטער לאנד —
און אהיים אונז ברענגען, צו דער מאמען...

עמיצער וועט קומען שטילערהייט, עפענען די טירען, צערייסען אונזער קייט — און פירען אונז אהין צום „ווייטען, ווייטען לאנד". אויף אט דעם וואונדער ווארט, זיצענדיג אין תפיסה, אין לעבענס־תפיסה, לייוויק. דערווייל איז נאך קיין וואונדער ניט געשעהן. אבער ער וועט ,ער מוז געשעהן. דאן וועט דאס לעבען „הינטערן שלאס" צע־רינען, ווי א טרוים, און עס וועט זיך ארויסווייזען, אז עס איז אויך פרי־הער געווען נאר א טרוים, אן אילוזיע, — דאס, וואס לייוויק האט אונז געוויזען אין זיינע לידער...

.11

אבער דאס וועט זיך ארויסווייזען ערשט דאן, ווען דער וואונדער וועט געשעהן און עס וועט מקוים ווערען דער חלום, וואס לייוויק חלומ'ט, ווען ער זעהט, „וואס קיינער זעהט ניט", ווען ער זעהט „דאס לאנד דאס פארבאטענע", דאס לאנד דאס פארבארגענע. דערווייל איז נאך אבער ניט געשעהן קיין נס —

און דער, וואס האט אויסלייזען אונז צוגעזאגט, —
ווער ווייס, וואו ער נעבטיגט, ווער ווייס, וואו ער טאגט,
ער ווערט אליץ פארגעסען, דערווייטערט נאך מער —
ער קומט ניט אהער...

דערווייל איז נאך מער ווי מיט ווארטונג און נאך מער ווי מיט האפענונג לייוויק פול מיט טרויער, מיט אזא טיפען און לעצטען טרויער, וואס אפילו אין אונזער אידישער פאעזיע טרעפט מען אזא זעלטען, און הגם ער ווייס, אז עס וועט קומען דער טאג, און עס וועט ארויסשיינען די זון

פון הינטער די וואָלקענס, וואָס פאַרשטעלען זי, איז נאָך דערווייל פון איר דאָס ליכט פאַרבאָרגען און —

ביז וואַנען די הגה וועט קומען,
פאַרגעהן וועלען יאָרען,
ביז וואַנען מיין פרויידיגע ליכטיגקייט
וועט ווערען געבוירען.

ביז דאַן וועל איך איינזאַם און פרעמד זיין,
פאַרטיפט און באַהאַלטען
פון זיך און פון מענשען אין נעביל
פון ווייטע געשטאַלטען.

און זיין ווי אַ קינד אומבאַהאָלפען,
פאַרשעמט און אָהן ווילען,
אַמאָל אין פאַראכטונג, אַמאָל אין פאַרגעבונג
מיין זעלע פאַרהילען...

און אָט דאָס איז די זעל פון זיין בוך — אַ זעל, וואָס וואַרט, ביז וואַנען איר פרויידיגע ליכטיגקייט וועט ווערען געבוירען, און וואָס דערווייל איז זי טרויעריג און טונקעל, איינזאָם און פרעמד, פאַרטיפט און באַהאַלטען פון זיך און פון מענשען אין נעביל פון ווייטע געשטאַלטען. און זי ענדיגט איר ודוי, אָט די פון אונז ווייטע און אין נעביל פאַרהילטע זעל — מיט אַ ליד, וואו עס חזר'ט זיך איבער דער גלויבען און אויך דער יאוש, וואָס פילט אָן דעם ערשטען ליד און דעם גאַנצען וואונדערליכען בוך —

איבער מיר געהט אויף אַ רעגענבויגען —
דער טייך, וואָס פירט צו מיין געהיימען לאַנד;
דעם זעגעל אויף מיין שיף האָב איך שוין אָנגעצויגען,
האָב וועסלעס זיבענפאַרביגע אין האַנט.

דער וועג אָהין שטראַלט דורך דורך מיינע אויגען,
און בזיגיג איז דער אָרעם פון מיין האַנט;
נאָך איידער עס פאַרגעהט דער רעגענבויגען
דערגרייך איך צו די ברעגען פון מיין לאַנד.

פארגאנגען איז שוין לאנג דער רעגענבויגען:
איך וואַרף אוועק די וועסלעס פון מיין האַנט;
מיט זיבען טויטע פאַרבען אין די אויגען
געפאַנגען ליג איך אין מיין אייגען לאַנד...

געפאנגען, אָבער נישט טויט, ניין, נישט טויט.
ער ליגט און ווארט אויף דער שעה פון אויסלייזונג...

צי וועט ער זיך דערווארטען? איינציגע שטימען אין זיין בוך ענט־פערען: יע! אנדערע: — ניט! און דער איינדרוק איז, אז „ניט!“) זאָגט דאָס ד אָ ' א י ג ע, און „יע!“ — דאָס ד אָ ר ט י ג ע איך פון אונזער צוויי־געשטאַלטיגען דיכטער. און נאָך איז דער איינדרוק: — אז דעם ד אָ ר ט י ג ע ן איכ'ס „יע“, כאָטש עס איז שטילער און פארבאָרגענער, איז עס זיכערער און קלערער, ווי דעם ד אָ ' א י ג ע ן איכ'ס הילכיג „ניין“ — און אויך אָריגינעלער איז עס: טרויער, לע־בענספארצווייפלונג, מענשען מיט פארבראָכענע הענט און וויינענדיגע אויגען, ניין־מענשען האָבען מיר גענוג אין דער אידישער פאָעזיע, ווען אפילו נישט אין אזא ל ע צ ט ע ר געשטאלט, ווי ביי לייוויק'ען. אָבער א טרויער, א יאוש, וואָס פירט אונז, קאלט און אכזריות'דיג, צו צו א וואנט און זאָגט: די וואנט איז שטארק, נישט דורכצוברעכען, אָבער הינטער איר, הינטער איר איז פאראן עפּעס אזוינס, וואָס ווארט אויף אונז, — א טרויער, וואָס פלוצלונג ווערט ער, ווי פון עפּעס א פארבאָר־גענעם ליכט, דורכגעלויכטען, — אזא געלייטערטער און אפשר גאָר גע־בענשטער טרויער איז א נייס ביי אונז, א גרויסע נייס.

.12

און אויך זיין אלץ־ארומנעמען, זיין אלץ־פארגעפלען און אלץ־באַ־שיינען איז א נייס. צווישען די ביכער לידער, וואָס זענען ביי אונז ארויס אין די לעצטע — און נישט נאָר אין די לעצטע — יאָרען קאָן איך נישט נאָך א בוך, וואָס זאָל זיין אזוי אריינגעטאָן אין איין זאך, אזוי איינגעטונקט אין איין שיין און אין איין טונקעלקייט, ווי דאָס בוך לידער פון ה. לייוויק. וואוהין עס זאָל זיך נישט קערען און ווענדען, קומט עס אלץ צוריק צו זיין פ י נ ט ע ל ע, וואָס פאר א ליניעס עס זאָל נישט ציהען, זענען עס אלץ ראַדיוסען פון איין — טונקעלען — קרייז.

און אין אָט דעם קרייז ווערען אויך די לעזער אריינגע׳כשופ׳ט, און זיי קאָנען פון אים נישט ארויס. זיי זאפען אין זיך איין זיין ליכט און זיינע שאָטענס. זיי ווערען פול מיט זיין פולקייט, און פאר קיין שום אנדערע זאכען איז קיין אָרט נישטאָ אין זיי, ווען זיי לייענען אים...

וואו איז ליבע? פארוואָס זינגט אונז נישט לייוויק קיין ליבע־געזאנגען? (נאָר שאָטענס פון ליבע שלייכען דורך אייניגע פון זיינע לידער) ליריק אָהן ליבע? און — אָהן נאטור? וואו איז די נאַטור? וואו זענען די כמורנע הימלען און די גרויע פעלדער פון דער ליטע מיט די „איינזאמע בעריאָזקעלעך“? וואו זענען די שנייען, הימלען און שטערען פון די סיבירער נעכט? אַלץ נשמה און נשמה! און די נשמה נאָר א חלומ׳ענדיגע! און מיט דעם חלום אין זיך — און נאָר אין זיך און רק אין זיך! און נאָר ליידען און נאָר טרוימען און ווידער טרוימען! און טויט! און ווידער אמאָל טויט! איז דאָס דאָס לעבען? איז דאָס דער מענש? איז דאָס די גאנצע וועלט? און נאָך טויזענט פראגען... אָבער דער לעזער שטעלט זיי ניט. זיי ליגען אים נישט אין זינען, ווען ער לייענט (אויב נאָר ער לייענט מיט אן אמת) לייוויק׳ען. אנדערע זאכען און אנדערע שאָטענס פון זאכען פילען דאן אָן די לופט, וואָס רינגעלט אים ארום, און נאָר אָט די לופט אָטעמט ער איין און אויס!

און דערפאר טראכט ער אויך נישט וועגען דער „פאָרם“, וועגען די טעכנישע אויפטוען און די טעכנישע פעלערען... וואָס איז פאר א מענשען, וואָס זיצט „הינטערן שלאָס“ פון לעבען, מיט „זיבען טויטע פארבען אין די (לעבעדיגע!) אויגען“ — פאר א מענשען, וואָס האָט „אַלע גרעניצען פארלאָרען“, וואָס האָט אן „אויג פון א בלינדען“ און א „צונג, וואָס איז שטום“, — וואָס איז פאר אזא איינעם „פאָרם“, „טעכניק“ און די אלע איבעריגע זאכענישען?

טויטע ווערטער, נאַקעט־הוילע, שוטען זיך פון יעדענס מויל,
ווערטער, טויזענט מאָל געריעדטע, שוין צעווערימטע און פויל...

עס זענען דאָ וויכטיגערע און ניט אזוינע ווערטערדיגע זאכען. עס זענען דאָ זאכען, וואָס אז מען טראכט וועגען זיי און מען פיהלט זיי און מען איז מיט זיי, פארגעסט מען אָן די אלע „עסטעטישע“ ריידע־רייען. מען פארגעסט אפילו צו פרעגען זיך: צי זענען אלע לייוויק׳שע פערזען גוט, צי זענען אלע „מאָטיוען“ ניי, צי האָט שוין אמאָל עפּעס

איינער א רוס סאָלאָגוב ניט געשריבען עפּעס ענליכס און צי האָט לייוויק א רייכען פּאָעטישען טאַלענט, צי נאָר אן איינאַרטיגען... דער, וואָס האָט דערהערט דעם שטומען געשריי פון לייוויק'ס נאָך אין כאָאָס זינ־קענדיגער נבואה, דער, וואָס איז פאַרוועבט געוואָרען פון לייוויק'ס ליכ־טיגען און טונקעלען טרוימוועבס, וויים, אז נישט אום טאַלענט און שיינע פערזען האנדעלט זיך עס דאָ, נאָר אום דעם פיל וויכטיגערען פאַרבאָר־גענעם ז י נ ע ן פון לייוויק'ס „ווייטע געשטאַלטען" און לייוויק'ס חלום וועגען די „אוצרות", וואָס וואַרטען אויף אונז ע ר ג ע ץ ו ו י י ט, ע ר ג ע ץ ו ו י י ט...

ניט קיין „פּאָעטישער סימבאָל" זענען אָט די פאַרבאָרגענע און פאַרבאָטענע „אוצרות", נאָר א היים שטיק דורשט פון אן אָפּגעקילטען לעבען.

לידער:

מלך ראַוויטש

מאַני לייב

ב. לאַפּין

מ. ל. האַלפּערן

מאַטעס ל.

יצחק איגנאַטאָווסקי

דוד איגנאַטאָוו

מלך ראַוויטש:

1

גענזאַנג פון דערפולונג.
(פון דעם בוך נאַקעטע לידער)

און צו דערפולונג שטרעבט די קרעאַטור,
און צאַפּעלט פיבערדיג מיט אַלע אָדערן פון איר לייב;
און די דערפולונג איז ליבע און לעבען,
און ס'איז די דערפולונג דער טויט.

אויף זיינע צוויי הינטערשטע פיס
שטעלט זיך דער בוהיי אויף,
אזוי ווי אויף צוויי מעכטיגע זיילען,
און זיין געוואַלטיג לייב איז ווי — א —
אויפגעקניפּטער פייערבונד פון הונדערט טויזענט צונגען,
און זיינע לונגען
אָטעמען שווער און צערייסען די לופט מיט א הויכען געבריל;
און זיין ווייב וואַרט אויף אַלע פיר צוגעשפּאַרט צו דער ערד.

אין אַלע צענטויזענט צווייגען קניפּט אויף זיך דער בוים,
סאמע אין הערבסט,
לאָזט דורך זיינע אָדערן שטורמען דעם ווינט,
און זינגט אַן אויסגעלאַסען ליד פון דער לוסט,
אין דער נאַכט.
און דער זאָמען שפּרינגט פון יעדען בלאַט באזונדער,
און לאָזט זיך פליהען איבער דער נאַכט,
זוכענדיג, זוכענדיג דעם שוים פון דער ערד.

2

און דער גייסטיגער מענש,
קניפּט אויף די געדאַנקען אין זיינע נעכט,
ליידענשאַפטליך ציטערדיג צום צוהערער זיין פריינד,
ווי דער זעכצעניאָריגער צו דער צוואַנציגיאָריגער'ס
נאַקעטע גלידער.

2.

דאָס וואַסער טרינק ליד.

קוואַלענדיג וואַסער, שטראַלענדיג וואַסער,
אַ קוואַל פון דער ערד, אַ שטראַל פון דער ערד!
אין זונענשיין אויפשיינענדיג,
זיבענפאַרביג אויגיג!
סע ציהט די נשמה דעם ריח איין,
און וויל אים אין בלוט צעפירען.
זיבענפאַרביג איז דאָס קרישטאָלוואַסערגלאָז,
און פאַרבט דאָס בלוט מיט זיבען קאָלירען.

רויזפאַרביגע ליבע הילט איין, הילט איין,
און די ליפּען מאַכען זיך אויף און קושען,
און קושען אומענדליך און זינליך און רויט,
וואַסערם קרישטאָלענע פּראַכט.

הויב אויף דיין גלאָז צו דער זון,
דו זוהן פון דער ערד,
טרינק ברודערשאַפט מיט דעם בוים מיט דעם פריינד,
וואָס ס'פאַלט אויף אים דערזעלבער זונענשטראַל,
וואָס טרינקט מיט דיר פון דעמזעלבען קוואַל.

מאני לייב:

נאכטיגע אומרוה.

נאכטיגע אומרוה. איבער'ן ים
לייכט־טורעמס מיט געצינדענע אויגען —
רויט, געל, גרין, גאָלד.
ווינטען אין אָפענע רוימען
און שיפען, וואָס שרייען לעצטע געשרייען
צו דער קאַלטער לבנה,
און ווינטען מיט מידע פליגעל,
וואָס זעגלען ביים ברעג
אויפ'ן זאמד,
אויפ'ן גראָז,
אויף די בוימער
און אויף אונזער הויז ביי דעם ים.

דו מיט די שטילע אויגען,
הערסט ווי די בוימער זיפצען?
זיץ מיט מיר אין דער נאכטיגער אומרוה,
ווארעם מיינע דערשראָקענע הענט;
גאָט ווייס וואָס די מידע ווינטען
ברייגגען איצט צו אונזער ברעג.

נאכטיגע איינזאַמקייט.

דאָס שטילע גראָז איז נאָס און גרוי פון נאכט און טהוי.
דער וועג צום ים איז שמאָל און אויסגעטראָטען.
און ווייס אין דער לבנה. ווי מיין שאָטען
מיט ווייסע אויגען ביי מיין זייט געהט שוויינענדיג א פרוי.

דער ים איז איינזאַם אונטער דער לבנה. ווייט
און איינזאַם. ווייט און איינזאַם אַלע שיפען.
אין איינזאַם די לבנה איבער אַלע טיפען,
ווי מיין נשמה, ווי די פרוי — דער שאָטען ביי מיין זייט.

ב. לאַפּין:

דאָס הייליגע לאַנד.

וואָס האָט אין העלען טאָג געטראָפען,
דאָס קאָן קיין זעהונג זיין; —
דאָס עופה'ל האלט די אויגען אָפען,
ארום — א רונדער שיין.

זיין וויג פון זיך אליין וויגט אום זיך
אָהן רויש אהין, — צוריק;
אָט קוקט עס וואכעדיג ארום זיך —
עס פאלט אויף מיר זיין בליק.

עס איז דער בליק פון שטראַלען קלערער,
ווען ס'דארף די זון אויפגעהן.
עס איז פון מענשען־ליידען שווערער
איהם רוהיג אויסצושטעהן.

עס האָט נאָך ניט קיין הונדערט זונען
דאָס עופה'לע פארמאָגט,
האָט זיך א געטליך וואָרט געשפונען,
האָט אויף זיין ליפ געטאָגט.

אָט האָט עס שוין ארויסגעפלאפּעלט,
צושראָקען, — אונגעריכט — —
א געטליך קאמף האָט זיך געצאפּעלט
אין קינדערשען געזיכט.

דאָס וואָרט פאַר מיר איז אומפאַרשטענדיג,
ניט מיר איז ער באשערט;
זיין קלאנג — וואָס הילכט מיר נאָך באשטענדיג
איז ניט פון אָט דער ערד. — —

וואָס ס׳האָט אין העלען טאָג געטראָפּען,
דאָס קאָן קיין זעהונג זיין ; —
דערנאָך האָט רוהיג עס געשלאָפען
פאַרהילט אין אייגענעם שיין.

וואָס וועט זיין ?

וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין, ווען די אַלטיטשקע־צייט
וועט צום זיבעטען הימעל דערגרייכען אַמאָל ;
און דער גאָט, וועמ׳ מיר האָבען גערופען פון ווייט —
איז גאָר דאָרטען זיין רוה ניט געוועזען קיינמאָל !

און אַזוי ווי איר טראָט נאָר דערגרייכט יענעם אָרט,
גיט זיך וואָס א רים אָפּ ווי א באַרג־שפּיץ צו דר׳ערד ;
און דורך פייער און רויך הילכט א מורא׳דיג וואָרט :
„ס׳האָט קיין גאָט אייך קיינמאָל דאָ אין הימעל געהערט !“

און צעיאָמערען וועט זיך די אַלטיטשקע־צייט
און צעקייקלען און דונערען וועט זיך איר שרעק,
און ס׳וועט ליגען דער מענשליכער גלויבען פאַרשפּייט,
און עס וועלען אין אומגליק זיך ציהען די טעג !

אויפשטעהן וועלען די קדושים פון דר׳ערד אויפגערייצט,
מיט פאַרבראָכענע הענט צו דעם הימעל צעשפּרייט :
„אונזער בלוט צוליב דיר האָט אין שטראָמען געפלייצט,
אויפ׳ן ליפּ מיט דיין נאָמען באַגעגענט דעם טויט !“

און די מענשען ארויסלויפען וועלען אין גאס
מיט אין קריעה־צעריסענע קליידער אויף זיי ;
ניט קיין געטליכע ליבע און געטליכער האס
קען זיי לינדערען איצט פון פאַרצווייפעלטען וועה !

מיט א קללה אין אייגענעם הארצען פארזעהט,
וועט ארומגעהן דער מענש אָהן א ציל אויף דער וועלט;
בלויז די זון — זי געהט אויף אין איר זייט און פארגעהט
גלייך ווי תמיד... ווי ס'וואָלט איר קיין גאָט ניט געפעלט!

וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין, ווען די אַלטיטשקע־צייט
וועט צום זיבעטען הימעל דערגרייכען אמאָל;
און דער גאָט, וועמ' מיר האָבען גערופען פון ווייט, —
איז גאָר דאָרטען זיין רוה ניט געוועזען קיינמאָל!

מ. ל. האַלפּערן:

נישט גאָט. ס'איז דאָ אן אנדערער וואָס נעמט זיך אָן.
און איר באצאָלט פאר אלץ, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן.
פאר איטליך ברויט אונזערס צעוואָרפען אויפ'ן מיסט
האָט ער א פעלד אייער'ס פארדאָרבען און פארוויסט
פאר איטליך הויז אונזער'ס האָט ער א לאנד פארברענט
און ציילט די קאליקעס מיט אָפּגעהאקטע הענט
און ציילט די טויטע אויף די טויטע און זעהט צי עפּיס פעלט
פאר איין קאָפּ טויזענט קעפּ און ער האָט גוט געצעהלט
און וועה צו אייער האס ער איז שוין איצט א טייך
וואָס איז פון ברעג ארויס און קערט זיך אום צו אייך.
אומזיסט וואָס איר אנטלויפט. וואוהין איר וועט אוועק
וועט לויערען אויף אייך דער הונגער און די שרעק
ביז איר וועט וואַיענדיג אין אייער וויסטען פיין
זיך יאָגען דורך דער וועלט ווי מיר וואלד אוים וואלד איין
ביז איר וועט אָנפאלען מיט פויסטען און מיט ציין
אויף אייגען בלוט און פלייש אוים האס צו זיך אליין
און ביז איר וועט אליין זיך רייסען ווי די הינט
ארום דעם לעצטען ביין פון אייער לעצטען קינד.

מאטעס ל.

...אַט נאָך היינט וועט די זון אויסגעלאָשען ווערען,
פארגעהן דער טאָג, וועט מיין טאָג...
אויפ'ן בארג, אונטער'ן בארג,
שפּאָרעוודיג און קארג
וועט אויסגעהן מיין זון
און ניט ווערען...

קומען וועט די נאכט, די לאנג געגארטע נאכט,
און בלייבען וועט א שטערען...
אויפ'ן בארג, אונטער'ן בארג,
שפּאָרעוודיג און קארג
וועט אויסגעהן דאָס ליכט —
און ס'וועט ווערען נאכט.

און אַ טאָג, א נייער טאָג מיט ליכט וועט אויפגעהן אין דער נאכט
און דער טאָג אין א נאכט, דורך דער נאכט וועט פארגעהן...

יצחק איגנאַטאָווסקי:

געשעמט.
(פאָלקסליד)

שטילינק מאָרגען־ווינטעלע!
טראָג צו מיין ליבער'ס אויערעל
דאָס קלאפּען פון מיין הארצען אָפּ.
וועט זי פרעגען: וועמעס?
— זאָג ניט אויס.

רייניק גיבינק טייבעלע!
שפּריץ צוויי טרערען בלויענקע
אויף מיין ליבסטער'ס פּנים'על.
וועט זי פרעגען: וועמעס?
— זאָג ניט אויס.

היימינק גאָלדען זונעלע!
דערהייץ אויף אירע בעקעלעך
מיין בליק — ווי דיינע שטראַלען היים.
וועט זי פרעגען: וועמעס?
— זאָג ניט אוים.

גרינינק פינסטער וועלדעלע!
שטיל מיט דיין א צווייגעלע
טו א גלעט איר קעפעלע.
וועט זי פרעגען: וועמעס?
קער אָפּ. שוויג. זאָג ניט אוים!
(געשריבען מיט 25 יאָר צוריק.)

דוד איגנאַטאָוו:

אידעלעך, ברידערלעך.

אידעלאך ברידערלאך, כא־כא־כא!
טאנצען מיר, שפרינגען מיר, כא־כא־כא!
הייבען מיר הענטעלאך, ווא־ווא־ווא!
פלעסקען צו, פלעסקען צו, פא־פא־פא!
ברידערלאך, אידעלאך, כא־כא־כא!
נאָכאמאָל, נאָכאמאָל, כא־כא־כא!

גרוים איז גאָט, טאטעניו, טא־טא־טא!
גרוים איז ער, גרוים איז ער, לא־לא־לא!
קינדערלאך זענען מיר, מיר־מיר־מיר!
אוי זיינע קינדערלאך, מיר־מיר־מיר!
היט ער אונז, מאמעניו, אך, ווי גוט!
וועט ניט פארלאָזען אונז, אונז, אונז, אונז!

וועט אונז נאָך אומקערען אונזער לאַנד,
שטאַרקער ברידערלאַך, האַנט אין האַנט!
אונזער לאַנד איז צוקער זיס!
שטאַרקער ברידערלאַך הייבט זשע פיס!
שטאַרקער, לעבעדיגער, אָט אזוי,
אָט אזוי, אזוי — זוי, זוי.

שבור ווערט די ערד פון טומעל!
ס'טוט א ציטער באַלד דער הימעל!
— אידעלאַך האָבען א טאַנץ געמאַכט,
שרעקט זיך ניט שטערענדלאַך פון דער נאַכט.
— וואַלד און פעלד, א וואָלקען ציהט,
היט זיך שטערענדלאַך, היט זיך, היט!
נאָר מיר אידעלאַך, כאַ־כאַ־כאַ!
אידעלאַך ברידערלאַך, כאַ־כאַ־כאַ!
הייבען מיר הענטעלאַך, וואַ־וואַ־וואַ!
פּלעסקען צו, פּלעסקען צו, פּאַ־פּאַ־פּאַ!
ברידערלאַך, אידעלאַך, כאַ־כאַ־כאַ!
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, כאַ־כאַ־כאַ!

ל. מילער:

אבא.

(ראָמאַן אין דריי טייל)

ערשטער קאַפּיטעל

מחנות געזונטע יונגען זענען געשטאַנען אַרום די ציַיטונגס סקלאַ־דען פון די רעדאַקציעס און אומגעדולדיגער ווי שטענדיג, געוואַרט אויף די „עקסטראַס", וואָס האָבען באַלד געדאַרפט אַרויס פון דרוק.

זיי האָבען געוואוסט די נייעס, וואָס עס האָט זיך דאָרט געדרוקט און צופרידענע וואָס זיי ווילען הייַנט האָבען צו פאַרקויפען אַזאַ אויסערגעוויינליך וויכטיגע נייעס, האָבען פילע געפּאַטשט מיט די לעדערנע רימענעס אויף דעם שטיינערנעם טראָטואַר און אַנדערע האָבען גאָר קיין געדולד נישט געהאַט און שוין פאַר זיך אַליין גענומען אויסשרייען די נייעס, גלאַט אַזוי זיך פון רעפּעטיציע וועגען...

מחנות געזונטע יונגען האָבען זיך נאָכדעם מיט די ציַיטונגס פּעקן אויף די אַקסלען אַ לאָז געטאָן איבער די רוישיגע גאַסען און מיט ווילדע אוממענשליכע קולות זיך אַריַינגעריסען אין דעם גאַסען געפּילדער אויסשרייענדיג זייערע נייעס.

די נייעס איז באַשטאַנען פון איין וואָרט בלויז, און דאָס וואָרט האָט מיט אומגעהייער גרויסע און דיקע בוכשטאַבען אַרונטערגעשריגען פון די ציַיטונגען, האָט זיך געדוכט, אַז די ציַיטונגען אַליין שרייען אויף מיט דיזעלבע ווילדע קולות פון זייערע פאַרקויפער.

נאָר די איילענדיגע פאַרביַיגעהער האָבען זיך מיט גרויס פאַרדאַכט צוגעהערט צו די געשרייען פון די יונגען. — שוין ניט איינמאָל האָט מען זיי אָפּגענאַרט מיט פאַלשע סענזאַציע־געשרייען, — אָבער דעם מאָל האָבען די יונגען קלאָרער און פאַרשטענדליכער אויסגעשריגען די נייעס, וואָס איז באַשטאַנען פון איין וואָרט בלויז, און די פאַרביַיגעהער האָבען דערהערט דאָס וואָרט, ווי עס דאַרף צו זיין, און האָבען גענומען כאַפּען די „עקסטראַס" און גערן געצאָלט די צווייסענטיגע.

דאָס מאָל האָט מען זיי ניט גענאַרט, אויף דעם האָבען עדות גע־

זאָגט די אויפגערעגטע פּנימ׳ער פון די מענשען, וואָס זענען געגאַנגען איבער די באַלויכטענע גאַסען און געלייענט די „עקסטראַס“.

די מענשען האָבען זיך מיטאַמאָל אויפגעהערט צו איילען, האָבען גענומען געהן לאַנגזאַמער, זיך אָפּגעשטעלט און זיך פאַרטיפט אין דער צייטונג. און דערביי האָט יעדער איינער געהאַלטען זיין צייטונג אַזוי, אַז ווער עס וויל נאָר זאָל אַריינקוקען און זעהן. און אַז אַ צווייטער קומט אָן און כאַפּט אַ קוק אין יענעמס צעשפּרייטער צייטונג, זאָגט ער עפּעס, ניט צו יענעם, נאָר גלאַט אַזוי זיך אין דער לופט אַריין, קומט אַ דריטער און אַ פערטער מיט צייטונגען אין די הענט ווערט אַ רעדיל. לייענט מען אינאיינעם, רעדט מען אינאיינעם, ניט איינס צום אַנדערען, נאָר אַזוי זיך אין דער לופט אַריין. שטעהען רעדלאַך אומעטום פוןביידע זייטען טראָטואַרען און בלויז אויפ׳ן מיטוועג געהט זיך די גאַס איהר געוויינ־ליכען רוישיגען גאַנג פול מיט טראַמוויי געטומעל און אויטאָ־סיגנאַלען.

דאָס מאָל האָט מען זיי ניט אָפּגענאַרט. און אַלע האָבען זיך ווי דערפרעהט מיט די נייעס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע בשורה.. און האָט ווער איבערגעלייענט די צייטונג האָט מען זי ניט אוועקגעוואָרפען ווי שטענדיג מיד און גלייכגילטיג, נאָר פאַרזיכטיג מיט אויפגערעגטע פּנימ׳ער האָט מען צונויפגעלייגט די צייטונגען און באַהאַלטען — אהיים ברייגנען די נייעס.. נאָר אהיים געהן האָט זיך קיינער ניט געאיילט, ווייל די לופט איז געווען פול מיט אויפרעגונג, פול מיט נייעס.. נייעס, נייעס..

ישראל ווינער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ רעדיל, זיך באַלד אָפּ־געריסען און געגאַנגען אהיים. ער איז געגאַנגען פון זיין אייזען קראָם, ביידע הענט פאַרנומען מיט פּעקלאַך מציאות פאַר׳ן הויז, וועלכע ער האָט שטענדיג אַזוי ליב אהיים צו ברענגען, און אַ חוץ די פּעקלאַך האָט ער נאָך געטראָגען אַן „עקסטראַ“ אונטערן אָרעם.. עס האָט אים גע־צויגען צו די רעדלאַך מיט מענשען, נאָר אין דער היים וואַרט מען אויף איהם מיט סאַפּער, און ביי ישראל ווינער זענען זיין חוה לאה און זיין אסתר בילכער פון דער גאַנצער וועלט מיט אַלע איהרע נייעסען.. דערצו וועט ער זיי טאַקע שנעלער אהיים ברענגען די „עקסטראַ“ — אויב זיי ווייסען נאָך ניט — און איהם האָט זיך זעהר געוואָלט זיי זאָלען נאָך ניט ווייסען.. און ער איז שנעלער ווי געוויינליך געגאַנגען אהיים.

זיי האָבען נאָך ניט געוואוסט אין דער היים..

אסתר האָט א כאַפּ געטאָן די „עקסטרא“ פון פאַטער׳ס האַנט און מיט די נייגעריגקייט און אויפרעגונג פון יענע מענשען דאָרט אין די רווישיגע גאסען האָט זי זיך געכאַפּט לייענען די צייטונג. נאָר חוה לאה האָט פאַרבראָכען די הענט, באַלייטענדיג עס מיט א צעשראָקענעם „וועה־וועה!“

און אז מען איז שוין געזעסען ביים סאַפּער, אסתר מיט דער צייטונג פאַר זיך אויפ׳ן טיש און ישראל פאַרטיפט אין טעלער געפּרעגעלטען לעבער, האָט חוה לאה פּלוצים א זאָג געטאָן צו זיך אין טעלער אריין:

— „נאדיר נאָר א מלחמה אויף זייערע קעפּ, אז גע׳הרג׳עט זאָלען זיי אליין ווערען רבונו של עולם!“ — —

אסתר איז געווען פאַרטיפט אין די נייעס, האָט זי גאָר פאַרגעסען זיך צו וואונדערען וואָס אבא איז נאָך ניטאָ. נאָר חוה לאה צעשראָקען פון די נייעס האָט פּלוצים אָהן א פאַרוואָס זיך גענומען באַאומרוהיגען:

— „וואָס איז עפּעס דער מעהר וואָס אבא איז נאָך ניטאָ, הא?“

אסתר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון צייטונג און א קוק געטאָן צום פאַטער. האָט ישראל לאַנגזאַם ארויסגענומען דעם שטעכער פון צווישען די ציין און זי בארוהיגט.

— „אין גאַס אודאי, איר ווייסט דען וואָס עס טוט זיך איצט אין גאַס? עס קאָכט דאָך!“ —

אסתר׳ן האָט פּלוצים א ציה געטאָן צו דער גאַס, דאָרט אָפּזוכען אבא׳ן, און מיט אים צוזאמען ארומגעהן איבער די קאָכיגע גאסען ביז שפּעט אין דער נאכט אריין, ווי לעצטען מאָל אין וואָל טאָג. נאָר זי האָט געוואוסט, אז טאטע מאמע וועלען איר ניט לאָזען איצט אליין געהן און אז אבא׳ן וואָלט זי סיי ווי סיי ניט געפונען, איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער און ארויסגעבויגען דעם קאָפּ. נאָר דער טומל פון יענע רווישיגע גאסען האָט קוים קוים געגרייכט איר שטילע האַלב באַלויכטענע וואוי־נונגס־גאַס.

די ווינערס גוימינען זיך ניט אין קיין באַרדער, זייער אייזען קראַם טראָגט אריין גענוג פאַר א פאַמיליע פון דריי א שיינעם לעבען צו מאַכען, האַלט מען טאַקע שיינע פינף צימערן און מעבעל האָט מען גוטע און גענוג אויך. שוין צופיל מעבעל, און קיין באַרדער דאַרפען זיי ניט, בישט

מער אבא איז דעם רב׳ס זון פון זייער שטעטיל און כאַטש אין דער היים האָט מען זיך בלויז געקענט פון ווייטען האָט זיך דאָ אבא צו זיי זעהר צוגעבונדען, האלטען זיי אים טאקע ווי אן אייגען קינד אין הויז. דערצו איז שוין אסתר ניט קיין ברעקעל מיידעלע..

אמת אבא פאַרדינט נישט פיל, ארבייט אין א שוך סטאָר פאר זעכצען דאָלאר א וואָך, אָבער דערפאר איז ער אן איידעל קינד, געלערנט און א גוטע נשמה, און אי חוה לאה אי ישראל וועלען זייער לעבען אוועק־געבען פאר א גוטען מענשען.

אסתר איז געשטאנען ביים פענסטער און געפיהלט א פאַרדרוס אויף אבא׳ן ווארום ער קומט ניט אהיים אזוי שפעט און אין געדאנק האָט זי געזוכט א שטראָף פאר אים, — עפּעס מיט וואָס אים ווערה צו טאָן — —

און אסתר האָט שוין געהאט אירע ווענען און געוואוסט מיט וואָס און ווי אזוי אבא׳ן ווערה צו טאָן..

אבא איז געווען אין יענע רוישיגע גאסען, איז אומגעגאנגען פון רעדיל צו רעדיל און זיך געוואונדערט: וואָס טומלען זיי אזוי? פאַר־שטעהען זיי דען ניט, אז דאָס איז בלויז צייטונגס סענזאציע? אויס־געטראַכטע שרייענדיגע נייעס אום אביסעל אויפצורודערן די לעזער און זיי מאכען קויפען א סך צייטונגען? וואָס פאר א מלחמה גאָר אין מיטען דערינען? נארישע מענשען!.. און אבא האָט זיך איינגעקוקט אין די אויפגערעגטע צעהיצטע פּנים׳ער און אים האָט זיך געדוכט, אז אונטער דער אויפרעגונג ליגט באהאלטען א גרויסע פרייד.. איז אים געווען אזוי אומפארשטענדליך די באהאלטענע פרייד פון די דאָזיגע מענשען, אז אים האָט זיך געדוכט, אז זיי אלע דאָ ווייסען, אז עס איז א ליגען, און עס איז ניט מעגליך, נאָר זיי מאכען זיך אומיסטנע, אז זיי גלויבען אום זיך אויפצורעגען, אום צו האָבען עפּעס נייעס.. אָבער שטיל אין הארצען פרייען זיי זיך, וואָס עס איז ניט אמת.

און אים איז מיטאמאָל געוואָרען אזוי גוט ארומצוגעהן דאָ צווישען די אלע מאָדנע טומלדיגע מענשען, וואָס בענקען אזוי שטארק נאָך נייעס, אז זיי זענען אפילו גרייט זיך צו מאכען גלויבען אין ערנסטען און פרייען זיך אין דער אייגענער צייט, וואָס דאָס אין וואָס זיי גלויבען, איז ניט אמת..

ווען אבא איז אהיים געקומען איז מען שוין אין הויז געשלאָפען. ד. ה. געשלאָפען איז בלויז ווינער, חוה לאה און אסתר זענען געלעגען אין די בעטען מיט אָפענע אויגען און געווארט אויף אבא׳ן.

אבא איז מיט שטילע טריט פארבייגעגאנגען די צימערן צו זיך אין חדר אריין. אויפ׳ן וועג האָט ער געהערט חוה לאה׳ן רופענדיג פון איר שלאָפצימער:

— „אבא?“

אין דעם קול איז געווען עפּעס גוטעס, ווי פון א געטרייער מאמען, אבא האָט דאָס געפיהלט און אים האָט זיך געוואָלט ארייגעהן זיך אוועקזעצען אויפ׳ן ברעג פון בעט און ווי פאר א מאמען דערצעהלען אלעס וואָס ער האָט געזעהן און געפיהלט אין גאַס.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פינסטערן עסצימער און שטיל, אום עמיצען ניט אויפצואוועקען, מיט א האלב קול געענטפערט:

— יאָ, איך!

חוה לאה האָט נאָכאמאָל גערופען:

— דאָס ביזטו אבא?

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט ער שוין דאָס מאָל אויפ׳ן קול געענטפערט.

— ווילסט זיך קענען אליין נעמען עסען?

— איך בין ניט הונגעריג, איך וועל שוין געהן שלאָפען.

חוה לאה האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס נאָך? געה עס אָפּ, געה, צינד אונטער עס שטעהט אויפ׳ן אויווען.

אבא האָט געוואוסט, אז חוה לאה וועט אים ניט לאָזען געהן שלאָפען אָהן עסען, און אז ער וועט זיך לאנג שפּארען וועט זי נאָך אליין אויפשטעהן אים געבען עסען, איז ער אריין אין קיך, געמאכט ליכטיג און צוגעשטעלט אָנווארעמען דעם סאפּער.

אבא האָט פארגעסען, אז עס איז שוין שפּעט, אז מאָרגען דארף מען אויפשטעהן צו דער ארבייט און איז נאָכ׳ן עסען געבליבען זיצען אין קיך ביים טיש, די פּיס אויסגעצויגען פאר זיך, די הענט פארדוקט אין די הויזען טאשען און דעם קאָפּ פארוואָרפען צום אָנלעהן פון שטול. אים איז געווען גוט דאָ אזוי צו זיצען, מיט אָפענע אויגען חלומ׳ען

פון א טויזענט אומדערהגרייכבארקייטען, זיך צוהערען ווי זיין פאנטאזיע ציהט די פארפלאָנטערטע פעדים פון זיין עבר און שפינט און וועבט פאר אים א צוקונפט פון גאָלדענע גליקען.

די קיך טיר האָט א סקריפּע געטאָן, אבא האָט זיך געטאָן א וואָרף, זיך אומגעקוקט און דערזעהן אסתר׳ן שטעהן אין דער האלב געעפענטער טיר. ער איז אויפגעשפרונגען.

— איר שלאָפט נאָך ניט?

זי האָט פעסטער ארומגעצויגען ארום זיך דעם דעק, אין וועלכען זי איז געווען איינגעהילט און אָנשטאָט אן ענטפער אָנגעצייגט מיט פארזשמורעטע אויגען צום אייזקאסטען:

— איר ווילט מיר געבען א גלאָז וואסער?

אבא׳ן האָט זיך געוואָלט צוגעהן און זי ארומנעמען אזוי אָ, ווי זי שטעהט, א הויבע, אן איידעלע, די הענט באהאלטען אונטערן דעק, די טונקעל ברוינע האָר צעוואָרפען איבערן דעק און די גרויסע ברוינע אויגען פארזשמורעט ווי ביי א קליין פארשלאָפען קינד. נאָר דאָס האָט אים אויסגעזעהן אזוי אוממעגליך און אומדערגרייכבאר ווי יענע וואכענדיגע חלומות, וועלכע ער האָט ערשט מיט א מינוט צוריק גע׳חלום׳ט.

מיט אומזיכערע נערוועזע באוועגונגען האָט ער גענומען איר געבען א גלאָז וואסער. גיסענדיג די וואסער פון פלאש אין גלאָז אריין האָט ער א גאָס געטאָן מיטאמאָל און איבערגעגאָסען.

אסתר האָט זיך א בייזער געטאָן:

— וואָס טוט איר דאָרטען?

ער האָט געשמייכעלט:

— איבער אייך.

— איבער מיר? — האָט זי פארשלאָפען כמעט מיט א בייזער געפרעגט.

— געווים איבער אייך.

זי האָט אויסגעשטרעקט א האנט פון אונטערן דעק און גענומען די גלאָז. אבא׳ן האָט א ברי געטאָן אין די אויגען די פרישע ראָזע נאַקעטקייט פון איר האנט. ער האָט אינסטינקטיוו פארשעמט אוועקגעבאָפט די אויגען, באלד נאָך אמאָל א קוק געטאָן אויף איר און האָ־

בענדיג א נאסע האנט איר א שפריץ געטאָן אין פנים, האָט זי אויף אים בייז א קוק געטאָן און געפרעגט:

— וואָס איז דער מער מיט אייך?

אבא האָט זיך דערשראָקען, איז רויט געוואָרען, חרטה געהאט אויפ'ן שפּאַס, און אין גרויס פארלעגענהייט זיך געלאָזט אוועקנעמען די טעלער פון טיש אין סינק אריין.

— נאָט. — אסתר האָט געהאלטען אויסגעשטרעקט די לעדיגע גלאָז, ווי א קינד וואָס האָט אָפּגעטרונקען און ווארט מען זאָל ביי איהם צו־נעמען די גלאָז, אז ניט וועט זי עס צעברעכען...

ער האָט זיך אומגעקערט נעמען דאָס גלאָז, האָט זי א גאָס געטאָן דאָס ביסעל איבערגעבליבענע וואסער גלייך אים אין פנים אריין און זיך צעלאכט. אים איז מיטאמאָל ווידער גוט געוואָרען. ער האָט איר מוחל געווען איר פריהערדיגע בייזע באנעמונג, האָט גענומען דאָס גלאָז ביי איר און אומערווארטעט פאר איר און אפשר אזוי פיל אומערווארטעט פאר זיך אליין א פאל געטאָן מיט די ליפּען צו איר נאקעטער האנט.

זי האָט שנעל אוועקגעכאפּט די האנט און א חנ'עוודיגע פארשעמטע אנטלאָפען..

אבא איז געלעגען אין בעט, זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער צווייטער און ניט געקענט איינשלאָפען.

אין זיינע אויערן האָבען געקלונגען די פארנאכטיגע אויסגעשרייען פון די „עקסטראס". מיט צוגעמאכטע אויגען האָט ער געזעהן די רייד־לאך מענשען און איבער די קעפּ פון די מענשען האָט ווי אן עלעקטרישע באלייכטונג, געלויכטען אסתר'ס אויסגעשטרעקטע נאקעטע האנט..

צווייטער קאַפּיטעל

דאָס וואָרט מלחמה איז געווען ביי יעדען אויף די ליפּען. עס האָט פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון די טאָג־טעגליכע געשפּרעכען און געהאַלטען די מענשען אין אַ שטענדיג אויפגערעגטע באַרעדעוודיגקייט.

אומעטום, אין די גאַסען און אין די הייזער, אין די קראָמען און פאַבריקען, ביי יעדער געלעגענהייט איז דאָס וואָרט דערמאָנט געוואָרען — ניט מיט אַ טאָן פון שרעק, נאָר מיט אַ שטילע באַהאַלטענע צופריי־דענהייט, אַ באַהאַלטענע צופרידענהייט וואָס די מלחמה איז ד אָ ר ט ע ן, דאָרטען און ניט דאָ..

אין די צייטונגען איז ניט געווען מער קיין פּלאַץ פאַר די לאָקאַלע סענזאַציעס, די מלחמה־נייעס האָט זיך ווי אַ ריזיגער שטראָם אַ גאָס געטאָן אין די רעדאַקציעס אריין, פאַרפלייצט אלע צייטונגען און אָפּגע־שווייכט אלע אנדערע נייעס. איין „עקסטרא" איז נאָכגעלאָפען דער צווייטער, געשלעפּט אויף זיך גרויסע שרייענדיגע נייעס קעפּ און גע־בראַכט צו די מענשען איין בשורה נאָך דער צווייטער: „נאָך אַ שטאָט איינגענומען", נאָך אזוי פיל און אזוי פיל מענשען גע'הרג'עט, נאָך — — — נאָך — — נאָך.

און וויפיל נייעס זיי האָבען ניט ארויסגעשלעפּט צו די מענשען, האָט אַלץ מער און מער אריינגעפלייצט אין די רעדאַקציעס אריין. און די מענשען האָבען דאָס געוואוסט און האָבען שנעל שנעל געכאַפּט די נייעס, פאַרלאָפען דעם וועג די „עקסטראס" און באַלאַגערט די רעדאַק־ציעס, פון דאָרט האָט די נייעס ארויסגעשטראָמט און זיך צעגאָסען אי־בער די ווענט אויף גרויסע שווארצע פּלאַקאַרדען: „נאָך אַ שטאָט איינ־גענומען, נאָך מענשען גע'הרג'עט, נאָך — — נאָך — נאָך". און די מענשען האָבען אראָפּגעלייענט די נייעס מיט דורשטיגע אומגעדולדיגע בליקען און פאַרלאַנגט נאָך נייעס, נאָך — — נאָך — — נאָך, און עס האָט זיך געדוכט, אז די צייטונגען מיט די מענשען צוזאַמען פּראַווען

איין גרויסען יום טוב, דעם יום טוב פון מלחמה, א מלחמה, וואס איז ערגיץ ד א ר ט ע ן, ד א ר ט ע ן און ניט דא.

אבא האט געפיהלט א גרוים פארדרום אויף די מענשען און אויף די צייטונגען, איבערהויפט אויף די צייטונגען. אים האט זיך געדוכט, אז די צייטונגען זענען שולדיג אין אלץ, אז זיי ווילען די מלחמה, פרייען זיך מיט איר און שטעקען אן די מענשען מיט דערזעלבער פרייד.

ער האט קיין צייטונגען ניט געלייענט, זיך געוואלט אויסבאהאלטען פון די נייעס, נאר פון אומעטום זענען די גרויסע נייעס קעפ פון די צייטונגען אים געקראכען אין די אויגען אריין, און דאס איבעריגע האט ער געוואוסט פון די מענשענס געשפרעכען פון וועלכע ער האט זיך ניט געקענט אויסבאהאלטען.

עס זענען געווען מענשען, וועלכע האבען מיט שרעקעדיגע קלאפענדיגע הערצער געלייענט די נייעס און דערנאך אין טונקעלע איינזאמע שלאפצימערן געבראכען די הענט און פארגאסען טרערען אויף דעם גורל פון זייערע אייגענע און נאהענטע, זייערע אייגענע און נאהענטע, וועלכע זענען ד א ר ט ע ן, ד א ר ט ע ן און נישט דא..

אבא האט מיט א שטילען אומעט אין הארצען געפיהלט, אז ער בלייבט צום נארען, אז דאס איז ניט בלויז קיין צייטונגס סענזאציע פאר די נאסען, נאר דאס איז א מלחמה, און דאס ווארט מ ל ח מ ה איז פאר אבא'ן געווען א ווארט פון אונזין און שרעק.

אבא האט געטראכט : עס זענען אומעטום איבער דער וועלט פאראן געזעצען, געריכטהייזער און ריכטער אפצוהיטען עס זאל קיין אומרעכט ניט געטאן ווערען פון איינעם צום צווייטען. אז איין מענש ראטעוועט א צווייטענס לעבען ווערט ער געלויבט און באלוינט, אז איינער רויבט אדער מארדעט ווערט ער שטרענג באשטראפט, אז איינער צינדט אונטער עמיצענס א הויז ווערט ער באשטראפט. און דא קומען דיזעלבע רעגירונגען און מאכען אלעם הפקר און זאגען גיהט און טויט און רויבט און פארברענט און ווער עס וועט אויפטאן מער גזלות און הריגות דער וועט באלוינט ווערען. און צוליב וואס? אויף וועמענס קאפריז? וואו איז דער זין פון דעם שרעקליכען הפקרות? ווארום זאלען די אלע מענשען

געהן איינער אויפ'ן צווייטען? האבען זיי קנאה שנאה אייגענע? זענען זיי פארצווייפעלט צו משוגע און דארום ברעכען זיי דעם געזעץ? און אויב זיי טוען אזוי דארפען דאך די רעגירונגען זיי צאמען און זיי באַשטראָפען און אויב עמיצער, מעג ער זיין אפילו א קעניג געהט געגען דעם געזעץ פון יושר און די מענשענס וואוילזיין דארף מען דאך דאס פאַרהיטען און ניט לאָזען. און אבא האט געפיהלט א מאָדנעם פיזישען וועהטאָג פון דעם גרויסען אומלאָגישען ווידערשפרוך און גרויסען אומרעכט וועלכען ווי אבא'ן האט זיך געדוכט אפילו קינדער דארפען איינזעהן און פארשטעהן.

און דערפאר איז ביי אבא'ן טיף אין הארצען נאָך געבליבען א גרויסע האפנונג, אז די מלחמה וועט זיך באלד ענדיגען, אז איינער פון די שונאים וועט נאָכגעבען, אז ניט קיין פארמישטע פעלקער וועלען זיך אריינמישען און שלום מאבען, אז איצט, אין אזעלכע צייטען קענען שוין ניט זיין קיין מלחמות — ניין עס קענען ניט זיין, עס קענען ניט זיין מער קיין מלחמות, אזוי האט אבא טיף אין הארצען ביי זיך געגלויבט און געהאָפט.

משה ליב, אבא'ס א לאנדסמאן, א בעל העגלה פון דער היים און דאָ א פרעסער איז געקומען צו אבא'ן ער זאָל אים שרייבען א בריף אהיים.

זיין נעכע מיט די קינדער האבען נאָך מיט פיר וואָכען צוריק געדארפט ארויספאָרען פון דער היים און ניט מען הערט און ניט מען זעהט.

משה ליב האט געשאָלטען די מלחמה און זיך געשראָקען, אז מען זאָל נאָך דאָרט ביי איר — ביי זיין נעכע'ן — ניט צונעמען די „בנים“ און איר איבערלאָזען מיט'ן בייטשעל.

אבא האט אים געטרייסט און אים פארזיכערט, אז עס וועט גיך שטיל ווערען, אז דאס איז בלויז מאנעווערס אזעלכע, אז אין אמת'ען וועט קיין מלחמה ניט זיין, אז עס קען ניט זיין, עס איז ניט מעגליך.

צו אבא'ן איז אנגעקומען א קארטעל פון דער היים, עס איז געווען אויף עטליכע וואָכען פארשפעטיגט, האט געטראָגען א סך שטעמפלען אויפ'ן רוקען און א פירעקיגען שטעמפעל פון דעם צענזאָר אויפ'ן פנים. אבא האט לאנג געלייענט די עטליכע שורות פון קארטעל, דערנאָך

איז ער נאך לענגער געזעסען מיט'ן קארטעל אין האנט, נעקוקט פאר זיך און געשמייכעלט פון דעם מאדנעם אינהאלט, וואס איז מיט קיין איינציג ווארט ניט ענליך צו זיין טאטענ'ס ביז איצטיגע בריף.

——— „דער שונא האט ערקלערט מלחמה צו אונזער קיסר און איז באפאלען אונזער לאנד, זאל גאט העלפען אונזער קיסר זאל מנצח זיין דעם שונא און אונזערע סאלדאטען זאלען זיך איננגיבען אומקערען אהיים בשלום„ — —

אזוי, הייסט עס, אז דארטען איז טאקע עפעס, און דאס קארטעל האט געשריבען זיין טאטע — — „שונא", „מלחמה", „מנצח זיין", זיין טאטע דער רב מיט דער בלאנדער שיינער בארד און העלע גוטע אויגען, זיין קלוגער גוטער טאטע צו וועמען מען קומט פון אלע ארומיגע שטעט און שטעטלאך מיט דין תורות.

אזוי, איז דאס, הייסט עס, ניט בלויז קיין צייטונגס סענזאציעס, ניט קיין מאנעווערעס אזעלכע, נאר מ ל ח מ ה.

צום שלום פון קארטעל איז געווען צוגעשריבען: הנני דורש בשלום ידידי מר ישראל ווינער אם אשתו ובתו היקרים, גאט זאל זיי משלם זיין פאר זייער פריינדשאפט, וואס זיי ציינען דיר ארויס און וואס זיי זענען דיך אזוי מקרב." דערנאך איז געווען א גרוס פון דער שוועסטער פאר זיך און פאר דער מאמען, זי האט אויך ניט פארגעסען צו גריסען די ווינערס און „אסאבאנע" אסתר'ן, כאטש זי האט אסתר'ן קוים געקענט אין דער היים.

אבא האט געגעבען דאס קארטעל ווינער'ן, ווינער האט עס געלייענט אין דער הויף פאר חוה לאה'ן מיט אסתר'ן און זיי פארטייטשט די לשון קודש'דיגע ווערטער. ביים גרוס זענען חוה לאה'ן געקומען טרערען אין די אויגען אריין, און ביי זיך אין הארצען האט זי באשלאסען אבא'ן נאך מער אפצוהיטען.

— שרייבסט כאטש א גרוס פון אונז, אז דו שרייבסט אהיים?

— נו וואס דען, ער שרייבט ניט קיין גרוס? — האט מר. ווינער אליין אויך צופרידען פון דעם גרוס — מבטל געווען איר נארישע פראגע, דערביי נאכאמאל א טראכט געטאן: אז אויב עס וועט זיין א שידוך, וועט ער אבא'ן עפענען אן אייגענע שוך סטאר...

און אסתר? אסתר האט א סך „באיעס", וואס שרכנ'ען זיך צו איר, און אי שענער פון אבא'ן זענען זיי, אי מער געלט האבען זיי און

מער אמעריקאניש זענען זיי אויך און דאך ווען זי האט זיך דעם אווענט געלעגט שלאפען, האט זי זיך פארגעשטעלט ווי זי קומט מיט אבא׳ן צוריק קיין ברעסלין צו אבא׳ס טאטע מאמע, רופט דעם רב מיט דער רבי׳צען שווער און שוויגער, קושט זיך אלע ווײלע מיט אבא׳ס שוועסטער עטעל און איז מיט איר אויף „דו“...

דריטער קאפיטעל.

אסתר האָט געוואוסט, אז אבא איז אנדערש פון אלע אנדערע באַיעס, וואָס געהען אויס מיט איר, באַנעמט זיך מיט איר אַנדערש און איז ניט אזוי „פרעש“ ווי די אנדערע. ער האָט אויך ליב שטענדיג נאָר צו שפּאַסען מיט איר און אמאָל טוט ער איר אפילו אַ קוש אויך, אָבער דאָס איז עפּעס אנדערש. היינט ווערט ער אָפט רויט אין איר אַנוועזענהייט און זי האָט ליב צו זעהן ווי אבא פארשעמט זיך..

אבא האָט פיל באַקאַנטע, די מערסטע פון זיינע באַקאַנטע זענען מיידלאך און אסתר קאָן די מערסטע פון אבא'ס באקאנטע מיידלאך.

און צו זיי באַנעמט זיך אבא אנדערש ווי צו אסתר'ן. מיט זיי רעדט ער פיל פון ביכער, שפּאַסט מיט זיי און מאַכט זיי פיל צום לאַכען. ער פילט זיך מיט זיי פריי, שטיפט און באַלעוועט זיך מיט זיי און ווערט קיינמאָל ניט רויט אין זייער אַנוועזענהייט.

אסתר זעהט עס און פיהלט אן אומפאַרשטענדלידען פּאַרדרוס צו די מיידלאך מיט אבא'ן צוזאמען אין דערזעלבער צייט ציהט זי צו אבא'ן נאָך מער ווי פריהער.

אבא האָט געפיהלט, אז ער טוט אַ קרומע זאַך מיט דעם וואָס ער לאָזט זיך אזוי צו צו אסתר'ן. ער האָט געוואוסט, אז אסתר איז אַ פּראָסט מיידעל און אז אלעס וואָס זי פּאַרמאָגט איז אַ שיינעם פּנים, ער האָט אָבער אויך געפיהלט, אז מיט יעדען טאָג פיהלט ער אַלץ מעהר און מער אַ מאָדנע בענקשאַפט צו איר, האָט אַ פאַרלאַנג צו זיין שטענדיג צוזאַמען מיט איר און ווען ער איז מיט איר צוזאמען פיהלט ער זיך עפּעס אזוי אומרוהיג און פאַרשעמט פונקט ווי זי וואָלט געשטאַנען אַ נאַקעטע פאַר אים. ווייל חוץ דעם, וואָס אסתר איז געוועזן יונג און בויגיג, האָט געהאַט געדיכטע טונקעל ברוינע האָר און גרויסע ברוינע אויגען האָט זי נאָך געהאַט אַ טבע זיך צו קליידען אזוי, אז יעדער בויג אירער האָט דערמאַנט אָן איר קערפּער און אפילו ווען ער בלייבט אליין

דוכט זיך אים א לאנגע צייט, אז איר קערפּער בויגט זיך און בויגט זיך אָהן אויפהער פאר זיינע אויגען און גיט אים ניט קיין רו.

אבא האָט געפיהלט, אז ער טוט א קרומע זאך מיט דעם, וואָס ער לאָזט זיך אזוי צו צו אסתר'ן און ער האָט דערפאר אָנגעפאנגען צו לייענען פאר איר ערצעלונגען און לידער פון זשורנאלען און צייטונגען ארויס, און כאָטש זי האָט ניט שטענדיג געקענט נאָכפאָלגען דאָס וואָס ער האָט געלייענט פאר איר און פלעגט זיך פיל מאָל פיהלען לאנגווייליג צו זיצען און הערען, האָט זי זיך דאָך געפיהלט דאנקבאר צו אים. נאָר אבא'ן איז געווען שווער צו לייענען זיצענדיג נאָהענט צו אסתר'ן אליין ביי זיך אין צימער, און ס'רוב פלעגט טרעפען, אז ער פלעגט פלוצים אויפהויבען די אויגען פון בוך, א קוק טאָן אויף אסתר'ן, צומישט ווערען און לאנג ניט קענען געפינען וואו ער האָט איבערגעלאָזט.

אין אזעלכע פעלע פלעגט ער א נעם טאָן אסתר'ס האנט שנעל א קוש טאָן, ארויפלעגען איר האנט צו זיך אויף די אויגען און זיצען אזוי א פארלוירענער, א פארשעממטער..

און דעמאָלט האָט אסתר געפיהלט, אז זי האָט ליב אבא'ן.

א זונטאָג אָווענט. צו אבא'ן איז געקומען א גאסט, די מיס קלאדקא. אסתר האָט ניט ליב די מיס קלאדקא, זי איז א געענדיגטע פון דער היים און דאָ לערנט זי אויך. זי איז ניט קיין שיינע, א דיקליכע און האָט ניט קיין שיינעם נאָז, בלויז אויגען האָט זי שיינע, שווארצע און קלוגע. און מיט אבא'ן באנעמט זי זיך אזוי היימיש, ווי ער וואָלט געווען איה חתן: — „פארשפיליעט מיר נאָר דאָס קעלנערעל אבא פּליז!" אָדער: — „איך נעם דעם בוך, איך וויל אים איבערלייענען", אָדער — „גיט מיר א פּאָסטעל קארד, אבא". און אלעס אזוי ווי עס וואָלט איר געקומען. און צו אסתר'ן — ווי זי וואָלט זי גאָר אין גאנצען ניט באמערקט.

אז מיס קלאדקא איז אריינגעקומען, האָט זי געטראָפען אבא'ן לייענענדיג עפּעס פאר אסתר'ן. קלאדקא'ס אויגען האָבען קלוג און פארדעכטיג א שמייכעל געטאָן.

אבא האָט זיך אָנפאנגס געפיהלט פארלעגען, זיך קאָנטראָלירט און אָנגענומען א ניט שייך'דיגע מינע. נאָר אסתר איז געווען גליקליך.

— עפּעס א גוטע זאך לייענט איר?

אסתר האָט צום ערשטען דערפיהלט א געלעגענהייט אויך צו רייד-

דען פון ביכער און זי האָט אין פאַרלעגענהייט און ניט זיכער פאַרכאַפּט ביי אבא'ן דעם ענטפער: — „יאָ, ס'איז זעהר א גוטע" — — ניט גע־וואוסט וואָס ווייטער צו זאָגען, זיך פאַרלוירען און זיך א וואָרף געטאָן צו אבא'ן נאָך הילף. — „ניט אמת אבא ס'איז זעהר א גוטע" — — אבא האָט דערפיהלט איר פאַרלעגענהייט און מיט א באַזונדער גוטס־קייט אין דער שטימע געזאָגט: — יאָ, עס איז ווירקליך א זעהר שיינע ערצעלונג.

און קלאַדקאַ'ס אויגען האָבען ווידער א שמייכעל געטאָן..

אבא האָט געפיהלט קלאַדקאַ'ס לאַכענדיגע אויגען, געהאַט פאַר־דרוס אויף איר און די גאַנצע צייט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גע־שענקט אסתר'ן. און אז קלאַדקאַ האָט צו אים גערעדט איז אַזוי אויס־געקומען, אז שטענדיג איז ער געשטאַנען אונטער אסתר'ס שטול און ניט ווילענדיג האָט קלאַדקאַ גערעדט צו אסתר'ן אויך.

פאַר'ן אוועקגעהן איז קלאַדקאַ מיטאַמאָל גאָר געוואָרען גוט צו אסתר'ן, זיך צערעדט מיט איר פון קליידער און הויז זאַכען און געוועזן אַזוי ליב צו איר, אז אסתר האָט איר מוחל געווען איר שטענדיגע אָנגע־בלאָזענקייט.

נאָר גערעדט האָט שוין אסתר ווינציג ווייל איר קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס — עפּעס א זאַך, וואָס איז איר ביז איצט גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלען.

אז קלאַדקאַ איז אוועק האָט אבא גענומען ענדיגען לייענען די ער־צעלונג. אסתר איז געזעסען לעבען אים, געקוקט אין בוך אריין און ניט געזעהן און ניט געהערט, וואָס אבא האָט געלייענט. איר קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס א רעטעניש און איר האָט זיך געדוכט: אז אין דעם ליגט דער גאַנצער אומגליק אירער, ווען זי זאָל דאָס נאָר וויסען וואָלט זי זיך ניט געהאַט וואָס צו פיהלען אַזוי ערנידעריגט אנטקעגען דער מיס קלאַדקאַ..

זי האָט פּלוצים אוועקגעלעגט א האַנט אויפ'ן בוך — — „אבא"!

אבא האָט אויפגעהויבען די אויגען.

זי האָט געקוקט אויף אים און פאַרלעגען געשמייכעלט. — איר וועט ניט לאַכען פון מיר? — איר האַרץ האָט אָנגעפאַנגען שנעל און הויך צו קלאַפּען.

ער האָט זי פרעגענדיג אָנגעקוקט.

זי האָט חרטה געקראָגען — „אך, זאָל זיין, איך שעם זיך“ — און איז אינגאנצען רויט געוואָרען.

אבא האָט ניט פארשטאנען, זיך מיטאמאָל פאר עפעס דערשראָקען און זיך מיט עפעס דערפרעהט.

ער האָט זי געבעטען: — זאָגט, וואָס האָט איר זיך צו שעמען?

זי האָט זיך ענטשלאָסען. — „גוט, איר קענט לאכען פון מיר, זאָגט מיר, ווי אזוי ווייסט מען — — ווי אזוי קען מען וויסען, וועלכע עס איז א — — א גוטע ערצעלונג?“ זי האָט ארונטערגעלאָזט די אויגען, שנעל זיי צוריק אויפגעהויבען, א קוק געטאָן אויף אים צעשראָקען און באליי־דיגט און מיטאמאָל זענען אירע אויגען פארלאָפען געוואָרען מיט טרערען.

אבא האָט פלוצים דערפיהלט אן אומגעהייער געפיהל פון ליבע און רחמנות צו אסתר׳ן. ער האָט ארומגעכאפּט איר קאָפּ און אָהן אויפהער געקושט אירע אויגען.

זי האָט געלאכט מיט פארטרערטע אויגען, זיך געלאָזט קושען, און געטראכט, אז פון היינט אָן און ווייטער איז אבא איר „באָי“ און מער וועט זי מיט קיינעם ניט אויסגעהן.

פערטער קאַפּיטעל.

אבא האָט ליב משה ליב בעל העגלה, דעם גרויסען געזונטען אידען מיט דעם פארגרעבטען פּנים באוואקסען מיט א געדיכטער שווארץ גרויליכער באָרד. ער האָט ליב זיינע פארגרעבטע געזונטע הענט, זיין פּראָסטע געזונטע שטים און זיין פון זייט אויף זייט זיך וויגענדיגען שווערען בעל־העגלה'שען גאַנג. און מער פון אַלעם האָט ער ליב אין אים דעם געזונטען אידען, וועלכער האָט אין דער היים קיין מורא ניט געהאָט פאר גנבים און גוים און האָט דאָ קיין מורא ניט צו שלאָפען אליין אין א שאַפּ ערגעץ אין אַ פארוואָרפענער פאבריק גאַס, ווייט פון וואוינונגען.

זינט משה ליב איז אין אמעריקא ארבייט ער אלס פּרעסער אין דעמזעלבען סקווירט שאַפּ. קיין רענט קאָסט אים ניט, די זאכען האלט ער אין א זאק אונטער'ן פּרעס טיש. אויף דעמזעלבען פּרעס טיש שלאָפט ער ביינאכט אלס „וואטשמאַן" פון שאַפּ.

קליידער און שיך און אפילו דאָס היטעל טראָגט ער נאָך די היי־מישע — האָט ער טאקע פאר א יאָר און א האלבס אָפּגעשפּאָרט אויף שיפסקארטען און הוצאות פאר זיין נעבען מיט דער באָפּטע — פינף שטיק אין צאָל...

משה ליב איז אין מיטען טאָג געקומען צולויפען צו אבא'ן אין שוך סטאָר מיט א בריף פון דער היים. דער בריף איז געווען געשריבען אין רוסיש, עמיצער האָט געשריבען פון נעבעס וועגען, אז די זיהן האָט מען צוגענומען אין סאָלדאטען, אז דאָס געלט פון די הוצאות איז שוין לאַנג ניטאָ און ער זאָל זעהן גלייך צושיקען נאָך געלט: „ווייל נאָט זאָל זיך דערבארעמען וואָס פאר א שרעקליכע צייט מיר לעבען דאָ איצט איבער". — אין די לעצטע ווערטער האָט אבא דערקאָנט זיין שוועסטער'ס רוסיש — איר שפּראך און האנטשריפט.

א ווארימע פרייד האָט אים מיטאמאָל באַפאַלען, ווי ער וואָלט דער־זעהן אומגעריכט דער שוועסטער'ס בילד און ער האָט נאָכאמאָל מיט פאַרזיכטיגקייט זיך איינגעקוקט אין יעדען אות פון בריף, אים נאָכאמאָל איבערגעלייענט אין דער שטיל פאר זיך און אז ער איז געקומען נאָכ־אמאָל צו די ווערטער: „ווייל גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען וואָס פאר א שרעקליכע צייט מיר לעבען דאָ איצט איבער” האָט זיך אים געדוכט, אז דער בריף איז געשריבען ניט צו משה ליב'ן אליין נאָר צו אים אויך און משה ליב איז אים געוואָרען נאָך נעהענטער און ליבער. ער האָט מיט אמאָל א זאָג געטאָן:

— איר ווייסט ווער עס האָט געשריבען דעם בריף?

משה ליב האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

— דאָס האָט מיין שוועסטער געשריבען — — איך דערקען — —

און זעהענדיג, אז משה ליב איז פארנומען מיט זיינע אייגענע געדאנקען האָט ער שטיל און פארשעמט נאָכאמאָל ארונטערגעלאָזט די אויגען צו דעם האַנטשריפט פון בריף.

משה ליב האָט זיך לאַנגזאם צעשפּיליעט דעם קאמעזויל און זיך גראָבענדיג אין דער טיפער בוזים קעשענע — ארויסגענומען א קליין פּע־קעלע איינגעוויקעלט אין א גרויען שטיקעל אונטערשלאַק, ארומגעבונדען מיט א ווייסער טאשמע.

— נא, אבא, שיק אוועק אכט און פופציג דאָלאר, מער האָב איך נישט.

אבא האָט ווי א שולדיגער א נעם געטאָן דאָס פּעקעלע געלט און באהאלטען אין טאש — „פארנאכט וועל איך צולויפען אין באנק”. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען, טרייסטען מיט עפּעס משה ליב'ן און ניט געוואוסט ווי אזוי און ווייל אים אליין איז אויך עפּעס געוואָרען מאָדנע אומעטיג און בענקענדיג אויפ'ן הארצען האָט ער שטיל און אומ־געריכט א זאָג געטאָן: ווארום קומט איר ניט צו צו אונז אמאָל? און אים באגלייטענדיג צום טיר עפּעס ווי זיך געבעטען ביי אים: קומט צו שבת אביסעל, קומט צו — — —

משה ליב איז ניט געוואוינט געווען צו געהן אין מיטען וואָכענדיגען טאָג איבער די נויאָרקער גאסען. דאָס בייטאָגעדיגע ליכט האָט אים

געשווינדעלט אין די אויגען און די כסדר זיך איילענדיגע מענשען, די סיגנאלען און קלינגלעריי פון די שנעל פארביילויפענדיגע טראמווייען און אויטאמאבילען האבען צעטומעלט זיין מח. —

א גרויסער און א שווערער האט ער אומרוהיג געטראטען מיט זיין — פון זייט אויף זייט — זיך וויגענדיגען גאנג, צום ערשטען מאל אין זיין לעבען זיך פיהלענדיג פרעמד און פארלוירען.

אז משה ליב האט אן עפען געטאן די טיר פון זיין שאפ האט דאס מאשינען גערויש א שפאר געטאן צו דער אפענער טיר און אים ארומ־געכאפט, ווי א פארע אין א היימישער שוויץ באד. און צום ערשטען מאל זינט ער ארבייט דא האט זיך אים געדוכט, אז דער גרויסער טו־מעלדיגער שאפ איז זיין אייגענע גרויסע היים, און די אלע ביי דער אר־בייט פארנומענע מענשען — זענען אים מיט אמאל געווארען בעהענטער און ליבער, ווי אייגענע מענשען פון אן אייגענער גרויסער טומעלדיגער היים.

משה ליב איז געשטאנען ביי זיין פרעס טיש מיט׳ן הייסען פרעס־אייזען אין האנט און פלייסיג געארבייט. און מיט יעדען קלאפ, וואס ער האט געטאן מיט׳ן אייזען איבער די צופענטע זוימען פון די קליידער האט עפעס ביי אים אין הארצען אפגעענטפערט מיט א מאדנעם וועה־טאגדיגען עכא פון זיין נעבע׳ס און זיינע קינדער׳ס נעמען און וואס האסטיגער ער האט געקלאפט מיט׳ן אייזען איבער די זוימען און ברעגען פון די קליידער אלץ בולט׳ער האט זיך צו אים דערטראגען דאס קלאפען פון פערדישע געקאוועטע פיס אויף הילצערנע פאדלאגעס..

אז משה ליב איז נאך דער ארבייט אליין געבליבען אין שאפ האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן פרעס טיש, ארויסגענומען דעם בריף, אים אוועקגעלעגט פאר זיך אויפ׳ן טיש און לאנג געקוקט אויף די עטליכע אנגעשריבענע שורות — — — מיט אמאל האט ער זיך א קראץ געטאן אין קאפ און מיט פארדרוס א זאג געטאן אין טונקלען שאפ אריין: — „געוועז געדארפט בעסער א פ ז י צ ע ן.. א כאליערע זאל עס געוועז כאפען, און אן עק.

פינפטער קאפיטעל

אבא איז אהיים געקומען פריה, אפגעגעסען סאפער און געגאנגען מיט אסתר'ן אין באנק אריין אוועקשיקען דאס געלט.

די צייטונגס פארקויפער זענען אומגעלאפען מיט גרויסע שווערע פעק צייטונגען אויסשרייענדיג די פערטע „עקסטרא" פון טאג.

אסתר איז געבליבען שטעהן: — „איר האט א פאר סענט, אבא?"

אסתר האט מיט א קוויטש זיך אווארף געטאן אויפהויבען דאס געלט. אבא האט זי צוריקגעהאלטען: — ניין, לאזט עס...

אסתר האט זיך געריסען פון זיין האנט: — „לאזט, איר זענט משוגע? —

— קומט.

אבא האט זיך גענומען צום טאש: — „וואס דארפט איר?"

— איך וויל קויפען אן עקסטרא.

אבא האט זי א ציה געטאן ביים האנט: „קומט, וואס טויג אייך?"

אסתר האט זיך איינגע'עקשנ'ט — „איר ווילט מיר ניט געבען? — ניין, ניט פאר קיין „עקסטראס".

— אפשר זשאלעוועט איר צוויי סענט?..

אבא האט א שמייכעל געטאן, ארויסגענומען פון טאש א פאר צוזויפגעקנוילטע דאלאר־בילס און זיי א ווארף געטאן צו אסתר'ס פיס.

— איר זשאלעוועט ניט, לאזט מיך! האט אסתר א ברוגז'ע זיך אונטערגעגעבען.

אבא האט זי אפגעלאזט, זי האט אויפגעהויבען דאס געלט און זיך געריי‏צט מיט אים, — איצטער האט איר ניט קיין געלט און ניט קיין צייטונג.

—אבער אייך?

— וואס?

ער האָט איר ארומגענומען ארום טאַליע און צוגעצויגען צו זיך. — אָבער אייך האָב איך.

ווען אבא מיט אסתר'ן זענען געגאַנגען אהיים האָט שוין די טומעל־דיגע שטאָט געבומען איבערדרייסען די פייערדיגע פעדים פון איר רווישי־גען פלאָנטער. ווי נאָהענטע שטערן האָבען זיך איינציגווייז די עלעק־טרישע פייערען גענומען לעשען און דאָס גאסיגע גערויש האָט ווי א וואַ־סער שטראָם נאָך א שטורם רעגען זיך געטראָגען דורך דער נאכט ערגעץ אין טיפע אָפגרונדען אריין.

בלויז די „עקסטרא"-פארקויפערס זענען נאָך ארומגעלאָפען מיט זייערע צייטונגס פעק און אויסגעשריגען די נייעס פון די „עקסטראס" און אונטער די משונה'דיגע אָפגעריסענע פינסטערע בשורות פון טויט און צעשטערונג האָט ביי אבא'ן אין הארצען אויפגעבליהט די רויט־פייערדיגע רויז פון ליבע און ליידענשאפט.

זעקסטער קאפיטעל.

יחיאל, אבא'ס א לאנדסמאן, האט וואוליונגעריש א קלאפּ געטאָן אבא'ן איבער'ן פּלייצע: — „עלאהו דייטש!"

אבא האט מיט פאַרדרוס זיך געטאָן א קער אָפּ פון אונטער דעם לאנדסמאנ'ס האנט ווי פון אונטער א שווערער משא.

יחיאל איז געווען אין געהויבענער שטימונג: — „איהר ווייסט? מיר זענען דאָך שוין דייטשען."

אבא האט ניט פארשטאנען וואָס יחיאל וויל פון אים נאָר זיין נארישע קליגלעריי האט אים מאָדנע אומפארשטענדליך וועה געטאָן, ער האט יחיאל'ן פרעגענדיג און פארדראָסיג אָנגעקוקט.

יחיאל האָט זיך דערפרעהט: — „וואָס, איהר ווייסט נאָך ניט? זיי האָבען דאָך גענומען ברעסלין, שור, פּרייטאָג זענען זיי אריין אין ברעסלין.. געקומען צו גאסט אויף שבת, חא־חא־חא. זיי שפּאנען דאָס אביסעל!"...

ביי אבא'ן אין מח האט זיך עפּעס געטאָן א צינד אָן און ער האָט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען געפיהלט, ווי א פּאטש צו טאָן א מענ־שען אין פּנים, אים שלאָגען און פארשאפען פיזישען וועהטאָג, ער האט געזוכט עפּעס בייזעס און באליידיגענדיגס אים צו זאָגען, האט זיך שנעל איבערלעגט און מיט א געמאכטען געלעכטער אין יחיאל'ס גראָבען טאָן א זאָג געטאָן: — ברעכט דעם קאָפּ פלאפלער וואָס איר זענט! — און אוועקגעגאנגען.

אבא האט ניט געקענט גלויבען אין דעם וואָס יחיאל האט אים אָנגעג־פלאפּעלט, ער ווייסט, אז ערגיץ אין איירָאפּא איז מלחמה — ערגיץ אין איירָאפּא — יאָ, אָבער וואָס האט דאָס פאר א שייכות צו ברעסלין? זיין שטיל און רוהיג שטעטיל ברעסלין? ביז איצט האט ער געטראכט פון דער מלחמה ווי פון עפּעס ווייטס, לייענט ער דאָך אזוי פיל מאָל וועגען ערדציטערנישען און פייערשפּייענדיגע וואולקאנען, וועלכע קומען

פֿאַר ערגיץ ווייט ווייט אין כמעט ניט דאָאיגע לענדער. אמת, די צײַ־טונגען באַשרײַבן אַלע אײנצעלהייטען פֿון דעם שווידערליכען און שרעקליכען מלחמה אומגליק, רעכענען אויס די נעמען פֿון די פֿאַר־וויסטע און צעשטערטע שטעט, די נעמען פֿון די טויזענטער געהרג׳עטע און פֿאַרוואונדעטע, די אַלע נעמען זענען דאָך אָבער א ז ע ל כ ע פ ר ע מ ד ע א ו ן ו ו י י ט ע. און מיט אמאָל גאָר ברעסלין! זיין שטיל און רוהיג ברעסלין, וועלכעס האָט קיינמאָל קיינעם קיין שלעכטס ניט געטאָן און קיינעם אין וועג ניט געווען.

און אבא האָט געפֿיהלט אַ פֿאַרדרוס ביז טרערען אויף יחיאל׳ן, דעם נאַרישען דעם שלעכטען פּלאַפּלער.

אבא האָט פֿאַרבייגעהענדיג א צייטונגס סטענד זיך פֿאַרטשעפּעט מיט די אויגען אין אַ שרייענדיגען נייעם קאָפּ. דאָס וואָרט ברעסלין האָט ווי עפּעס אייגענס פֿאַרצווייפֿעלט אַ געשריי געטאָן צו אים פֿון צײַ־טונג אַרונטער און אים פֿאַרהאַלטען. ער איז געבליבען שטעהן און אומ־רוהיג לויפֿענדיג מיט די אויגען איבער די גרעסערע נייעס קעפּלאַך האָט ער מעכאַניש גענומען זוכען קליין געלט אין טאַש צו באַצאָהלען פֿאַר דער צייטונג.

אבא האָט דערזעהן די מלחמה.

ער איז געזעסען אין וויגשטול און מיט גרויסע צעשראָקענע אויגען געזעהן די שווערע פֿינסטערע חיילות געהענדיג אויף ברעסלין.

גרויע און פֿאַרשאָלטענע מיט פֿאַר׳כישוף׳טע שלייערס פֿון פֿלאַמען און רויך איבער די מיליאָנען פֿאַרשטיינערטע קעפּ, האָבען זיי זיך גע־צויגען איבער זיין היימישער ערד פֿאַרשליסענדיג ברעסלין אין אַ פֿייער־דיגען קרייז פֿון טויט און צעשטערונג.

גרויסע פֿאַרשאָלטענע ראָבען מיט ברענענדיגע פֿליגלען האָבען זיך מיט קראַכענדיג געלעכטער געריסען פֿון די שדים׳ס שטאָלענע פֿינגער און מיט אַ ווילדען קראַ־קראַ זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילד געדריי איבער די ברעסלינער שטרויענע דעכער...

מיט טויזענטער פֿייערדיגע שטריק האָבען זיי אין זייער ווילד און כישוף׳דיג געדריי אַרומגענומען די הייזער פֿון ברעסלין קניפּענדיג און בינדענדיג מיט טויזענטער פֿייערדיגע שטריק הויז צו הויז, דאַך צו דאַך,

ביז גאנץ ברעסלין האָט ווי איין גרויסער פייערדיגער קרייז זיך א ריס געטאָן צום הימעל אין שרעקליכע קולות פון פלאַם און פייער. — —

און ווי מחנות ווילדע שווארצע באשעפענישען באפאלען א ווייסען נאקעטען פרויען קערפער אזוי האָבען זיך די פינסטערע חיילות א וואָרף געטאָן אויף דעם ברענענדיגען ברעסלין.

ווי מען קוקט אראָפּ פון אן אומגעהייערער הויך אויף א ברענענדיגער שטאָט אזוי האָט אבא געזעהן די צעשטערונג פון ברעסלין און אין מיטען די חורבות פון פייער און פארניכטונג איז אומבארירט געשטאנען די גרויסע אלטע שול, מחנות ווייסע טויבען האָבען זיך געדרעהט ארום דער שול און ניט צוגעלאָזט דאָס פייער, ווי אמאָל אין כמעלניצקי'ס צייטען ווען די שול איז נצול געוואָרען מיט א גאנצער עדה אידען פון דעם בראנד און פייער פון די קאָזאקען.

און נאָהענט צו דער אַלטער שול האָט זיך אן אומבאשעדיגטע געטוליעט זייער הויז מיט די ווייסע שטאכעטען, מיט די זיבען אקאציען בוימער פאר די זיבען פענסטער...

אן אומרוהיגער געדאנק האָט זיך שטיל צוגעשארט צו אבא'ס הארץ און לייכט און שטיל א פיק געטאָן: — „און די מענשען?" — „וואוהין זענען די מענשען פון ברעסלין אהינגעקומען?" — און פאר אבא'ס אויגען האָבען זיך מיט אמאָל אויסגעשפרייט די פרידליכע גאסען פון ברעסלין מיט די הייזער מיט די מענשען גרויס און קליין, ווי ער האָט זיי אמאָל אלס קינד געקאָנט און איז געווען נאָהענט צו זיי און יעדען באזונדער האָט ער ביים נאָמען אָנגערופען און אויף יעדען באזונדער האָט ער מיט א באזונדערע ליבע געקוקט און אומעטיג און בענקענדיג געשמייכעלט און מיט אמאָל האָט א בלאָז געטאָן מיט רויך און פלאמען אויף זיין ליכטיגען פרידליכען ברעסלין און אלעס איז פארצויגען געוואָרען מיט פלאַם און פייער און פון אונטער די פייערדיגע שלייערען האָט אן אומרוהיגער געדאנק ארויסגעשטעקט דאָס קעפעל: — און די מענשען? די מענשען פון ברעסלין וואוהין זענען אהינגעקומען? — — —

עפּעס האָט זיך א וויג געטאָן ביי אבא'ן אין הארצען און ווי מען טוט זיך א וואָרף צו פארכאפּען א פאלענדיג קינד אזוי האָט א געדאנק

זיך א ווארף געטאן צו זיין פאלענדיג הארץ — די מענשען זענען אנט־
לאפען... זיי האבען זיך געראטעוועט — — זיי—זענען—אנטלא־
פען — — — זיי—האבען—זיך—געראטעוועט...

זיבענטער קאפיטעל

אבא האט זיך א ווארף געטאן צו די ציימונגען. מיט א טיפען, באהאלטענעם פאר אים אליין אומקלארען שרעק און פיין, האט ער גע־לייענט איין מלחמה עקסטרא נאך דער צווייטער און יעדען טאג אין עטליכע פארשידענע ציימונגען דיזעלבע נייעס — — ער האט פארזיכ־טיג נאכגעפאלגט יעדען צוג און שריט פון אלע ארמייען אויף אלע פראנ־טען און מיט פיין און קריינקונג געלייענט די באשרייבונגען און איינ־צעלהייטען פון יעדער שלאכט באזונדער.

ניט ריידענדיג מיט קיינעם פון דער מלחמה האט ער אליין ניט גע־פיהלט, ווי ער פארלירט דעם אינטערעס צו אלעם און אלעמען אויסער דער מלחמה.

און א מאדנעם פארלאנג האט ער געהאט אוועקצוגעהן אין א רע־דאקציע, אויפזוכען אלע ציימונגען פון דעם טאג וואס די מלחמה האט זיך אנגעפאנגען און דורכגעהן אלעס, אלעס וואס עס איז געשעהן פאר די אלע לאנגע מאנאטען: געהן צוזאמען מיט די זינלאזע ארמעען שטאט איין שטאט אויס, דארף איין דארף אויס, וואגלען צוזאמען מיט די מיליאנען אנטלויפענדיגע, אנפאלען מיט די אנגרייפער, זיך וואלגערן מיט די פארוואונדעטע, צעטראטענע און נאכלעסיג אוועקגעווארפענע און טאג איין טאג אויס, נאכט איין נאכט אויס, ביז איבערמענשליכען וואנזין זיך פלאנטערען אין די גיהונמ׳דיגע פלאנטערס פון פייער און טויט..

אין א צייט ארום האט אבא ערהאלטען א לאנג פארשפעטיגטען בריף פון דער היים און א קורצען. — דער טאטע האט געשריבען עטליכע ווערטער פון שרעק און פארצווייפלונג און עטליכע ווערטער פון גלויבען און האפנונג.. דעם טאטענ׳ס גוט־הארציגער אידישער גלויבען און האפ־נונג, אין וועלכען עס האט זיך געפיהלט אזוי פיל טיפער אידישער פיין און פארצווייפלונג.

די שוועסטער האָט צוגעשריבען. „דער טאַטע איז גרוי ווי א טויב, דו וואָלסט אים זיכער ניט דערקענט ווען דו זעהסט אים. מיר דאַנקען גאָט וואָס ד ו ביזט כאָטש געראַטעוועט פון דעם גרויסען אומגליק. אבא'לע, ווען דו וואָלסט אונז געקענט העלפען! אָבער וואָס קענסטו טאָן? בעט גאָט פאַר אונז. דיין איינאונאיינציגע שוועסטער עטיל.

ביים „בעט גאָט פאַר אונז" האָבען זיך ביי אבא'ן א גאַס געטאָן טרערען פון די אויגען און טיף אין הארצען האָט ער גרוים חרטה גע־האט, וואָס ער איז איצט ניט מיט זיי דאָרטען, מיט זיינע טאַטע מאַמע און איינציגער שוועסטער, וועלכע דאַנקען דאָרט גאָט, וואָס ער איז ניט מיט זיי אין דעם גרויסען אומגליק און בעטען אים ער זאָל דאָ בעטען גאָט פאַר זיי...

אכטער קאפיטעל

זונטאג, חוה לאה האט זיך א כאפ געטאן פון בעט; — „אוי־וואַ, שוין אזוי שפעט“, און זי האט היינט אזוי פיל ארבייט צו טאן, א קליי־ניגקייט, איר אסתר׳ס, איר איינאונאיינציגער אסתר׳ס תנאים!

א גאנצע נאכט איז זי ניט געשלאפען, א נארישע מאמע, עס האט זיך איר עפעס אזוי געוואלט אריינגעהן צו אסתר׳ן אין בעט אריין, איר ארומנעמען, זי איינגיורען אין זיך אריין, ווי זי פלעגט עס טאן ווען אסתר איז נאך געווען א קליין מיידעלע, נאר זי האט זיך געשעמט דאס צו טאן, האט זי זיך טאקע אומגעווארפען פון זייט אויף זייט, מיט א טיפער בענקשאפט אין הארצען און עפעס האט אהן איר וויסען געווייגט ביי איר אין הארצען מיט שטילע מאמע טרערען און גאט געבעטען פאר איר איינאונאיינציג קינד.

פארטאג איז זי איינגעשלאפען און זיך פארשפעטיגט. זי האט גע־נומען וועקען ישראל׳ן: „ישראל, שטעה אויף, שוין אזוי שפעט!“ — ישראל האט געעפענט די אויגען, זיך אין זעלבען אויגענבליק דערמאנט, אז היינט איז תנאים ביי זיין קינד און א גליקליכער ארונטער פון בעט.

אסתר איז שוין פון לאנג ניט געשלאפען, זי האט זיך געניורעט אין איר אייגען לייב, קנוילענדיג און הילענדיג איין גליד אין צווייטען, און אום צו באהאלטען פון זיך אליין דעם זיס אומעטיגען שמייכעל פון די ליפען, האט זי אלע ווייל באהאלטען דעם פנים אין די הענט, און די הענט מיט׳ן פנים אין קישען.

זי האט אליין ניט געוואוסט צו איז זי געשלאפען די נאכט צו ניט. עס האט זיך איר געדוכט, אז זי איז א גאנצע נאכט געלעגען מיט אפענע אויגען און געטראכט אזעלכע דינגע, זיס־אומעטיגע געדאנקען, נאר וואס געדיינקט זי אליין ניט. און זי האט עס בייטאכט אויך ניט געוואוסט, אזוי נעבעלדיג און דין זענען די געדאנקען געווען.

און אפשר איז זי געשלאָפען און גע'חלומ'ט אזעלכע זיס־אומעטיגע אומקלאָרע חלומות ?...

און איצט אפילו, אין זונינען מאָרגענליכט ווינט זיך אויף אלעם אזוי ארום איר, ווי אין א פאָרזיכטיגען האלב וואכעדיגען חלום.

און עס וואָלט זיך איר געוואָלט אזוי ליגען איינגעפלאָנטערט אין דעם דורכזיכטיגען נעץ פון האלב־וואכעדיגע חלומות און ווארטען אויף עפּעס — — ווארטען ביז אבא וועט ארייננקומען אויף די שפּיץ פינגער איר אויפוועקען...

אבא איז ארייננעקומען אויף די שפּיץ פינגער זי אויפוועקען...

ער האָט פריהער לייכט אָנגעקלאַפּט, געווארט א רגע, און שטיל ארייננעגאנגען.

אסתר האָט געהערט דעם קלאַפּ אין טיר, די לייכטע טריט, גע־פיהלט, אז דאָס איז אבא, איז זי אזוי געבליבען ליגען פארלוירען אין א געמאכטען שלאָף.

אבא איז א רגע געשטאַנען ביי איר בעט, לייכט א פיר געטאָן מיט דער האנט איבער איר קאָפּ צעוואָרפענע האָר און שטיל געזאָגט: „אסתר !"

אסתר האָט זיך א כאַפּ געטאָן ווי פון שלאָף ארוים און פארוואונ־דערט געפרעגט: — „שוין שפּעט ?"

אבא האָט מיט באוואונדערונג געקוקט אויף איר יונגען פון שלאָף פאררויטעלטען פנים, אויף אירע רויטע ווייסע אקסלען, געשמייכעלט און געשוויגען. דערנאָך האָט ער א זאָג געטאָן: — „כ—ל—ה" און דאָס וואָרט האָט א פאַל געטאָן אויף אסתר'ס נאקעטע הענט און אקסלען ווי א קוש פון היים ברענענדיגע ליפּען...

די געסט האָבען זיך אָנגעפאנגען צונויפקומען פרי. געלאַדען זענען געווען אלע אייגענע, און גלאט לאַנדסלייט און באקאנטע און קיינער האָט ניט פארשעמט די ווינער'ס איינלאדונג. אלע האָבען געוואוסט, אז די ווינערס בעטען צו א שמחה, בעטען זיי מיט'ן גאנצען הארצען.

און אפילו יענע, וועלכע האָבען אליין געהאט טעכטער חתונה צו מאכען און האָבען אין דער שטיל מקנא געווען די ווינערס פאר זייער יחוס'דיגען שידוך האָבען אין הארצען אויך צוגעגעבען, אז דעם רב'ס קינד פּאַסט

אריין אין הענט פון גוטע מענשען, און אז אזא שיינע מיידעל ווי אסתר, פארדינט אזא פיין און מיוחס'דיג קינד, ווי אבא.

צום אווענט צו, איז שוין די שמחה געווען אין פולען ברען.

חוה לאה האט אנגעגרייט צו עסען לרוב, און פאר ווייִן, שנאפס און ביר האט שוין ישראל געזארגט.

אלע צימערן זענען געווען העל באלויכטען, און דאס יום טוב'דיגע געררעדעריי און פרויען געלעכטער אויסגעמישט מיט דעם לעפעל, גאפעל, טעלער און גלעזער געקלאנג — האט זיך צונויפגעגאסען מיט'ן ראשיגען ליכט פון די צימערן און ווי רוישיגע כוואליעס זיך געגאסען איבער די לייכט פאר'שכור'טע קעפ פון דעם יום־טוב'דיגען עולם.

די לחיים'ס זענען געווארען אפטער און ווארימער און אין דעם מיש־מאש פון ווינשעוואניעס האט ווי א פויק צוגעקלאפט משה ליב'ס בעל העגלה'שער געזונטער קול, טרינקענדיג לחיים צו אבא'ן.

ער האט לאנג געהאלטען אבא'ס קליינע האנט אין זיין גרויסער פארגרעבטער האנט אהן דעם גראבען פינגער און פאוואליע און געזעצט געקלאפט, ווי אין א פויק אריין: — „זאלסט זיין אבא אזא גוטער איד ווי דער טאטע דיינער, אונזער רב, א גאלדענער מענש דער טאטע דיי־נער, מיר וואלטען איצט אויף די טישען געטאנצט ווען דיין טאטע איז איצט דא".

חוה לאה אנקומענדיג אויף די רייד פון קיך מיט פולע הענט האט א טיפען זיפץ געטאן און עמיצער ביים טיש האט אונטערגעכאפט דעם זיפץ און צוגעגעבען:

„ווער ווייסט, וואס עס טוט זיך דאס איצט מיט זיי."

ישראל ווינער האט דערפיהלט, אז די שמחה פארציהט זיך מיט א וואלקען פון דער וויטער היים, האט ער שנעל פארכאפט א לחיים מיט אבא'ן און אומערווארטעט פאר אבא'ן, זיך צעקושט מיט אים, דערנאך מיט אסתר'ן. א שטראם פון אומגעהייערע טאטע ליבע און גוטסקייט האט מיט אמאל א שלאג געטאן ביי ווינער'ן אין הארצען, ער האט זיך געטאן א שטעל אויף, א קלאפ געטאן אן טיש און אויסגעשריגען:

— איך וויל איר זאלט אלע וויסען זיין, אז מיינע קינדער קריגען אלס נדן א העלפט פון מיין אייזען סטאר!

דער עולם האט אויפגעכאפט די מעלדונג מיט פרעהליכען טומעל,

חוה לאה, איבערראשט פון ישראל'ס פלוצימדיגען באשלום האָט נע־וויינט פון שמחה, און א וויינענדיגע ארויפגעפאלען אויף אסתר'ס האלז. די שמחה האָט מיט אמאָל א פלאם געטאָן און זיך אין איין רגע צע־שפילט מיט אזא קראפט, אז אונטען אין גאס זענען פארבייגעהער שטעהן געבליבען און מיט קנאה און בענקשאפט זיך צוגעהערט צום ליכטיגען גערויש פון א אידישער שמחה..

נייגטער קאפיטעל

די שמחה האט זיך פארצויגען אין דער שפעטער נאכט אריין.

אבא מיט אסתר'ן זענען געזעסן איבענאַן, אסתר אן אויסגעפוצטע, א פארפלאמטע און א גליקליכע.

עפעס האט זיך איר דעם גאנצען אָוונט געדוכט, אז דאס איז ניט תנאים, נאר חתונה נאכט ביי איר. און צום ערשטען מאָל זינט זי קאָן אבא'ן, האט דאס בלוט אין איר געזונגען פאר פרייד, וואס אבא איז אזוי יונג, במעט אינגליש און אזא לויטערער און ריינער. און יעדען מאָל, וואס זי האט זיך נאָהענט צוגערירט צו אבא'ן האט זי אים אויך איבערגעגעבען דעמזעלבען געפיהל. און אים האט זיך אויך געדוכט, אז אסתר איז רייפער און זיכערער פון אים.

און עפעס האט ער געהאט א געפיהל, אז אסתר, ווי א יונגע מאמע פירט אים ביי דער האנט, און נאך א רגע און ער וועט אריבערטרעטען די שוועל פון במעט קינדישער אינגלישקייט צו רייפער מענליכקייט.

זיין בלאסער אידיש איידלער פנים האט זיך געדרויטעלט, און א שמייכעל פון פארלעגענהייט און אומבאהאָלפענקייט איז ניט ארונטער פון זיינע ליפען. פון צייט צו צייט אָבער האט זיך זיין געדאנק ארויס־געכאפט פון דעם פרעהליכען האלב שכור'ן געטומעל און בליץ שנעל זיך א טראָג געטאָן איבער אומענדליכע פינסטערע שטרעקען, וואו מחנות פארשאָלטענע באשעפענישען טרעטען מיט מיליאָנען פאר'כשופ'טע טריט פארוויסטענדיג און צעשטערענדיג אלעס אונטער זייערע גרויע שווערע טריט.

און ערגעץ ווייט ווייט איבער פינסטערע חורבות און וויסטענישען געהט זיין טאטע, גרוי ווי א טויב, און מיט אים זיין מאמע, זיין שוועסטער, און ער אליין געהט אויך מיט זיי... זיי געהען מיט שנעלע שרעקעדיגע טריט אוועק פון די מחנות, און די מחנות געהען, געהען נאָך זיי... און ערגעץ ווייט ווייט אין א באהעלטעניש פראוועט מען תנאים,

און ער געהט מיט טאטע מאמע און שוועסטער צו יענעם באהעלטעניש, און די מחנות געהען, געהען נאך זיי — צו יענעם באהעלטעניש...

און דאס אלעם האט זיך אין איין אויגנבליק, ווי א חלום, א וויקעל געטאן פאר זיין געדאנק. זיך א וויקעל געטאן, פארשוואונדען, און באלד צוריקגעקומען פארענדערט אביסעל:

טאטע מאמע זענען מיט אים צוזאמען דא אין דעם פרעהליכען תנאים באהעלטעניש. און די פאר'כשופ'טע גרויע מחנות געהען מיט רעגעל־מעסיגע פאר'כשופ'טע טריט איבער די שטרעקען פון דער וועלט אהער צום באהעלטעניש, און כאטש זיי זענען נאך ערגעץ ווייט ווייט, וועלען זיי מיט דער צייט קומען אהער און מיט זייערע מיליאנען פאר'כשופ'טע טריט ארויפטרעטען אויף דעם פרעהליכען באהעלטעניש, אלעם צעטרע־טען און ווייטער געהן, און ער מיט אסתר'ן וועלען נאכגעהן זייערע טאטע מאמע אין טויט שרעק איבער די וויסטענישען פון דער וועלט און די גרויע מחנות וועלען נאכגעהן — נאכגעהן — נאכגעהן אונטער זייערע שרעקעדיגע טריט...

אזוי האט זיך דער בלאסער חלום געוויקעלט פאר זיין האלב שכור'ן בליק — אין דער מיט פון דעם ליכטיג־פרעהליכען געוויש, פארשוואונ־דען און צוריקגעקומען, פארשוואונדען און צוריקגעקומען.

און ווען ער האט אפילו געטאנצט אין גרויסען רוישיגען ראד מיט'ן גאנצען עולם ארום די טישען האלטענדיג אסתר'ן ביי איין האנט און ווינער'ן ביי דער צווייטער טופענדיג מיט די פיס אין שכור'ן עקסטאז, איז עפעס ווי אומבאוואוסט פאר אים אליין אויסגעקומען, אז אונטער זיינע פיס ליגט ווי א שאטען אויסגעצויגען דער בלאסער שרעקעדיגער חלום זיינער און ער טאנצט אויף אים און צעטרעט אים מיט שווערע טאנצענדיגע טריט אום ער זאל זיך ניט קענען מער באווייזען פאר אים.

די שמחה האט זיך מיטאמאל אפגעריסען: עמיצער האט א זאג געטאן: — „מארגען איז מאנטאג"... און דאס האט ווי א שארפער דימענט אויף גלאז, זיך איינגעשניטען אין דער האלב מידער פרעהליך־יום־טוב'דיגער שטימונג און דער עולם האט זיך גענומען אויפהויבען איינער נאכ'ן צווייטען פון ארום די טישען.

נאכדעם האט זיך דער עולם געזעגענט, זיך געקושט, צוגעוואונשע־וועט און בינטלאכווייז פארלאזען דאס הויז.

ישראל האָט ניט געלאָזט חוה לאה צונעמען פון טיש: — געוווּנג געאַרבייט היינט, גיי שלאָפן. — און אליין האָט ער גענומען אויסלעשן די עלעקטריק אין אלע צימערן.

אבא מיט אסתר׳ן זענען געשטאַנען ביים פענסטער און אַרונטערגעקוקט צו די זיך אַהיים איילנדיגע געסט.

אבא האָט געזאָגט:

— איך בין נאָך גאָרניט שלעפעריג.

אסתר האָט צוגעדריקט איר קאָפּ צו זיינעם:

— איך וואָלט אַזוי דאָ געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט..

— איך אויך..

חוה לאה איז צוגעקומען: — „גייט שלאָפן, קינדער, ס׳איז שפּעט". זי האָט אַרומגענומען אסתר׳ס קאָפּ מיט ביידע הענט און זי געקושט עטליכע מאָל אויפ׳ן שטערן, געצייגערט אַ ווײַלע, דאַן גענומען אבא׳ס קאָפּ און אויך אים געקושט עטליכע מאָל אויפ׳ן שטערן. — „איר זאָלט מיר זיין גליקליך, קינדער מיינע. אַ גוטע נאַכט, גייט שלאָפן, קינדער".

— מיר וועלן באַלד גיין, מחותנת׳טע — האָט אבא צום ערשטן מאָל מאָדנע פאַרשעמט און חנ׳עוודיג אַרויסגערעדט דאָס וואָרט מחותנת׳טע.

אסתר האָט זיך צעלאַכט און חוה לאה איז אַ גליקליכע געגאַנגען שלאָפן.

אסתר האָט זיך דערפּיהלט אליין מיט אבא׳ן. זי האָט אַ נעם געטאָן זיין האַנט און מיט ביידע אירע הענט זי צוגעדריקט צו אירע בריסט: — „אַב־אַ־לע!"

אבא האָט היים און ציטערדיג געקושט איר קאָפּ. אסתר האָט זיך שנעל געטאָן אַ גלייך אויס:

— „גיי שלאָפן אבא!" — אירע אויגן האָבן געברענט מיט׳ן רוישיגן ליכט פון דער היינט־אָוונטדיגער שמחה..

און פּלוצים האָט זי פאַרוואָרפן די הענט אַרום זיין האַלז, אים געכאַפּט קושען אויף די אויגן, אויף די ליפּן, אויפ׳ן שטערן, מורמלענדיג שטיל און פאַרשטיקט — „אבא׳לע — — חתן מיינער — — — אבא׳לע — מיינער — מיינער — מיינער.

אבא'ן האָט זיך פארדרעהט דער קאָפּ, אין זיינע אויערן האָט גע־נומען קלינגען דער הייגט־אָוועגדיגער שכור'ער גערויש און געטומעל. ער האָט לייכט א הויב אויף געטאָן אסתר'ן אין דער לופטען, זי צוריק ארונטערגעלאָזט און שנעל און אומבאוואוסט פאר זיך אליין זיך ארונ־טערגעלאָזט אויף די קני צו אירע פיס, מיט ביידע הענט ארומגעכאפּט אירע פיס און מיט'ן קאָפּ א ציטערדיגער זיך צוגעטוליעט צו אירע קני.

צענטער קאפיטעל

אבא האָט זיך צוגעכאפט מיט גרויס פליים צו זיין נייער באשעפ־טיגונג אין אייזען געשעפט און איבערראשט די ווינערס מיט זיין פעהיג־קייט און שנעלקייט מיט וועלכע ער האָט זיך צוגעפּאסט צו די פאר אים נייע און דורכאויס פרעמדע ביזנעס.

געשעפטען זענען א דאנק דער מלחמה געגאנגען גוט, און אבא האָט פיל געהאָלפען ווינער׳ן אויסברייטערען און פארגרעסערען די ביזנעס.

ווינער איז געווען גליקליך, האָט זיך פאר אלעמען באריטמט מיט אבא׳ס פעהיגקייט. און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם טאָג פון דער חתונה ווען אבא וועט ווערען זיין אסתר׳ס מאן — א קינד פון זיינע קינדער.

אבא האָט ניט געהאט קיין בריף פון דער היים, זייענדיג שטענדיג פארנומען מיט זיין נייער באשעפטיגונג און מיט אסתר׳ן, האָט ער זעל־טען ווען צייט געהאט צו טראכטען פון דער היים, נאָר לייענענדיג יעדען טאָג די מלחמה נייעס אין די צייטונגען און די קאָרעספּאָנדענצען פון די חרוב׳ע שטעט, קומט זיין צעשטערטע היים ארויף אויף זיין זינען און א שטילער קאלטער שרעק פארציהט זיך איבער דער לויטערער פרייד פון זיין הארצען.

און עס טרעפט, ווען ער זיצט מיט אסתר׳ן, א פריידיגער, א גליק־ליכער און טראכט גאָרניט אפילו פון דער היים, ציהט זיך דורך אָהן זיין וויסען גאָר א דינער וועהטאָגדיגער אומרוה דורך זיין פרייד און גליק און ער האָט דעמאָלט דאָס געפיהל עפּעס ווי א גרויסער שווארצער פויגעל וואָלט מיט פאטשענדיגע פליגעל אָהן אויפהער געהאלטען אין שפּריי־טען שאָטען אויף שאָטען אין דעם ליכט און פרייד פון זיין הארצען.

שבת פרי.

א נאָלדיגער הערבסטיגער פרימאָרגען. אבא געהט אן אויסגע־פוצטער, א פרישער אין אייזען געשעפט אריין.

אבא האָט ליב דעם שבת אין ניו יאָרק, די האלבע יום־טוב׳דיגקייט פון די מענשען, וועלכע ווע‍לען מ א ר ג ע ן ניט ארבייטען.. און היינט אָוועגט געהען ישראל מיט חוה לאָה׳ן אין טעאטער און ער וועט בלייבען אליין מיט אסתר׳ן. ער געהט א פרעהליכער מיט פעסטע קליג־גענדיגע טריט. ער האָט ליב צו געהן מיט פעסטע קלאפענדיגע טריט איבער די רוישיגע נויאָרקער שטיינערנע גאסען.

ער קויפט די צייטונגען און זעצט זיך אויף א פוץ שטול זיך לאָזען די שיך אָפּפוצען. פוןביידע זייטען גאס איילען מענשען צו דער אר־בייט און ווי אבא׳ן דאכט זיך: אויך אויסגעפוצטע, פרישע, פרעהליכע, ניט ווי אין א געוויינליכען וואָכעדיגען טאָג.

ער כאפט א קוק אין צייטונג און האָט חרטה, — „אך — ווען דאָס זאָל נאָר ניט זיין" — טוט עפּעס אָהן זיין וויסען א טראכט אין אים און דערזעלבער געדאנק טוט א צעוואָרף פאר אים ערגעץ ווייט זיין חרוב שטעטיל און אין מיטען פון די חורבות שטעהען איינאונאיינציגע די אלטע שוהל און זייער הויז..

— „וואו זענען זיי?" — טוט עפּעס א פּיק אין הארצען אזוי ווייט און אומקלאָר, און עפּעס ענטפערט: — „זיי זענען ערגעץ דאָ." — און ווידער די פארבייגעהענדיגע מענשען, איילענדיגע, אויסגעפוצטע, פרי־שע, האלב יום־טוב׳דיגע, דער נויאָרקער גאָלדענער הערבסטיגער פרי־מאָרגען, און ער אליין אַן אויסגעפוצטער, א פרישער — ווי ליכטיג און גוט! —

אבא איז געזעסען אין „על" צוג, איבערגעפירט דעם בליק פון איין מיידעל אויף דער צווייטער, געלייענט די אנאָנסען אין דער הויך פון וואגאָן און פון צייט צו צייט געגען זיין ווילען געכאפּט א קוק צו די שכנים אין די צייטונגען, — רעכטס און לינקס. ספּעציעל איז אבא געוועז פארנומען מיט א געצירטען אנאָנס געגענאיבער, וואו א שיינע דאמע אין א דינעם פּעניואַר איז געלעגען אויסגעצויגען אויף א סאָפא אנטבלויזענדיג א שיינעם דינעם פוס אין א זיידענעם דורכזיכטיגען זאָק. אבא האָט א שמייכעל געטאָן, ווידער א לויף געטאָן מיט די אויגען אי־בער א שכנ׳ס צייטונג און מיטאמאָל זיך ראש א נויג געטאָן צו דער ציי־טונג, מיט צעשראָקענע אויגען. דער שכן האָט אים פארוואונדערט אָנ־געקוקט און ברוגז זיך אוועקגעקערט אביסעל. נאָר אבא האָט ניט ארונ־

טערגענומען די אויגען פון יענעם פּלאַץ וואו ער האָט דייטליך איבער־געלייענט דאָס וואָרט „ברעסלין“.

אבא האָט מיט ציטערדיגע פינגער צעעפענט זיין אייגענע צייטונג, אויפגעזוכט די קאָרעספּאָנדענץ און פאָרזיכטיג און לאַנגזאַם גע־לייענט:

„איינצעלהייטען פון דעם פּאָגראָם אין ברעסלין פון דעם פּאַרלאָ־זענדיגען און צוריקקערענדיגען מיליטער“ — —

אבא האָט לאַנגזאַם געלייענט די דאָזיגע ווערטער, זיך אָפּ־שטעלענדיג ביי יעדען וואָרט. דערנאָך האָט ער שנעל געטאָן א מאַך צונויף די צייטונג, ארויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן פּלאַץ פון אַרטיקעל, און געבליבען זיצען בלאַס מיט א הויל האַרץ...

מיט אמאָל האָט א בליץ געטאָן א האָפנונג אין זיין מח — „אפשר“ — ער האָט שנעל צוריק געעפענט די צייטונג און גענומען שפּרינגען מיט די אויגען אין אומאָרדנונג איבער דער קאָרעספּאָנדענץ, זיך פאַר־טשעפּעט אין דעם וואָרט „רב“, זיך אָפּגעשטעלט אָהן אָטעם און צוריק גענומען לייענען דעם אַרטיקעל פון אָנפאַנג, לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג, פאַרלוירען שנעל די געדולד און צוריקגעכאַפּט פון דער מיט, איבער־געלייענט עטליכע שורות, און זיך לייכט א וויג געטאָן, עפּעס האָט מיט דעם שאַרף פון א האַק א פאַל געטאָן ביי אים אין האַרצען און עפּעס האָט צום טאַקט פון פאַל ארויסגעקרעכצט — אוים!

און אלעס האָט זיך א גליטש געטאָן פאַר אבא'ס טונקעל געוואָ־רענעם בליק.

אבא האָט זיך בלאַס און צעשראָקען ארומגעקוקט: קיינער האָט ניט באַמערקט.

ער האָט מיט מיה און געמאַכטער נאַכלעסיגקייט צונויפגעקנייטשט דאָס פּעקעל צייטונגען, עס פאַררוקט אונטער זיך און מיט'ן טאַשען טיכעל זיך גענומען ווישען דעם בלאַסען פּנים, ווי ער וואָלט וועלען אָפּ־ווישען די בלאַסקייט...

עס איז אים געוואָרען היים, ער האָט זיך געטאָן א שטעל אויף, זיך א וויג געטאָן און מיט וואַקלענדיגע טריט זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג.

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א „סטיישאָן“ און אבא האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּען פון די ארויסשטייגענדע אויף דער פּלאַטפאָרם.

אבא איז געזעסען אויף א באנק אויף דער פּלאַטפאָרם, געוואָלט וויינען און ניט געקענט; ער האָט געפיהלט, אז זיין פּנים איז בלאַס, — בלאַס, און ווייטער גאָרנישט!

ער האָט זיך געוואונדערט וואָס ער זעהט, הערט און — פארשטעהט אַלעס וואס עס קומט פאַר ארום אים. ער איז געזעסען און מיט א גלייכגילטיגען בליק נאָכגעפאָלגט די ארויס־און־אריין שטייגענדיגע פּאסאזשירען פון די אָנקומענדיגע און אָפּגעהענדיגע על באהנען און אז ער האָט זיך געכאפּט, אז זיין בליק פאָלגט נאָך באזונדערס די לייכטע גראַציעזע באוועגונגען פון די פרויען, האָט ער זיך פארשעהמט פאר זיך אליין און אין פארלעגענהייט א פּיר געטאָן מיט דער ציטערדיגער האנד איבער דעם קאלטען נאָך עטוואָס שוויסיגען שטערן.

און זיצענדיג אזוי מיט דער האנט איבער דעם שטערן איז אים איינגעפאלען, אז היינט אָווענד וועלען ישראל און חוה לאה געהן אין טעאטער און ער וועט בלייבען אליין מיט אסתר׳ן.

עפּעס האָט אין אים א לאך געטאָן און עפּעס האָט אין אים אָהן ווערטער א זאָג געטאָן: — „אזוי איז עס!..“

ער איז געזעסען א לענגערע צייט און געפיהלט אז די בלאַסקייט פארשווינדט פון זיין פּנים, אז דורך דער לערער קאַלטקייט פון זיין הארצען שלאָגט זיך דורך די געוויינליכע ווארימקייט, ווי די זון דורך א נעבעלדיגען פרימאָרגען.

ער האָט געפיהלט אז ער קען שוין אויפשטעהן און ווייטער פּאָרען און ווי זיך שעמענדיג פאר עפּעס געזעסען זיך ניט רירענדיג פון אָרט.

פּלוצים האָט ער זיך געטאָן א שטעל אויף און מיט א קאַלטען צוקרומטען שמייכעל אויף די ליפּען א זאָג געטאָן אין זיך אריין: — „און איצט דארף מען געהן אין סטאָר אריין“... און מיט אומזיכערע טריט אריין אין דעם אָנקומענדען על צוג.

עלפטער קאפיטעל

אבא איז געשטאנען פאר דער טיר פון דער קראָם, געפילט אז זיין פנים איז מיט אמאָל ווידער בלאַס געוואָרען און זיין הארץ האָט הויך און שטארק גענומען קלאפּען.

ער האָט זיך אָנגענומען מיט כח; איז אריין אין קראָם און מיט שנעלע טריט געגאנגען צום קאנטאָר.

ווינער איז געווען באשעפטיגט מיט עפּעס, אבא האָט מיט נערוועזע פינגער געעפענט די עטליכע בריף, וועלכע זענען געלעגען אויפ'ן קאנטאר און פון זייט געוואָרפען אומרוהיגע בליקען צו ווינער'ן; ווינער האָט פון גאָרניט געוואוסט.

אבא האָט עס געזעהן און זיך מיט אמאָל בארוהיגט.

דער טאָג האָט זיך לאנגזאם געצויגען. אבא איז ארומגעגאנגען ווי נאָך א שווערער קראנקהייט. וויפיל ער האָט זיך ניט אָנגעשטרענגט צו ריידען פריי, ווי שטענדיג, איז עפּעס זיין קול ארויסגעקומען שוואך, מיט א לייכטען ציטער, און עפּעס מאָדנע אומבאהאָלפען.

ווינער האָט עפּעס געמערקט אויף אים און געפרעגט:

— וואָס איז דער מעהר, פילסטו עפּעס ניט גוט?

אבא האָט א שמייכעל געטאָן און א פיר געטאָן מיט דער האנט איבער'ן שטערן — „א קאפּוועהטאָג, דאָס אלעס", — און זיך שנעל גענומען עפּעס טאָן אין קראָם מיט א געמאכטער רוהיגקייט.

אז ווינער איז ארוים עסען מיטאָג, האָט אבא אָהן כח זיך אראָפּ־געלאָזט אויף א שטול. ער האָט זיך מיט ביידע הענט פארשטעלט דאָס פנים און אזוי א ווייל געזעסען.

מיט אמאָל האָט אים ווידער א שרעק באפאלען: — ווי אז ווינער וועט ערגיץ כאפּען א צייטונג? —

ער האָט זיך אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט זיך דערמאַנט, אז ווינער לייענט ניט יענע צייטונג.

אז ווינער איז צוריקגעקומען איז אבא ווידער רוהיג געוואָרען.

אבא האָט ניט געוואוסט ווארום ער האָט מורא ווינער זאָל ניט אויסגעפינען די נייעס, נאָר עפּעס איז ביי אים אומבאוואוסט אויסגעקומען; אז אזוי לאַנג ווי קיינער ווייס נאָך ניט, קען נאָך אַלעס זיין ווי געווען... נאָר אזוי שנעל ווי עמיצער וועט וויסען דערפון — דאַן — ער האָט ניט געוואוסט וואָס עס וועט „דאַן" זיין, נאָר געפיהלט האָט ער, אז עס וועט זיין עפּעס אַנדערש ווי עס איז ביז איצט געווען.. און ער האָט זיך געשראָקען דערפאר, מער ווי פאר דער שרעקליכער נייעס אליין, וועלכע איז איצט געווען אינגאַנצען ווייט פון זיין געדאנק, ווי עפּעס א זאַך, וואָס האָט שוין לאַנג לאַנג געטראָפען..

דער טאָג האָט זיך לאַנגזאם געצויגען, אבא'ס קאָפּ איז געווען פּוסט און שווער, ער האָט פון גאָר ניט געטראַכט, ער איז בלויז געווען פאַרנומען מיט'ן געדאנק: „מען זאָל היינט ניט אויסגעפינען" — — און צוזאמען מיט דעם דאָזיגען געדאנק האָט זיך ארומגעוויגט אין זיין לעדיגען מח נאָך א געדאנק: — היינט בלייבט ער אליין מיט אסתר'ן — דאָס אלעס. —

און דער טאָג האָט זיך אזוי לאַנגזאם געשלעפּט, אז עס האָט זיך אים געדוכט, אז ביז דער גרויסער לאַנגער טאָג וועט אריבער וועט נאָך עפּעס פּאסירען אזוינס דורך וועלכען ער וועט ע פּ ע ס פּארלירען אויף זיין גאַנצען לעבען, און וואָס אזוינס ער וועט פּארלירען האָט ער אליין ניט געוואוסט. —

פּארנאַכט, אבא האָט געהאט דאָס געפיהל פון אן אמאָליגען יום כפּור פּארנאַכט פאר נעילה, ער איז שוין דאַן געווען א גרויסער בחור און זיך געפיהלט לאַנגווייליג אין דער הייסער פּארשטיקטער שוהל, אין דעם טשאַרד פון די זיך שמעלצענדיגע וואַקסענע ליכט.. ער האָט איצט געפיהלט דערמזעלבען טעמפּען קאָפּוועהטאָג, שוואַך און אפּאטיש. און ביים הארצען האָט גענאָגט עפּעס שווערס און בלייענס.

ווינער איז אוועק אהיים זיך צוגרייטען צו געהן מיט חוה לאה'ן אין טעאטער אריין.

אז ווינער איז ארויס פון קראם האט אבא זיך געטאן א ציה אויס, אויסגעצויגען די הענט הויך אריבער דעם קאפ און א פייף געטאן, מיט אמאל צוריק ארונטערגעווארפען די הענט און מיט צוקרימטע ליפען א זאג געטאן: — „פארפאלען“ — — און מיט לאנגזאמע טריט ארויס־געגאנגען פאר דער טיר פון קראם. —

אבא איז געשטאנען פאר דער טיר פון קראם און פון גארניט גע־טראכט. איז א קונה געקומען איז ער אים פויל נאכגעגאנגען אין קראם אריין, אים שטום אפגעפערטיגט און צוריק נאכגעגאנגען דעם קונה צו דער טיר און געבליבען שטעהן פאר דער טיר.

ער האט ארויסגעקוקט צו דער טומעלדיגער גאס און געפיהלט ביי זיך אין קאפ — דער טומעל פון די פארביי איילענדיגע מענשען, דאס קלאפען פון די שווערע רעדער אויפ'ן ברוק פון גאס, די עלעקטרישע ליכט פון די גרויסע שרייענדיגע שילדען, די הויכע פירעקיגע שטיינערנע מויערען מיט די טויזענטער פירעקיגע פענסטער, דאס ווייטע גערויש פון די לויפענדיגע על־צוגען, — אלעס האט זיך געמישט אין זיין ליידי־גען מח און זיך צונויפגעפלאנטערט אין איין גרויסען שווערען פלאנטער פון שווינדלענדיג פייער און שטיינערנעם גערויש...

ער האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער און זיך פויל גענומען צושליסען די „סטאר“.

ארייסגעהענדיג פון קראם האט ער זיך אנגעשלאגען אן דער מיס קלאדקא. זי האט זיך דערפרעהט מיט אים און זיך ווארים געגריסט. אבא'ן האט באנג געטאן די באגעגעניש און ניט האבענדיג דעם מוט זיך ארויסצודרעהען מיט א תירוץ איז ער א שווייגענדיגער געגאנגען מיט איר.

אום איבערצורייסען דאס שווייגען האט קלאדקא געפרעגט:

— איר האט עפעס בריף פון דער היים?

ער האט פון זייט א קוק געטאן אויף איר און מיט איבערטריבענער גלייכגילטיגקייט געזאגט: — איצט? — ווי קאן מען איצט קריגען בריף פון דער היים?

קלאדקא האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט'ן ענטפער, זי האָט גע־פרעגט: — איר געהט איצט גלייך אהיים?

— יאָ.

— איר ווילט זיך אביסעל דורכגעהן אויף בראָדוויי?

אבא האָט א טראכט געטאָן פון אסתר'ן און געזאָגט: — איך דארף געהן אהיים.

קלאדקא האָט ניט נאָכגעגעבען: — קומט אביסעל.

אבא האָט איין געדאנק א מאך געטאָן מיט דער האנט — נוט, קומט! —

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען נעאָרעמט גע־גאנגען צו בראָדוויי.

אבא מיט קלאדקא'ן זענען געשטאנען ביי טיימס סקווער און זיך גע'ישוב'ט וואוהין ווייטער צו געהן. עס איז געווען טעאטער צייט און זיי האָבען לאנג ניט געקענט שטעהן דאָרט אומענטשלאָסען, דער איילענ־דיגער אויסגעפּוצטער מענשען שטראָם האָט זיי פארכאפּט און זיי מיט־געשלעפּט אָהן זייער ווילען.

דאָס רוישיגע פיל קאָלירטע ליכט פון די גרויסע שווינדעלדיגע שילדען און די טויזענטער עלעקטרישע לאָמפּען פון די גרויסע רוישיגע שויפענסטער האָבען זיך צענויפגעגאָסען מיט'ן טומעל פון די אויטאָמאָ־ביל סיגנאלען און טראַמוויי קלינגלעריי — האָט זיך געדוכט, אז דאָס גרויסע גערויש איז שרייענדיג ליכטיג און דאָס שווינדעלדיגע ליכט איז רוישיג און טומעלדיג.

די לופט איז געווען פול מיט רעגונג און רייץ פון באוועגליכען פרויען קערפּער, זייד, סאמעט, שווינדעלדיג ליכט, פאר'שכור'ענדיגען גערויש און אלעס צוזאמען איז געווען פארכאפּט פון איין גרויס איילעניש און גערדענג צו פארכאפּען עפּעס.. אריינצודרינגען ערגעץ אין טויזענטער שפּאלטען און לעכער וואו דאָס גליק און באפרידיגונג האָט זיך באהאלטען און ציטערדיג ווארט עס אויף די דורשטיגע און גלוסטיגע זיי זאָלען זיך ארויפוואַרפען אויף דעם מיט ניט באפרידיגטען הונגער און דורשט..

אבא, א פארכאפּטער פון דעם מענשען שטראָם האָט זיך געלאָזט מיטטראָגען צוזאמען מיט דער מיס קלאדקא אהין, וואו דער שטראָם

האַט געצויגען, ער האָט געפֿילט נאָהענט צו זיך מים קלאַדקאַ׳ס דיק־ליכען קערפּער און זיינע בליקען האָבען אומרוהיג געטאַנצט איבער די ווייסע אַנטבלויזטע פרויען העלזער, און זיך געפּלאָנטערט אין די זייד און סאַמעט פאַלדען פון די אין זייער שנעלען און אומרוהיגען גאַנג זיך לייכט וויגענדע פרויען קערפּער.

קלאַדקאַ האָט א ציה געטאָן צו זיך אבאַ׳ס האַנט און מיט א באַ־זונדרער וואַרימקייט אין קול געזאָגט: — קומט, איר ווילט אַרויפגעהן צו מיר אביסעל?

אבא האָט אַ קוק געטאָן אויף קלאַדקאַ׳ן, שנעל אַ טראַכט געטאָן עפּעס אַ צינישען געדאַנק, שוין געוואָלט זאָגען יאָ, און זיך פאַרכאַפּט. ער האָט געזאָגט: — קומט צו אונז, אסתר איז אליין אין הויז, — גלייך חרטה געקראָגען אויף דעם וואָס ער האָט געזאָגט און שטיל אין האַרצען געוואונשען זי זאָל אים אָפּזאָגען.

זי האָט אים ניט אָפּגעזאָגט.

שוין זייענדיג ביים הויז האָט זיך אבאַ עפּעס דערמאַנט, ער האָט געזאָגט: — קומט וועלען מיר קויפען בלומען פאַר אסתר׳ן. —

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דעם דערבייאיגען בלומען געשעפט.

אסתר האָט מיט אומגעדולד און אומרוה געוואַרט אויף אבא׳ן, עס האָט איר פאַרדראָסען וואָס ער קומט ניט, און זי האָט איבערגעטראַכט אויך.

אז אבא איז אַרויפגעקומען מיט דער מים קלדקאַ האָט זיך אסתר נאָך מער געערגערט; זי האָט דאָס אָבער ניט אַרויסגעצייגט און זיך וואַרים געגריסט מיט קלאַדקאַ׳ן.

אבאַ׳ס בלומען האָבען געווירקט זי זאָל אין האַרצען אים אביסעל מוחל זיין.

אבא זיך פיהלענדיג שולדיג האָט לייכט א גלעט געטאָן אסתר׳ן איבער׳ן גלאַט געקעמטען קאָפּ און א זאָג געטאָן ווי בעטענדיג איינ־זעהעניש: — האָב איך עס היינט אַ קאָפּוועהטאָג! —

אסתר האָט געמערקט ווי מאָדנע די ליפען האָבען זיך ביי אים צע־קרימט ווען ער האָט עס געזאָגט און איר האָט זיך געדוכט, אז זי האָט געזעהן טרערען ביי אים אין די אויגען.

זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגען אריין און זיך באַאומ־

רוהיגט: — די אויגען זענען דיר רויט. — זי האָט ארויפגעלעגט איר האנט אויף זיין שטערען, אבא האָט ארויפגעלעגט זיין האנט אויף אירער און זי צוגעדריקט צום שטערען. אסתר האָט אין דער רגע איינגאנצען מוחל געווען אבא'ן.

קלאַדקא האָט געלאכט: — ער פעסטשעט זיך פאר אייך — אסתר איז געווען גליקליך.

די מים קלאַדקא איז לאנג ניט געזעסען. נאָכ'ן אָפטרינקען די טיי, וועלכע אסתר האָט דערלאנגט צום טיש, האָט זיך געפיהלט אן אָנגעשטרענגטקייט אויף אבא'ס און אסתר'ס פּנים'ער.

קלאַדקא האָט געזאָגט: — אז איר ווילט פירט מיך ביידע צו צום טונעל־באַן. אסתר האָט זיך אָפּגעזאָגט, זי איז מיד, און זי וויל ניט לאָזען דאָס הויז אליין און אבא איז געווען אין פארלעגענהייט — איר האָט מורא? וועל איך אייך צופירען. —

— מורא, — מים קלאַדקא האָט זיך צעלאכט און זיך באלד פארכאַפּט — גוט, פירט מיך צו אביסעל.

אבא איז, ניט ווייזענדיג זיין אומצופרידענהייט, געגאנגען באגלייטען קלאַדקא'ן.

אז אבא איז צוריק ארויפגעקומען האָט ער געטראָפען אסתר'ן א ברוגז'ע.

ער האָט געפּרובט שפּאסען, האָט זי אים אָפּגעשטויסען און אריין צו זיך אין צימער.

ער איז איר נאָכגעגאנגען, זיך געפיהלט נאריש, געקרענקט, געפיהלט ווי צו וויינען און איינגאנצען פארלוירען דעם אייגענעם גלייכגעוויכט.

אז ער איז אריינגעקומען צו איר אין צימער האָט זי זיך א ברוגז'ע, א בייזע, א שטעל געטאָן: — געה ארויס! —

ער איז צוגעגאנגען צו איר, געוואָלט נעמען איר האנט, זי האָט א וואָרף געטאָן זיין האנט פון זיך און זיך גע'עקשנ'ט: — געה ארויס!

זיין פּנים האָט זיך צעקרימט אין א נארישען אומבאהאָלפענעם שמייכעל — און אז ניט? —

— זאָל איך שטארבען אויב דו וועסט ניט ארויסגעהן פון דאנען! — ער האָט א ציה געטאָן מיט די אקסלען, פלוצים איז אים איינגעפאלען:

ער וועט איר אלעם דערצעהלען.. ער האט מיט א לעערען קול געזאגט:
— אסתר — —

אסתר האט זיך פארשטעלט די אויערן און טופענדיג מיט די פיס געשריגען: — געה ארויס פון דאנען, געה ארויס פון דאנען. אבא האט מיט אן איינגעבויגענעם קאפ און מיט א באליידיגטען נארישען פנים פארלאזען איר צימער.

אסתר האט חרטה געקראגען אויף איר רוגז-שפיל.

אבא איז אריין צו זיך אין צימער, זיך שנעל אויסגעטאן און זיך אווארף געטאן אין בעט, זיך באלד צוריק געטאן א זעץ אויף און זיך געכאפט מיטביידע הענט פאר'ן קאפ. פאר זיינע אויגען האבען א פליה געטאן, ווי לאנגע רייהען שוואלבען די שורות פון דער אינדער-פריהענדיגער צייטונג. איינציגע ווערטער האבען ווי פליגען גענומען טאנצען פאר זיינע אויגען, און אין זעלבען אויגענבליק האט זיין טאַ-טען'ס גרויע געשטאלט זיך א שטעל געטאן הארט פאר זיין פנים. אבא האט זיך א טרייסעל געטאן, און אנגעפאנגען צו וויינען אויפ'ן קול. ער האט ניט געהערט ווי די טיר האט זיך געעפענט; אסתר איז אריינ-געקומען אין א לאנגען נאכטהעמד, זי איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר א דערשראקענע פון אבא'ס געוויין, זי האט א שולדיגע גערופען:
— אבא —

אבא האט זיך א ווארף געטאן ארויסלאזענדיג א מאדנע צעשרא-קענעם „אוי!"

אסתר'ן האט פארקלעמט דאס הארץ פאר אבא'ס צעשראקענעם פנים. זי איז צוגעגאנגען נעהענטער צום בעט און שעמעוודיג און שול-דיג געפרעגט: — ביזט ברוגז, אבא?

פאר אבא'ס אויגען האט זיך אלעס גענומען דרעהען שנעל שנעל.. ער האט זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענט פאר'ן בעט, געוואלט א שריי-בעל טאן, עפעס זאגען און ניט געקענט, און אסתר איז געשטאנען פאר אים א נאקעטע, א שלאנקע, ווי א ליכטיגער ברענענדיגער זייל און זיך געבעטען: — ביזט ברוגז, אבא? —

אבא האט דערפיהלט, ווי עפעס אן אייזערנע האנט וואלט אים א נעם געטאן פאר די האר פון קאפ, אים אויפגעהויבען אין דער לופטען און אים א שטעל געטאן א בארפיסען אויפ'ן דיל. ער האט ניט מיט

זיין כח א כאפּ געטאָן אסתר׳ן אויף די הענט, זי א הויב געטאָן אין דער לופטען און מיט א קול פון ליידענשאפט און פּיינליכען שרעק כמעט א רעווע געטאָן — אס—ת—ר! זי אוועקגעשטעלט אויפ׳ן בעט און אליין א פאל געטאָן א באוואוסטלאָזער צו אירע נאקעטע פיס.

צווייטער טייל

צוועלפטער קאַפּיטעל

אבא האָט געוואוסט, אז מען סוד׳עט זיך הינטער זיינע פּלייצעס און זיך געמאכט ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג.

ער האָט מיט א געמאכטער נייגעריגקייט געפרעגט אסתר׳ן:

— וואָס געהט די מאמע ארום אזוי צעטראָגען? און דער טאטע אויך.

אסתר איז צעמישט געוואָרען, האָט אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ און געזאָגט: — פון דער היים, פון דער מאמען, א גרוס א שלעכטער אָנגעקומען. —

אבא האָט געזאָגט: — אזוי? — און דערנאָך צוגעגעבען:

— ווער קאָן היינט וויסען, וואָס דאָרט טוט זיך?

אסתר האָט געשוויגען, זיך געראנגעלט א רגע מיט זיך און ניט קוקענדיג צו אבא׳ן געפרעגט:

— דו האָסט גאָרניט געהערט פון דער היים? —

אבא האָט זיך דערשראָקען, געוואָרפען א פאַרשעמענדיגען בליק אויף אסתר׳ס פּראָפיל און רוהיג א זאָג געטאָן: — ניין.. גאָרניט. —

און וויסענדיג וואָס עס קומט פאר ביי אסתר׳ן אין הארצען האָט ער שנעל געטאָן א זוך אין טאש און געזאָגט:

— איך האָב צוויי בילעטען פאר מאָרגען אָוונט אין טעאטער.

אסתר איז ניט געוועזן צופרידען ,געוואָלט עפּעס זאָגען, א קוק געטאָן אויף אבא׳ן און אויסגעשטרעקט די האנט נאָך די בילעטען.

אבא האָט זיך אויפגעהויבען און זיך שטעלענדיג הינטער אסתר׳ס שטול, געקושט אירע האָר אויס דאנקבארקייט.

ביי אסתר׳ן אין הארצען האָט מיט אמאָל א שטראָם געטאָן א גרויס רחמנות צו אבא׳ן.

ווי איינער וואָס טראָגט זיך ארום מיט א טויטליכער קראנקהייט, פון וועלכער קיינער ווייס נאָך ניט, אזוי האָט אבא זיך ארומגעטראָגען מיט זיין סוד.

עס איז געווען קלאָר פאר אים, אז דאָס וואָס עס איז געשעהן האָט ווי מיט א שאַרף פון א שווערד איבערגעהאקט אלע פעדים, וועלכע האָבען געפירט צו זיין ווייטערדיגען לעבען, בלויז איינאונאיינציגער פאָדים איז נאָך גאנץ געבליבען — דאָס שפיל פון נ י ט ו ו י ס ע ן — וואָס ער שפילט מיט די ארומיגע.

און ענדיגט זיך דאָס שפיל, רייסט זיך איבער דער לעצטער פאָדים, דאן איז אלעס אויס.

אבא איז געווען יונג. ליב געהאט דאָס לעבען און געוואָלט לעבען. איז געקומען דאָס געשעהענע און ווי א טיפער אָפּגרונט זיך איינגעשניטען צווישען אים און זיינע ווייטערדיגע טעג.

איז ער געשטאנען אין שטילען אומבאהאָלפענעם שרעק ביים ברעג פון אָפּגרונט און געוואַרט ביז עמיצענס א האנט וועט אים א שטויס טאָן ארונטער וואו אלעס וועט זיך ענדיגען..

אבא האָט פון דעם א ו מ ג ל י ק א ל י י ן ניט געטראכט. דאָס איז ווי א צונויפגעקנוילטע שלאנג אין איר נעסט געלעגען באהאלטען ערגעץ אין א ווינקעל פון זיין „איך" און פון דאָרט ארויס, מיט דינע גיפטיגע צינגלאך גענישטערט אין זיין בלוט און געזויגען אָהן זיין וויסען אפילו. און וואָס ער האָט ניט געטאָן און מיט וואָס ער האָט זיך ניט פארנומען, די שלאנג אין דעם פארבאָרגענעם ווינקעל פון זיין איך האָט זיך געטאָן איר'ס — גענישטערט מיט די דינע גיפטיגע צינגלאך אין זיין בלוט און געזויגען..

און אבא האָט זיך ניט געווערט, ווייל ער האָט געפיהלט, אז אזוי מוז דאָס זיין.

אבא האָט אפילו ניט געוואוסט ווארום דאָס שרעקליכע געשעהעניש האָט איבער דעם גראָדען גאנג פון זיין ביז איצטיגען לעבען, ער האָט נאָר געפיהלט, אז א גרויס און אומגעוויטיג אומרעכט, וואָס האָט ניט געדארפט געטאָן ווערען, איז געטאָן געוואָרען צו אים. און אן אומקלאָרען פארלאנג האָט ער געהאט צו דערגרייכען מיט'ן פארשטאנד דעם שולדיגען און פרעגען: — פארוואָס? — פארוואָס? צוליב וואָס? —

און ווייל דאָס איז געווען אוממעגליך צו דערגרייכען איז ער גע-

שטאנען ביים שארפען ברעג פון אפגרונט און געוואַרט, אז עמיצענס א האנט זאָל אים א שטויס טאָן..

אבא האָט עפּעס געטאָן אן ארבייט אין קראָם און זייענדיג אליין מיט זיך — געטראַכט: — ווען דאָס זאָל ניט געווען געשעהן! — — — און עפּעס אין אים האָט קאַלט און בייז געענטפערט: — עס איז אָבער יאָ געשעהן...

און ער האָט שטיל און רעזיגנירענדיג אין זיך אריינגעזאָגט:

— פארפאַלען! — — —

אבא האָט געטראַכט: ווער איז שולדיג? — — און עפּעס האָט געענטפערט ביי אים אין הארצען קאַלט און רוהיג: — קיינער איז ניט שולדיג — און אין א רגע ארום צוגעגעבען: — און אלע זענען שול־דיג — —

און אבא האָט געהערט ווי עס טריפען איינציגע טראָפּען בלוט פון זיין הארצען, ערגעץ אין א טיפען אַפּגרונט אריין..

אבא האָט געטראַכט: פאר וואָס? צוליעב וואָס איז דאָס געטאָן געוואָרען? וועמען איז דאָס נויטיג געווען?

און עפּעס האָט שטיל און רוהיג אין אים געענטפערט:

— קיינעם איז דאָס ניט נויטיג — און פאר גאָר ניט איז דאָס געטאָן געוואָרען —

און די שלאַנג מיט די גיפטיגע צינגלאך האָט זיך א דורשטיגע געניש־טערט אין בלוט פון זיין הארצען..

דרייצענטער קאַפּיטעל

ישראל ווינער האָט אויסגענוצט א געלעגענהייט ווען קיינער איז אין קראָם ניט געווען, און אונטערוואַרטעט פאר אבא'ן, א זאָג געטאָן ניט קוקענדיג צו אבא'ן: — דו וואָלסט געדאַרפט זעהן עפּעס טאָן אויסצוגעפינען וואָס עס הערט זיך ביי דיר אין דער היים — —

אבא האָט פּלוצים דערפיהלט, אז עפּעס האָט א פאַל געטאָן ביי אים אין הארצען, ער האָט לייכט א ציה געטאָן מיט די אקסלען און כמעט אָהן א קול געזאָגט: — ווי אזוי קאָן מען אויסגעפינען?

ווינער האָט כמעט ברוגז'לאך געענטפערט: — מען קאָן אויסגעפינען, אז מען וויל — אנדערע געפינען אויס...

אבא האָט דערפיהלט, אז די לעצטע מינוט איז געקומען און ער האָט אינסטינקטיוו זיך א וואָרף געטאָן צום לעצטען געוואַגטען מיטעל, ווי איינער וואָס כאַפּט זיך אָן אָן א גרעזיל ניט צו פאַלען אין אָפּגרונט אריין. — ער האָט ראש געטאָן א געה צו צו ווינער'ן און שטעהענדיג נאָהענט פּנים צו פּנים מיט אים האָט ער מיט א צוקרימטען פּנים א זאָג געטאָן: — מחותן, איר ווייסט עפּעס פון דער היים!... זיין פּנים איז מיט אמאָל געוואָרען געל־ווייס, און ער האָט זיך לייכט א וויג געטאָן און אום ניט צו פאַלען האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן אָן ווינער'ס הענט. ווינער איז צעטומעלט געוואָרען, זיך דערשראָקען פאר אבא'ס אויסזעהן און חרטה געקראָגען...

ער האָט זיך גענומען שווערען: „ווי קאָן איך וויסען, נאַריש קינד וואָס דו ביזט." ער האָט אים אוועקגעזעצט אויף א בענקעל לעבען קאָנטאָר. און זיך פּלאָנטערענדיג אין די אייגענע רייד געמורמעלט: „וואָס פאַלט דיר איין נאַריש קינד וואָס דו ביזט", „וואָס קומט דיר אויפ'ן זינען וואָס?"... אבא האָט פּלוצים שטיל, זעהר, זעהר שטיל אָנגעהויבען צו וויינען און דאָס איז ניט געווען קיין געוויין פון פארצווייפלונג נאָר א שטילער געוויין פון איינעם וואָס האָט אין א שרעקליכען אויגענבליק אריבערגעשפּרונגען אריבער דעם טויט און ווידער געבליבען לעבען.

ישראל ווינער, גערירט פון אבא׳ס געוויין האט געטראכט: וואס וועט שוין זיין, אז ער וועט אויסגעפינען? און זייענדיג א רוהיגער געמיטליכער מענש האט ער זיך געשראקען פאר יענעם מאמענט..

אז ווינער האט דערצעהלט אין דער היים פון דעם געשעהענעם האט זיך אסתר א שטעל געטאן א בייזע און א שטרענגע: — האסט אים גע־דארפט זאגען...

ווינער האט געמאכט א רעזיגנירענדע באוועגונג מיט די הענט. ניט איך, זאל ער דאס פון עמיצען אנדערש אויסגעפינען. דו האסט געדארפט זעהן זיין פנים וואלסטו אנדערש גערעדט.

חוה לאה האט א זיפץ געטאן און אסתר האט מער גארניט זאגענדיג א טראכט געטאן: „איך וועל אים זאגען"...

אבא האט געפיהלט און דייטליך געלייענט אויף אסתר׳ס פנים איר באשלוס און ווי א פלינקע חיה, וועלכע פיהלט דעם קרייז פון יעגער זיך שליסענדיג ענגער ארום אים אזוי האט אבא זיך געדרעהט פלינק און פארצווייפעלט אויסצומיידען אסתר׳ס באשלוס. אמאל מיט א שפאס אמאל מיט דעם אמת׳ען אויסדרוק פון פארצווייפלונג אויפ׳ן פנים, אמאל מיט א קאלטקייט און פרעמדקייט כמעט שנאות׳דיגע באנעמונג איז אים געלונגען אפצושטויסען פון איין טאג צום צווייטען דעם לעצטען קלאפ, וואס אסתר האט געגרייט פאר אים און געווען ברוגז אויף זיך און אויף אים נאך מער ווארום זי האט ניט דעם מוט דאס צו טאן.

פערצענטער קאפיטעל

אבא איז געזעסען אין ווינ־שטול איינער אליין אין הויז, די צונויפ־געקנוילטע שלאנג האט געגישטערט מיט די שארפע גיפטיגע צינגלאך אין זיין בלוט, און אום צו אנטלויפען פון דעם שלאנגען קנויל האט ער זיך אוועקגעטראגען אויף א פייערדיגען פערד צו דעם קעניג'ס פאלאץ פון א ווייטען לאנד...

די וועכטער ארום פאלאץ האבען ניט געוואגט צו פארשטעלען דעם וועג פאר דעם פייערדיגען רייטער. אין טויטשרעק איז דער קעניג גע־לעגען אין זיין גאלדענעם בעט ניט ארונטערנעמענדיג די צעשראקענע אויגען פון דער געשטאלט אויף דעם פייערדיגען פערד.

די געשטאלט האט אין א פיינליך ווייטאגדיגען פראגעצייכען זיך איבערגעבויגען איבער'ן בעט:

פאר וואס? — — צוליעב וואס?...

דער קעניג האט זיך אין טויטשרעק א דרעה געטאן אין בעט און עס איז ניט געווען מער קיין קעניג נאר א גרינ־גאלדיגע שלאנג האט זיך געוויקעלט און געדרעהט אין דעם גאלדענעם בעט. אבא האט צוגעמאכט די פיינליך פרעגענדיגע אויגען און א פיר געטאן מיט'ן פייערדיגען שווערד... און צוויי האלבע שלאנגען האבען זיך גענומען ווארפען און דרעהען פאר אבא'ס אויגען און א דינער רויטער שטראם האט זיך א ציה געטאן אונטער די טריט פון דעם פייערדיגען פערד און נאך דעם צייכען פון דעם רויטען שנור האט זיך דאס פייערדיגע פערד געטראגען פון לאנד צו לאנד, פון קעניג צו קעניג, נאר די רייטענדיגע געשטאלט האט זיך מעהר און מעהר געבויגען אין א פיינליך ווייטאגדיגען פראגע־צייכען:

— פארוואס? צוליעב וואס?.. פארוואס?.. צוליעב וואס?..
און קיינער האט ניט געענטפערט...

אבא האט זיך געטראגען אויף זיין פייערדיגען פערד איבער אומ־

ענדליכע וויסטע און חרוב'ע שטרעקען ,איבער טויטע און פארוואונדעטע מענשען, פערד און הינט צונויפגעווארפען מיט דעם בראכווארג פון האָלץ, שטאָל, אייזען און בליי, ביז ער האָט אָנגעיאָגט אומצעליגע מחנות פון יענע פארשאָלטענע באשעפענישען, וגעהענדיג מיט גרויע פארשאָלטענע טריט אָהן זין אָהן ציעל, צעטרעטענדיג און פארוויסטענדיג אלעס אונטער זייערע פארשאָלטענע טריט.. דער פייערדיגער רייטער האָט זיי פאר־שטעלט דעם וועג מיט זיין פייערדיגען שווערד, זענען ריי נאָך ריי גע־פאלען אונטער דעם פייערדיגען שארף פון זיין שווערד און ריי נאָך ריי זענען זיי געקומען און טרעטענדיג מיט זייערע גרויע פארשאָלטענע טריט אויף טויטע און פארוואונדעטע זענען זיי ווי בלינדע און פארשאָלטענע געגאנגען צום שארף פון פייערדיגען שווערד. אבא האָט אין פארצווייפ־לונג געפאָכט מיט דעם פייערדיגען שווערד רעכטס און לינקס און די גרויע פארשאָלטענע מחנות זענען געגאנגען אויף אים מיט באיאָנעטען און שפיזען, מיט ביקסען און שווערדען. רייען זענען געפאלען און רייען זענען געקומען. און די צונויפגעפלאָנטערטע בערג פון מענשען, פערד, בוימער, הארמאטען און ביקסען זענען געוואקסען העכער און העכער און די גרויע מחנות האָבען געקלעטערט איבער די טויטע בערג און געגאנ־גען, געגאנגען.. געגאנגען צום שארף פון פייערדיגען שווערד...

אבא האָט אוועקגעוואָרפען דעם שווערד און א פייערדיגער א געט־ליכער האָט ער אין גרוים רחמנות אויסגעשפרייט צוויי פייערדיגע פליג־לען איבער די קעפ פון די גרויע פארשאָלטענע מחנות און מיט געטליכען כח און וואונדער, מיט באפעהל און געבעט האָט ער זיי פארשטעלט דעם וועג צום טויט און צעשטערונג און די גרויע פארשאָלטענע מחנות זענען מיט אמאָל שטעהן געבליבען און צום ערשטען מאָל געעפענט זייערע בלינדע אויגען און פארוואונדערט אָנגעקוקט איינער דעם אנדערען.. און ארונטערגעלאָזט די קעפ אין גרוים שאנד און א גרוים געוויין האָט אויס־געבראָכען און פארהילכט די פעלדער פון טויט און צעשטערונג. און אבא איז געשטאַנען אויפ'ן העכסטען בארג פון טויטע און פארוואונדעטע און פאר זיין בליק האָט זיך געשפרייט די חרוב'ע שטאָט ברעסלין און אויף דעם פלאץ וואו עס איז אמאָל געווען זייער הויז זענען געשטאנען דריי מיט בלוט באפלעקטע מצבות און אבא האָט אין זיין פייערדיגען גרוים און געטליכקייט אויסגעשפרייט די פייערדיגע פליגלען איבער די

דריי מצבות און א דינע שארפע קעלט האט דורכגעשניטען זיין לייב און ער האט אין גרויס אומבאהאלפענקייט דערפיהלט, אז ער וועט קיינמאל, קיינמאל, קיינמאל ניט קענען מאכען, אז דאס וואס איז געשעהן זאל ניט האבען געשעהן — — — און אז זיין איינען לעבען וועט שוין מעהר ניט זיין דאס, וואס עס האט געזאלט זיין.

אבא האט אין איינעם פון זיינע וואכענדיגע חלומות זיך אוועק־געלאזט צו פוס צום פירער פון לאנד.

פון שטאט צו שטאט, פון דארף צו דארף איז ער געגאנגען. היגט זענען אים באפאלען און פון אים די קליידער געריסען, בויאנעס האבען געשפעט און אויף אים שטיינער געווארפען און ער איז געגאנגען שטום און בלאס מיט א ליידענדיג געזיכט און מענשען האבען אין באדויערען און מיט באוואונדערונג געצייגט אויף אים מיט די פינגער:

— ער געהט צום פירער פון דעם לאנד.. מיט צעריסענע קליידער, א בארוועסער איז ער געגאנגען דורך פעלדער און וועלדער, דורך שטעט און דערפער ביז ער איז געקומען צום פאלאץ וואו עס וואוינט דער פירער פון לאנד..

און וויל דער פירער איז געוועזן א מענש פון יושר און גוטהארציג־קייט, האט זיין דינער, — ווי נאר ער האט דערזעהן אבא'ס בלאס ליי־דענדיג געזיכט — אים גליך צוגעלאזט צום פירער און רעגירער פון לאנד.

אבא האט ניט גערעדט, נאר א בלאסער, א ליידענדער איז ער גע־שטאנען און געקוקט מיט בעטענדיגע אויגען ביז דער פירער האט אים פארשטאנען און מיט גרויס מיטגעפיהל האט דער פירער צו אים געזאגט:

— איך וויים ווי גרויס עס זענען דיינע ליידען און די ליידען פון דיין פאלק, נאר איך אליין בין בלויז א מענשען קינד און אליין בין איך אויך ניט מער ווי א שפילבעל אין דער מיט פון גרויסען פלאנטער...

אבא האט זיך שטיל ארונטערגעלאזט אויף די קני און כמעט אהן א קול ארויסגערעדט: „העלף אונז"... און שטיל אנגעפאנגען צו וויי־נען... און דער פירער איז געשטאנען א שולדיגער און אומבאהאלפענער און שטיל געמורמעלט: וואס קען איך העלפען? וואס קען איך העלפען? איך אליין טו וואס פאר מיר איז פון פאראוים באשטימט צו טאן, ניט וואס איך וויל טאן... און דער גרויסער פלאנטער פלאנטערט זיך אזוי

פאר דורות און דורות און אייער גורל איז צו ליידען זיך פלאָנטערענדיג אין דעם גרויסען פלאָנטער...

אבא האָט שטיל געזאָגט: דו ביזט דער פירער פון א גרויס לאנד... געה ארויס אין די גאסען און שריי, אז א גרויס אומרעכט ווערט געטאָן צו א פאָלק און אלע ווייסען און זעהען און שווייגען... און קעניגע רייי־דען פון יושר און רעכט און מענשען פארלאָזען ווייב און קינד און געהען שטארבען אין דעם נאָמען פון אָט דעם יושר און רעכט... און דאָרטען פייניגט מען צו שאנד און טויט אומבאהאָלפענע קינדער, פרויען און טאטעס...

דער פירער האָט געצויגען מיט די אקסלען. אבא האָט זיך שטיל און ליידענדיג געבעטען: — האָסט אליין טעכטער... ווי אז מאָרגען זאָל מען צו דיר אין הויז קומען און דיינע טעכטער פייניגען צו שאנד און טויט פאר דיינע אויגען.. און דיך אליין... דו ביזט דער פירער פון א גרויס לאנד, געה ארויס אין די גאסען און שריי, און נעם דיך אָן פאר די שוואכע און אומבאהאָלפענע, ווייל מענשען זאָגען, אז דו ביזט א מענש פון יושר און גוטהארציגקייט. דער פירער האָט געצויגען מיט די אקסלען און שטיל געמורמעלט: מען קאָן ניט ארויסגעהן אין די גאסען און שרייען. ווייל דאָס וועט ווינציג נוצען ברענגען... און אלעס איז אזוי צונויפ־געפלאָנטערט אין איין גרויסען פלאָנטער, אז איינער קאָן בלויז טאָן וואָס אים איז באשטימט פון צופאל צו טאָן און ניט דאָס אוממעגליכע... מיר טוט וועה דאָס הארץ פאר דיר און די דייניגע. געה אהיים און אויב איך וועל קענען וועל איך העלפען...

אבא איז א פארשעמטער, א פארלוירענער און אומבאהאָלפענער ארויס פון פירער'ס פאלאץ.... אזוי האָט אבא גע'חלומ'ט אין איינעם פון זיינע וואַכעדיגע חלומות זיצענדיג אין ווינקעל און זיך צוהערענדיג, ווי די גיפטיגע שלאנג נישטערט מיט די גיפטיגע צינגלעך אין בלוט פון זיין הארצען...

פופצענטער קאַפּיטעל

אין אָוונט, ערב דעם אידישען רעליעף טאָג, איז יחיאל געקומען צו די וויינערס מיט א העל בלוי געפּארבטער צדקה פּושקע און אן אָרעם־באנד מיט א מגן דוד מיט׳ן אויפשריפט וואָלונטיר. אז ער האָט דער־הערט, אז אסתר מיט אבא׳ן האָבען זיך נאָך ניט פארשריבען איז ער גע־וועזן אויסער זיך. אבא איז ניט געווען און אסתר האָט געפּיהלט א גרויס פארדרוס צו אים ווארום ער האָט איר ביז איצט ניט גערופען זיך פאר־שרייבען. יחיאל האָט געזעהן, אז אסתר פיהלט זיך שולדיג און דארום זיך נאָך מער צעלאָזט: ער גלויבט קוים אויב זיי וועלען שוין איצט קריי־גען א פּלאַץ.. די בעסטע פּלעצער זענען שוין צענומען... ער אליין האָט זעהר א גוט פּלאַץ, ער וועט שטעהן ביים גרענד סענטראל.. און די ווייסע קאָפּ טיכלעך מיט די רויטע מגן דוד׳ס האָט מען שוין מסתמא אויך צע־נומען.. עפּעס א קלייניגקייט? ווער ווארט עס ביז דער לעצטער רגע?... בעסער זאָל זי שוין צוגעהן. אויב זי וויל וועט ער געהן מיט איר וועט ער איר אפשר נאָך קענען קריגען א גוט פּלאַץ... אסתר האָט ניט געהאט קיין געדולד צו ווארטען אויף אבא׳ן און כאַפּענדיג הוט און מאַנטעל איז זי אוועק מיט יחיאל׳ן זיך פארשרייבען.

אבא איז אהיים געקומען שפּעט אין אָוונט. אלע זענען שוין גע־שלאָפען, בלויז אסתר איז געזעסען און געווארט אויף אים.

זי האָט מיט א געמאכטער רוהיגקייט — מיט אלע כחות צוריק־האַלטענדיג איר פארדרוס — געפרעגט: האָסט דיך פארשריבען צו וואָ־לונטירען פאר מאָרגען? אבא האָט געהערט דעם פארדרוס אין איר קול, זיך פארלוירען און א שולדיגער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין...

ביי אסתר׳ן האָבען זיך אָנגעצונדען די אויגען. — עס שטעהט דיר ניט אָן? —

אבא האָט אויף איר א קוק געטאָן קאלט און שנאה׳דיג. אסתר האָט צום ערשטען מאָל געזעהן אבא׳ן אזוי קוקען אויף איר, האָט זי א צעטר־

מעלטע געזאָגט אָנצייגענדיג אויף א צדקה פושקע מיט אַ אָרעם באַנד אויפ'ן טיש — איך האָב דיך פארשריבען. דו וועסט שטעהן ביים גלאָוב טעאטער. אבא האָט קאלט און שטרענג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין, קאַלט און אנטשלאָסען געזאָגט: איך וועל ניט געהן!.. און זיך ניט אומקוקענדיג אויף אסתר'ן שנעל אריין צו זיך אין צימער.

אבא איז ניט געשלאָפען די נאכט. ער האָט געוואוסט, אז אסתר ליגט אין בעט און וויינט און אים האָט ניט געארט פאר אסתר'ן. א בלאַסער מיט פארביסענע ליפען איז ער געלעגען מיט אָפענע אויגען אין פינסטערען צימער, געהערט ווי דער ווינט פאטשט דעם קאלטען נאסען שניי אין די שויבען און עפעס איז ביי אים אויסגעקומען, אז ערגעץ אין דער נאכט שטעהט אַן אָפענער קבר און דער שניי פאלט און פאלט איבער דעם אָפענעם קבר, וויל אים פארשיטען, נאָר דער ווינט כאפט אויף דעם שניי און פאטשט מיט אים אין די פינסטערע שויבען אריין..

אבא האָט זיך געדרעהט פון זייט אויף זייט און יעדען מאָל ווען ער האָט צוגעמאכט די אויגען האָט ער דערזעהן פאר זיך מחנות פרויען מיט ווייסע טיכער מיט רויטע מגן דוד'ס אויף די קעפ און מחנות יונגע בחורים מיט קאָלירטע בענדער ארום די אָרעמס זענען געגאנגען צעשפרייט איבער פארשנייטע בית עלמין'ס און געקלונגען מיט בלעכערנע צדקה פושקעס... און ער אליין איז געלעגען אין אַן אָפענעם קבר צוגעדעקט מיט שניי און די יונגע מענער און פרויען האָבען געטראָטען איבער אים און געקלונגען מיט די בלעכענע צדקה פושקעס... און אין די אויערען ביי אים האָט געקלונגען: צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!... און עמיצער האָט אזוי שטיל... אזוי הארצעדיג געוויינט...

אסתר איז אויפגעשטאנען גאנץ פרי, אויף שנעל אָפגעגעסען, זיך אויסגעפוצט אין ווייסען טוך מיט'ן רויטען מגן דוד, ארומגענומען דעם קאָלירטען באַנד „וואָלונטיר" ארום אָרעם און זעהענדיג אין שפיגעל, ווי שיין עס פאסט איר איז זי ארייננגעגאנגען צו אבא'ן אין צימער בלומר'שט זוכענדיג עפעס אין קליידער שאפע.

אבא איז געלעגען א בלאסער מיט אָפענע אויגען, וועלכע האָבען עדות געזאָגט אויף א שלאָפלאָזער נאכט.

דערזעהענדיג אסתר'ן אין איר חנ'עוודיגען שלייער האָט ער גערירט

א שמייכעל געטאָן, און דאָס האָט זיין בלאַסען מידען פּנים צוגעגעבען נאָך א מעהר רחמנות'דיגען אויסזעהן.

אסתר האָט זיך דערשראָקען פאר אבא'ס ליידענדיג פּנים און כאָטש זי האָט באשלאָסען ניט צו ריידען מיט אבא'ן האָט זי זיך אין דער רגע דערפיהלט שולדיג געגען אבא'ן, צושרייבענדיג צו זיך די אורזאכע פון זיין ליידענדיג פּנים. א געריהרטע ביז טרערען איז זי צוגעלאָפען צום בעט, זיך אראָפּגעלאָזט אויף די קני און נעמענדיג זיין קאָפּ איןביידע הענט אים הארצעדיג געקושט. אבא האָט מיט א קרענקליכען שמייכעל אויף די ליפּען זיך געלאָזט קושען און אסתר אין איר ווייסען טוך מיט'ן רויטען מגן דוד אויפ'ן שטערן האָט אויסגעזעהן ווי א בארעמהערציגע שוועסטער, וועלכע קניט ביים בעט פון א קראַנקען.

אבא'ן איז מיט אמאָל געוואָרען אזוי גוט אויפ'ן הארצען, און דער פארביסענער אומעט און פארדרוס האָט זיך ווי קאַלטער ווייסער שניי געשמאָלצען אונטער אסתר'ס ווארימע הענט און נאָך ווארימערע ליפּען.

אסתר האָט מיט א פעסטשענדיגער שטימע געצערטעלט אבא'ן: —

וואָס איז דיר אבא'לע ? האָב מיך פיינט אבא'לע, איך בין א שלעכטע...

אבא האָט קרענקליך געשמייכעלט און נעמענדיג אירע הענט אין זיינע שטיל און דירענדיג געזאָגט :

— אסתר — ווען איך זאָל קענען אזוי אין דער רגע אויסגעהן אין דיינע הענט ! — — זיינע ליפּען האָבען זיך צעקרימט און צוויי שנירלעך טרערען האָבען זיך א גאָס געטאָן פון זיינע אויגען. ער האָט שנעל באַהאַלטען דעם קאָפּ אין קישען און שטיל געוויינט.

אסתר, א פארלוירענע, א געריהרטע און א שולדיגע האָט ארומגע־כאַפּט זיין קאָפּ און אליין אויך וויינענדיג זיך געבעטען : אבא'לע... אבא'לע איך בין א שלעכטע, האָב מיך פיינט... האָב מיך פיינט... אבא האָט דרעהענדיג דעם קאָפּ אויף ניין, געשמייכעלט דורך פארטרערטע אויגען און אומגעריכט פאר זיך אליין געזאָגט : וואַרט אסתר'קע, איך וועל געהן מיט דיר. און איר קושענדיג אויפ'ן שטערן האָט ער שטיל כמעט פרום א זאָג געטאָן : בארמהערציגע שוועסטער מיינע... און שנעל אוועקגעדרעהט דעם קאָפּ.

אסתר האָט א גליקליכע געוואָרט אויף אבא'ן.

אבא איז געגאַנגען מיט אסתר׳ן איבער די שנייאיגע גאַסען, וואו זיי האָבען אויף שריט און טריט באַגעגענט יונגע און עלטערע מענער און פרויען וואָלונטירען. א נאסער שוועדער שניי איז געפאַלען אויף די קעפּ פון די טויזענטער פאַרבייגעהער און באַטש עס זענען געווען מער פאַר־בייגעהער ווי וואָלונטירען האָט זיך דאָך אויסגעוויזען אבא׳ן, אז אלע מענשען אין די גאסען זענען וואָלונטירען... און עס איז עפּעס אויס־געקומען ביי אים, אז היינט איז א גרויסער אידישער יום הדין און ווי אמאָל יום כפור אזוי אויך איצט ווערט דאָס גוי׳שע און פרעמדע בטול אין דעם גרויסען אידישען יום הדין און עס זעהט אויס ניט בלויז א אי־דישער נאָר דער גאַנצער וועלט׳ס יום הדין, און אז ניט בלויז דאָ נאָר אויף דער גאַנצער וועלט געהען איצט ארום אידישע זיהן און טעכטער מיט פּושקעס אין די הענט און וועקען די הערצער פון די מענשען צו צדקה און רחמנות. צדקה און רחמנות ניט בלויז צו זיך אליין נאָר צו דער גאַנצער וועלט...

און די גוי׳שע וועלט זעהט היינט אויך אויס עפּעס אנדערש, ניט אזוי שלעכט און אומבאַרמהערציג, ווי דער אפשיין פון דעם העכסט אידישען רחמים וואָלט געפאַלען אויף זייערע קעפּ און געמאַכט ווייכער זייערע הערצער...

אבא האָט צוגעפירט אסתר׳ן צו איר פּלאַץ און איז אליין אוועקגעגאַנ־גען צום טעאַטער וואו ס׳איז געווען פאַר אים באשטימט, און דאָרט איז ער געשטאַנען א גאַנצען טאָג מיט דער פּושקע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט מיט א שטילען טיפען אומעט אין הארצען, ווי איינער וואָס האָט אליין גענומען אויף זיך א גרויסען נדר. אים האָט זיך געדוכט, אז אלע וועלען פון דעם גרויסען יום הדין ארויס געלייטערטע און אויפגעריכטע, בלויז זיין אייגענער גזר איז שוין באשטימט און וועט שוין קיינמאָל ניט געענדערט ווערען, און א פאַראורטיילטער, א פאַרלוירענער, שטעהט ער דאָ אין דעם גרויסען יום הדין און בעט צו גאָט און צו מענשען דער גרוי־סער גזר זאָל בטול ווערען. ניט זיין גזר נאָר דער גזר פון אלע אנדערע מענשען, ווייל זיין גזר איז שוין אויסגעפירט געוואָרען און ער אליין איז שוין אומפאַרמיידליך פאַראורטיילט..

אבא איז געשטאַנען א דורכגעפרוירענער, א צעבראָכענער מיט א שווערען קאָפּ און געשטרעקט די האַנט מיט דער פּושקע צו די זיך איי־

לענדיגע פארבייגעהער, האט עמיצער זיך אפגעשטעלט און אריינגעווארפען עפעס אין פושקע האט ער מיט א שעמעוודיג ליידענדיג געזיכט געדאנקט. אנדערע האבען באליידיגט און גארניט געגעבען, דאן האט זיך אבא געפיהלט ווי א בעטלער, וואס שטרעקט אויס די האנט נאך נדבות, ניט קיין געוויינליכער בעטלער נאר א שטאלצער יורד, וואס האט אלעס פארלוירען, און ניט האבענדיג קיין מוט און כח אין גאנצען אונטערצוגעהן שטעהט ער אין גאס און בעט נדבות..

שפעט אין אווענט האט ער אוועקגעטראגען די פושקע אין וואלונטיר אפיס. דארט איז געווען טומעלדיג אין ווארים. ביי לאנגע גרויסע טישען זענען געזעסען א סך מענער און פרויען, שנעל און גייציג געעפענט די בלעכענע פושקעס און צעשיטענדיג די מטבעות איבער די גרויסע טישען, זיי געצעהלט... אבא'ן האט א בליץ געטאן פאר די אויגען די הויפענס מטבעות צעווארפען אויף די טישען און זעהענדיג ווי פארטיפט די מענשען זיצען און צעהלען איז א לייכטע קעלט אדורך זיינע גלידער... ער האט געטראכט: א גרוים בעטלער געשעפט... ער האט איבערגעלאזט די פושקע און ארוים פון אפיס. געהענדיג אהיים האט זיך אים ווידער געדוכט, אז ערגעץ ווייט אין דער נאכט שטעהט אן אפענער קבר און דער שניי פאלט און פאלט און קען אים ניט פארשיטען. און ער איז אזוי מיד... אזוי מיד... און ער געהט דורך שניי און נאכט זיך אוועקלעגען אין אפענעם קבר און דער שניי וועט פאלען, פאלען, פאלען אויף אים און אים צודעקען אויף אייביג און אייביג...

זעכצענטער קאַפּיטעל

משה ליב בעל העגלה איז זיך געקומען געזעגענען. ער פֿאָרט אַהיים אויפֿצוזוכן זיין נעבע׳ן מיט די קינדער. עס איז געווען שבת ביי׳טאָג, חוה לאה איז געווען אין אייזענקראַם, אסתר האָט גענעהט ביי דער מאַשין א בלוזע צום וואָלונטירען באַל, וואָס האָט געדאַרפֿט זיין דעמזעלבען אָוועגט און אבא האָט געגעסען מיטאָג.

אבא האָט זיך געפֿיהלט נישטיג און קליין און אָנווועזענהייט פֿון דעם גרויסען פֿאַרגרעבטען אידען, וועלכער פֿאָרט אין געפֿאַר אויף סכנות נפֿשות אויפֿזוכען זיינע נאָהענטע.

משה ליב האָט גערעדט מיט זיין געזעצטען בעל העגל׳שען קול:

„אויב זיי לעבען וועל איך זיי געפֿינען, און אויב זיי לעבען ניט וועל איך שוין וויסען וואָס איך האָב צו טאָן, און כאָטש אבא האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס משה ליב האָט געמיינט מיט זיין „וועל איך שוין וויסען וואָס איך האָב צו טאָן” האָט ער אים דאָך מקנא געווען פֿאַר זיין פֿיזישער גרויס און בעל העגל׳שען כח. אים האָט זיך מיט אַמאָל פֿאַרוואָלט צוגעהן צו דעם גרויסען געזונטען אידען און ווי א קינד זיך אוועקזעצען ביי אים אויף די קני, זיך טוליען צו אים און זיך קלאָגען און זיך בעטען ער זאָל זיך אָננעמען פֿאַר אים..

ער האָט פּלוצים א זאָג געטאָן: נעמט מיך מיט ר׳ משה ליב. אין זיין שטים איז געווען אזוי פֿיעל אויפֿריכטיגער געבעט, אז אסתר האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ פֿון מאַשין און אים פֿאַרוואונדערט אָנגעקוקט...

משה ליב האָט זיך געזעגענט מיט אסתר׳ן, דערנאָך האָט ער גענומען אבא׳ס האנט אין זיינע גרויסע געזונטע הענט און מיט געפֿיהל און קראַפֿט געזאָגט אים הריקענדיג די האנט: זיי געזונט אבא. אבא האָט דערפֿיהלט, אז עפּעס האָט א שפּרונג געטאָן צו אים אין האלז אריין, ער האָט זיך דערשראָקען פֿאַר עפּעס און ניט אָפּלאָזענדיג משה ליב׳ס הענט האָט ער כמעט אָהן א קול מיט צעשראָקענע אויגען ארויסגעקרעכצט ר׳ מ ש ה ל י ב! א פֿאַל געטאָן מיט׳ן קאָפּ צו משה ליב׳ס ברייטען געזונטען האר־

צען און זיך צעוויינט שטיל ווי אַ קינד און וויינענדיג געקומען צו זיך און שטיל געזאָגט: ווער וויים צו זיי לעבען נאָך דאָרט... משה ליב האָט אים באַרוהיגט און אסתר האָט געטראַכט: ער שטויסט זיך אָן, איך וועל אים זאָגען, און זי האָט דערביי גלייך דערפיהלט אַ מאָדנע קעלט אונטער'ן האַרצען און אין די שפּיץ פינגער...

אסתר האָט אַ נערוועזע און אומרוהיגע געניית, און אבאַ האָט זיך ראַש געוויעגט אין וויגשטוהל. פאַר זיינע אויגען זענען קיינמאָל נישט אַזוי בולט פאַרבייגעגאַנגען די געשטאַלטען פון זיין שוועסטער און טאַטע מאַמע. נאָהענט צו זיין פנים האָבען זיי זיך באַוועגט אין גרויס אומרוה און שרעק. און פון זייערע ראַשע און שרעקעדיגע באַוועגונגען האָט ביי אבאַ'ן געקיהלט דאָס בלוט אין די אָדערען. אין זיינע אויערען האָבען אָהן אויפהער געקלונגען צעשראָקענע אויסגעשרייען און פון ערגעץ ווייט האָבען זיך דערנעהענטערט גראָבע סאָלדאַטסקע קולות און שימפעריען. פאַר זיינע אויגען האָבען זיך געפּלאָנטערט ליבע נאָהענטע געשטאַלטען, געשלעפּט און געריסען פון גראָבע סאָלדאַטסקע הענט, פון ערגעץ האָט זיך אָנגעטראָגען משה ליב'ס גרויסע און שווערע פיגור זיך וויגענדיג מיט ביידע עלענבויגענס פון זייט אויף זייט. — אבאַ האָט ניט געזעהן, ווי אסתר איז אויפגעשטאַנען פון איר פּלאַץ און צוגעגאַנגען נאָהענט צו אים. נאָר ווען ער האָט דערהערט איר ציטערדיגען „אבאַ" האָט ער זיך ראַש געטאָן אַ שטעל אויף גלייך איר אין פנים אַריין. אסתר, אַ צעטומעלטע, אַ צעשראָקענע, האָט זיך גע־פּלאָנטערט אין די אייגענע ווערטער: אבאַ. דיין טאַטע — — אין דער היים ביי דיר האָט אַן אומגליק — — — אַלע דיינע — — זי האָט ניט געענדיגט, און עס האָט פּאַסירט אַזוי שנעל, אַז זי האָט קיין צייט ניט געהאַט אַ געשריי צו טאָן. ער האָט זי פעסט געהאַלטען ביי ביידע אָרעמס, בויגענדיג זי אויף צוריק, אַליין איבער איר זיך בויגענדיג מיט ווילדע ברענענדיגע אויגען — זי איז מער ניט געווען אסתר און ער איז מער ניט געווען אבאַ. אַ ווילדער פויערשער סאָלדאַט איז ער געווען און זי אַן אומבאַהאָלפענע אידישע מיידעל. זיין פנים נאָהענט צו אירען, האָט ער בייז און ווילד געשיפּעט איין סאָלדאַטסקען שימפּסוואָרט נאָכ'ן צווייטען גלייך אסתר'ן אין דעם פון שרעק צעקרומטען פנים אַריין. אסתר האָט אַ פאַל געטאָן אויף די קני אַרויסלאָזענדיג אַ לייכט פאַרשטיקטען

„אוי". — אבא האָט ווילד א ריס געטאָן די בלוזע פון איר און מיט פאַר־דריקטע ציין ארויסגעשיפּעט: „בל־י־אַ־ד". אסתר האָט א פאַל געטאָן מיט'ן פּנים צו זיינע פיס און מורא האָבענדיג צו שרייען האָט זי כמעט אָהן א קול ארויסגעקרעכצט „אַ־באַ־ניו". אבא איז פלוצים שטעהן געבליבען מיט אויפגעשפּיצטע אויערען. ווער האָט עס גערופען? און וואו? ערגעץ ווייט ווייט האָט א געפּייניגט קול גערופען צו אים אבוניו... זיין שוועסטער האָט גערופען אין פּיין און אין לייד אבוניו... ער האָט זיך א וואָרף געטאָן ווי עמיצער וואָלט אים א שטארקען שטויס געטאָן, זיך ארומגעקוקט, געקומען צו זיך און מיט'ן פולסטען באוואוסטזיין דערפיהלט, אז אַלעס איז אויס. די צונויפגעקנוילטע שלאַנג אין אים האָט זיך מיט גיפט און ליידענשאַפט געטאָן א וויקעל אויף אין אים און מיט די גיפטיגע פייערדיגע צינגלאַך זיך געריסען אין האלז אריין צו אים. ער האָט אליין ניט געהערט, ווי די קולות האָבען זיך געריסען פון זיין האלז. מיט ביידע הענט זיך רייסענדיג די האָר פון קאָפּ, האָט ער א צונויפגעקאָרטשעטער מיט איבערמענשליכען כח געריסען פון זיך איין גרויסען ענדלאָזען יאָמער געשריי, א יאָמער געשריי, וועלכער ווי עס האָט זיך געדוכט וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיגען. ווייל מיט טויזענטער וואָרצלען איז ער געווען איינגעפלאַנצט אין בלוט און אין פלייש ביי אים.. און צוזאמען מיט דעם בלוט און פלייש האָט זיך דער יאָמער געשריי געריסען.. — אז עס האָט אים אויסגעפעהלט אָטעם האָט ער זיך א צונויפגעקאָרטשעטער ארונטערגעלאָזט אויפ'ן דיל און ווילד און שטום אָהן אָטעם האָט ער הארט און קאלט געקלאַפּט דעם אייגענעם קאָפּ אָן הילצערנעם דיל, זיך קנייפּענדיג און רייסענדיג שטיקער פלייש פון אייגענעם לייב. און פלוצים האָט זיך אַלעס גענומען דרעהען שנעל שנעל. טויזענטער ליכט האָבען זיך ראש גענומען לעשען און א רוישענדיגע פינסטערע כוואַליע האָט זיך א גאָס געטאָן איבער אבא'ס קאָפּ און אַלעס אָפּגעשווענקט, אַלעס פארטראָגען מיט אים צוזאמען אין א גרויסען און רוישיגען שטראָם.

זיבעצנטער קאַפּיטעל

אבאַ איז געלעגען אויפ׳ן סאָפאַ מיט א פאַרבינדענעם קאָפּ, לעבען אים איז געזעסען אסתר מיט׳ן קאָפּ אין קישען און געוויינט. אבאַ האָט גע־גלעט אסתר׳ס קאָפּ און זי בארוהיגט. אליין איז אים געווען שווער אויפ׳ן הארצען, אזוי ווי דאָס אלץ וואָס האָט ניט לאנג צוריק פּאסירט וואָלט זיך צוריק צונויפגעקנוילט אין א ווינקעל פון זיין הארצען און גע־וואָרט אויף אַ צווייטער געלעגענהייט... עפּעס אין אים האָט זיך קאַלט און ציניש געררייצט מיט אים. ביזט פון דעסטוועגען נישט געשטאָרבען... דו לעבסט דאָך... און אז דו ווילסט קענסטו שמייכלען און לאכען... און גלעטען אסתר׳ס קאָפּ... דאָס אלעס איז ניט מער ווי סצענע, סצענע און ניט מער...

אסתר האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אומרוהיג א קוק געטאָן אויף אבאַ׳ן. אבאַ האָט איר קרייענקליך אקעגענגעשמייכעלט. אסתר האָט זיך בארוהיגט. אבאַ האָט געזאָגט:

— ס׳איז גאָרניט אסתר, ס׳וועט איבערגעהן... מען שטאַרבט ניט פון אזעלכע זאכען... זעהסט דאָך איך לעב...

אסתר האָט א שולדיגע געערדט מער צו זיך ווי צו אבאַ׳ן, איך זאָל בעסער געווען שטום ווערען... דער רוח האָט מיך געטראָגען.. אבאַ האָט איר פארשטעלט דעם מויל: „בעסער אזוי“... איך האָב געוואוסט איידער איר האָט געוואוסט... איך האָב שוין מער נישט געקענט אריבערטראָגען, איך וואָלט געוועז פון זינען אראָפּ.

אסתר האָט אים פארוואונדערט אָנגעקוקט — האָט געוואוסט? — — —
אבאַ האָט א שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ אויף יאָ. אסתר האָט א פּאטש גע־טאָן מיט די הענט:

— האָסט געוואוסט און...

— און איך האָב זיך געשעמט צו לעבען... איך שעם זיך איצט אויך, אסתר — — — ער האָט א כאַפּ געטאָן אסתר׳ן פארביידע הענט: אסתר, וואָס דארפסטו מיך איצט?.. איך האָב קיינעם ניט... און אליין

בין איך — — — אסתר האָט אוועקגעלעגט בײדע הענט אויף זײן מויל. רעד ניט אַזוי... רעד ניט אַזוי... אבא האָט גענומען אסתר׳ס בײדע הענט אין זײנע און ווי עס וואָלט אים פאַרשאַפט א באַזונדער פאַרגעניגען אַזוי צו רעדן האָט ער פאָרטגעזעצט: ווער בין איך איצט? — — און דו קאָנסט נעמען א שענערן און רײכערן פון מיר — — און איך שעם זיך סײ ווי צו לעבן — — בײ די לעצטע ווערטער זענען אים געקומען טרע־רען אין די אויגן. אסתר האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן און א לײדענ־דע זיך געבעטען: רעד ניט אַזוי, אבא׳לע, איך בעט דיך, רעד ניט אַזוי. און באַהאַלטענדיג דעם פּנים אין קישען האָט זי זיך אויפ׳ן קול צעוויינט..

אבא האָט געזאָגט, וואָרום ענדיגסטו ניט די בלוזע, אסתר? אסתר האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. אבא האָט קרײנקליך געשמײכעלט: ועסט געהן צום באַל. אסתר האָט געקוקט אויף אים באַלײדיגט און גע־קרײנקט.

— איך וועל אויך געהן.

— ביזט אַראָפּ פון זינען?

— נײן, איך בין ניט אַראָפּ פון זינען. צו וואָס מאַכען אָנשטעלען, לעב איך דען ניט? רעד איך דען ניט? לאַך איך דען ניט? שפּעטער מיט צוויי וואָכען יאָ, וואָרום איצט ניט? נאַרישקײטען, אַזוי איז דאָס לעבען, מען שטאַרבט ניט. און זעהענדיג ווי ערשטוינט און צעשראָקען אסתר קוקט אויף אים, האָט ער אומגעריכט פאַר זיך אַלײן זיך גענומען בעטען:

— אסתר, איך ווײס אַלײן ניט וואָס מיר איז, מיר איז אַזוי שווער אויפ׳ן האַרצען... אסתר, איך וועל משוגע ווערען, קום מיט מיר ערגעץ, העלף מיר, אסתר. אין זײנע אויגען זענען געקומען טרערען, זײן פּנים האָט זיך ווידער צעקרימט, ער האָט זיך מיט אַמאָל קאָנטראָלירט און מיט א רוהיגער שטימע איר קוקענדיג גלײך אין די אויגען געזאָגט: קום צום באַל אסתר, איך וועל פאַרגעסען, זיך באַרוהיגען, איך וועל זײן מיט דיר צוזאַמען, מיט א סך מענשען. איך וועל סײ ווי גאַרניט ענדערען, גאָרניט ענדערען. דערנאָך האָט ער צוגעגעבען — דאָס לעבען איז סײ ווי אַזוי מאָדנע, אַזוי מאָדנע...

אסתר האָט א ציה געטאָן מיט די אַקסלען און געגאַנגען צו דער מאַשין ענדיגען די בלוזע. אבא איז צוגעקומען, זיך געשטעלט הינטער איר און צופאַלענדיג מיט די ליפּען צו איר קאָפּ געקושט אירע האָר. —

אכצענטער קאַפּיטעל.

אז אבא מיט אסתר׳ן זענען אריינגעקומען אין העל באלויכטענעם טאַנץ זאַל איז שוין דער זאַל געווען פול מיט אויסגעפּוצטע יונגע מענער און פרויען. אַנפאַנגס האָט זיך אסתר געפיהלט פארלעגען, דענקענדיג, אז יעדער דערקענט אויף אירע און אבא׳ס פּנים׳ער, וואָס עס האָט היינט פּאסירט, נאָר זעהענדיג ווי פריי און ניט אָנגעצויגען אבא האָט זיך גע־גריסט מיט באקאנטע, גערעדט צו זיי און געלאכט, און זעהענדיג די אויגען פון אלע וואָס באוואונדערען איר האָט זי זיך דערפיהלט פרייער און געווען צופרידען, וואָס זי איז געקומען צום באַל.

און זי איז ווירקליך געווען צום באוואונדערען. בלאס פון די בייטאָג־דיגע געשעהענישען האָט איר פּנים אויסגעזעהן נאָך שענער, די אויגען לעבעדיגער און טיפער. אירע טונקעל ברוינע האָר זענען חנ׳עוודיגער ווי אימער געפאלען ארום איר ווייסען האלז און אינגאנצען האָט זי געהאט דעם אויסזעהן פון א אויסגעצערטעלט קינד, וואָס האָט לאַנג געוויינט ביז מען האָט עס איבערגעבעטען. אבא האָט געקוקט אויף איר מיט דערזעלבער באוואונדערונג, וואָס די פרעמדע האָבען געקוקט אויף איר, און כאָטש זיין קאָפּ איז אים געווען מאָדנע שווער, און אין הארצען האָט זיך א שווערער אומרוה געוויגט אויף און אָפּ, דאָך האָט ער געהאט דעם אויסזעהן פון א גליקליך־פארליבטען און זיין בלאסער פּנים און מי־דער בליק האָבען אים צוגעגעבען דעם חן פון א פארליבטען, וואָס איז אומבאהאָלפען אין זיין גרעניצלאָזער ליבע.

די מוזיק האָט אָנגעפאנגען שפּילען. עמיצער האָט איינגעלאדען אסתר׳ן טאנצען, זי האָט פרעגענד און פארלעגען א קוק געטאָן צו אבא׳ן, אבא האָט געשמייכעלט, און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ האָט ער גוטמוטיג געזאָגט: הלואי קאָן איך אויך טאנצען. איך האָב אזוי ליב צו זעהן ווי מען טאנצט. אסתר שוין אין יענעמס אָרעמס האָט אים צו־געוואָרפען א קוש, אבא איז געבליבען שטעהן און מיט בענקשאפט, אומעט

און באוואונדערונג נאכגעקוקט זיין שעהנע אסתר זיך וויגענדיג אין גראַ־ציעז חנ'עוודיגע באוועגונגען אין די אָרעמס פון א פרעמדען.

יחיאל'ס נארישע שטימע האט אים אויפגעוועקט פון זיין פארגאפ־טער פאזע, יענער האט זיך גאָר דערפרעהט מיט אבא'ן, אבא האט אינ־סטינקטיוו אין דער ערשטער רגע דערפיהלט א פארדרוס צו יחיאל'ן, זיך קאָנטראָלירט און מיט אמאָל געוואָרען איבערטריבען גוט צו אים. יחיאל איז געווען גליקליך, האט גערעדט אָהן אויפהער פון אלעם און פון אלעמען מיט זיין נארישער זעלבסטצופרידענער שטימע, וועלכע האט שטענדיג אויפגערעגט אבא'ן און וועלכע איז אים איצט — איין גאָט וויים פארוואָס — געפעלען געוואָרען.

יחיאל האט אָנגעבאָטען אבא'ן צו געהן אין בופעט צימער, — קומט עפּעס נעמען, דער בופעט באלאנגט צו אונז, מען דארף געבען צו לייזען... אבא האט געוואָרט ביז עס האט זיך געענדיגט די ערשטע העלפט פון טאנץ, ער האט אָפּגעזוכט אסתר'ן, זיך שנעל דורכגעגליטשט דורך די ווארטענדיגע פּאָרלעך און שנעל א זאָג געטאָן צו אסתר'ן: איך געה מיט יחיאל'ן אין בופעט־זאל, קום אריין ווען דו וועסט אָפּטאנצען.

—גוט.

— נעם מיט דיין טענצער.

— גוט.

זי האט אים ווידער געשיקט א קוש.

ער האט איר געענטפערט מיט א פארליבטען שמייכעל און נעמענדיג יחיאל'ן אונטער'ן אָרעם איז ער צום טאקט פון דעם צווייטען טייל וואלץ געגאנגען מיט יחיאל'ן אין בופעט־זאל.

יחיאל האט אונטערטעניג געפרעגט: צו א טישעל, צי צום בופעט?

— קומט צום בופעט.

און שוין שטעהענדיג ביים בופעט:

— וויין צי שנאפּס?

— וויין.

— נעמט פריהער א שנאפּס מיט צובייסען.

— זאָל זיין א שנאַפּס.

זיי האָבען גענומען צו שנאפּס, געטרונקען לחיים, און צוגעביסען.

אבא האָט געטרונקען מיט דורשט און געווען באַזונדערס צופרידען פון דעם שטאַרקען געטראַנק.

יחיאל האָט געפרעגט: אפשר נאָך אמאָל דאָס אייגענע.

— דאָס מאָל אויף מיין טאַש.

— די נאַכט איז נאָך גרויס.

— גוט.

זיי האָבען איבערגע'חזר'ט דאָס אייגענע.

אבא'ן איז געוואָרען לייכטער אויפ'ן הארצען. ער האָט פאָרגעשלאָגען: לאָמיר נעמען אביסעל וויין צו א טישעל, אסתר וועט באַלד אריינקומען מיט'ן טענצער.

זיי האָבען באַשטעלט פיר גלעזלעך וויין.

די בופעט מיידעל האָט געפרעגט: ווייסען צי רויטען?

אבא האָט געטראַכט א ווילע, געקוקט אויף ביידע גרויסע פלעשער וויין און באַשלאָסען: „רויטען“.

זיי האָבען גענומען צובייסען, יחיאל האָט אַלעם געטראָגען צום טישעל. אבא האָט זיך צעצאָהלט.

באַלד איז געקומען אסתר מיט איר טענצער און אַלע האָבען זיך פרעהליך געזעצט צום טישעל.

אסתר, פארפלאַמט פון טאַנצען, האָט מיט פארליבטע אויגען געקוקט אויף אבא'ן און געווען צופרידען וואָס זי האָט געפאָלגט אבא'ן און איז געגאַנגען צום באַל. אבא'ס באַקען האָבען זיך אויך צעפלאַמט, און ביי יעדען וואָרט און יעדער באַוועגונג זיינער האָט עפּעס אין אים הפקר'דיג געמאַכט א ציניש גרימאַסע, אָבער ער האָט אָהן אויפהער גע'חזר'ט: „א דאגה, — — צום טייפעל“.. „א דאגה — — צום טייפעל“. די צוויי גלעזלעך שנאַפּס האָבען גערייצט אין אים א פייערדיגען דורשט, ער איז נאָך קיינמאָל אויף זיין לעבען ניט געווען אזוי דורשטיג...

אַלע האָבען געטרונקען לחיים, אבא האָט דער איינציגער אויסגעליידיגט דאָס גלעזעל ביז אין דנאָ, יחיאל האָט אים נאָכגעפאָלגט, און באַרימעריש געזאָגט צו אסתר'ן: וואָרום טרינקט איר ניט? מיר האָבען שוין געהאַט א פּאָר גלעזלעך שטאַרקען. —

זי האָט א לאַבענדיגע א קוק געטאָן צו אבא'ן:

— ווערסט זיך נאָך אָנ׳שכור׳ן, — און דערביי דערזעהן אבא׳ס פלאַ־מענדיג פּנים, און ניט געוואוסט צי זיך פרעהען צי זיך באַאומרוהיגען.

זי האָט א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבער אבא׳ס קאָפּ און ווי מען רעדט צו א קינד זיך געבעטען : טרינק ניט קיין סך. —

אבא האָט גוטמוטיג נאָכגעגעבען. — איך וועל ניט טרונקען, — און א קוש געטאָן די שפּיץ פינגער פון איר האַנט. זי האָט אים א לייכטען פּאַטש געטאָן איבער דער האַנט, אלע האָבען געלאַכט.

די מוזיק אין טאַנץ זאַל האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו שפּילען. אסתר׳ס טענצער האָט זיך אומרוהיג ארומגעקוקט און ניט געהאַט דעם מוט אָנצובאָטען אסתר׳ן צו געהן מיט אים נאָכאַמאָל טאַנצען. אבא האָט דאָס באַמערקט און גוטמוטיג געזאָגט, — ווארום געהט איר ניט טאַנצען ?

דער טענצער האָט זיך דערפרעהט, זיך שנעל געטאָן א שטעל אויף און מיט א העפליכען בויג איינגעלאַדען אסתר׳ן. אסתר האָט גראַציעז א שאָקעל געטאָן מיט דער האַנט — ביי ביי, און א שטראַלענדיגע א בויגיגע פארשוואונדען אין טיר וואָס פירט צום טאַנץ־זאַל.

אבא האָט פּיעלבאַדייטענד א זאָג געטאָן צו יחיאל׳ן, — ווארט א ווײַלע, — און שנעל אַוועק צום בופעט. — צוויי טיי־גלעזער רויטען וויין. — די פרוי האָט גענומען גלעזער און גענומען אָנגיסען. אבא האָט איר אָבגעשטעלט.

— וויפיעל ווילט איר פאַר דער גאַנצער פלאַש ?

די פרוי האָט מיט א צופרידענעם שמייכעל אָפּגעמאָסטען אבא׳ן, דערנאָך דעם געבליבענעם וויין אין פלאַש און זיך לאַנג יושב׳ענדיג באַשטימט די פרייז.

— פינף דאָלאַר.

אבא האָט באַצאָהלט און מיט אומגעדולדיגע באַוועגונגען אַוועק צום טישעל מיט א גרויסער פלאַש וויין.

יחיאל, דערזעהענדיג אים, האָט ארויסגעשאָסען :

— אַ־הַ־אַ !

זיך צעלאַכט און נאָכאַמאָל אויסגעשאָסען :

— אַ־הַ־אַ !

ער האָט זיך פרעהליך א פּאטש געטאָן אין די קני,
אבא האָט נערוועז פרעהליך א זאָג געטאָן:
— אז טרונקען זאָל זיין געטרונקען! — און מיט אומגעדולדיגע באוועגונגען גענומען אָנגיסען די גלעזלאך.

נײַנצענטער קאַפּיטעל.

אבא האָט געזעהן אַז יחיאל איז שכור, זיך צעלאַכט אויפ'ן קול און דערפיהלט, אַז ער אַליין איז אויך שכור. אין קאָפּ איז אים געווען מאָדנע שווער, נאָר אויפ'ן הארצען איז אים געווען לייכט און פרעהליך. און יעדען מאָל ווען עמיצער האָט אַ עפען געטאָן די טיר פון טאַנץ־זאַל, האָט זיך אבא'ן געדוכט, אַז דאָס האָט מען אַן עפען געטאָן אַ טירעל אין זיין מח און אַ פרעהליך גערעדעריי, אויסגעמישט מיט פרעהליכע מוזיק, האָבען אַ שטראָם געטאָן אין זיין מח, און אים איז געוואָרען אזוי גוט און פרעהליך, אַז ער האָט געפיהלט ווי צו ריידען און לאַכען...

ער האָט אָנגעגאָסען די גלעזלאַך און גיסענדיג דעם וויין פון פלאַש אין די גלעזלאַך אריין זענען די אויגען ביי אים געוואָרען גרעסער און אויסגעסטאַרטשטער, ווי זיי וואָלטען זיך וועלען איינגעצען אין דעם רויטען שפּילענדיגען וויין; און אַ געפיהל האָט ער געהאַט, אזוי ווי זיין גאַנצער קערפּער, זיין הויט וואָלט אין פייער און דורשט זיך ציהען צו דער רויטער פליסיגקייט זיך באָדען אין דעם און לעשען דעם פייער און דורשט וואָס ברענט און פאַרצעהרט זיין בלוט און פלייש.

פּלוצים איז אים געוואָרען אומעטיג און ער האָט דערפיהלט אַ גרויס פאַרלאַנג צו ריידען פון הארצען ארויס און דערצעהלען פון עפּעס, וואָס נאָגט און פייניגט זיין נשמה.

ער האָט זיך געטאָן אַ בויג צו יחיאל'ן און אין אַ געהיימניספולען שכור'ן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט? איך האָב שוין קיינעם ניט... קיין טאַטען, קיין מאַמען, קיין שוועסטער... איך האָב די גאַנצע צייט געוואוסט... וואָס קען מען העלפען? אַ מענש איז אַ מענש... אזוי איז... אזוי איז דאָס לעבען. איך וועל סיי־ווי שטאַרבען — וואָס מאַכט עס אוים? וואָס איז אַ מענש?.. אַ פליג, אַ פלאָנטער... אַ פלאָנטער, אַ פליג...

יחיאל האָט שכור געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, ווי פון עפּעס זיך וואונ־דערענדיג.

פלוצים האָט אבא אָפּגעריסען דעם געשפּרעך און זיך צולאַכט, און לאַכענדיג זיך געבויגען צו יחיאל׳ן מיט א נייעם סוד:

— ווייסט? עס איז דאָך א ליגען, עס איז קיינמאָל קיין מלחמה ניט געווען. כאַ־כאַ־כאַ... דאָס האָבען צייטונגען אויסגעטראַכט... דאָס האָבען צייטונגען אויסגעטראַכט צו מאַכען געלט... אויסצוקויפען פּאַ־לעסטינא...

אבא האָט ארויפגעלעגט די האַנט יחיאל׳ן אויפ׳ן אַקסעל, געוואונקען מיט א אויג און געלאַכט.

— אַלע, די גאַנצע וועלט, אַלע מדינות זענען געקומען צו אַזא אָפּמאַך ארויסצולאָזען אַזא ליגען כדי צו מאַכען א סך געלט... אַלע ווילען שוין די אידען זאָלען קריגען פּאַלעסטינא... וויפיעל איז דער שיעור פאַר־גראַמען און אידען... פאַגראַמען און אידען... אומעדום, וואו מען געהט און וואו מען שטעהט... כאַ־כאַ־כאַ... די וועלט וועט געראַטעוועט ווערען... כאַ־כאַ־כאַ... די וועלט וועט געראַטעוועט ווערען... און דער טערק? וועמען הארט עס פאַר׳ן טערק... כאַ־כאַ־כאַ... אבי די וועלט וועט גע־ראַטעוועט ווערען...

אבא מיט יחיאל׳ן האָבען זיך געהאַלטען ארומגענומען מיט די הענט אויף די אַקסלען, זיך געוויגט און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

פלוצים האָט אבא אָפּגעריסען, געמאַכט אַן ערנסטען פּנים, און זיך גענומען אָנגיסען פרישע גלעזלאַך וויין.

גיסענדיג האָט ביי אים דער קאָפּ מיט די אויסגעסטאַרטשעטע אויגען זיך גענויגט צו דער רויטער פליסיגקייט, אז עס האָט זיך געדוכט, נאָך עטוואָס א בויג, און די אויסגעסטאַרטשעטע אויגען וועלען זיך איינטונקען אין רויטען וויין. און אַזוי איינגעגעסען מיט די אויגען אין דעם רויטען וויין האָט זיך דער וויין געגאָסען און איבערגעגאָסען פון גלעזעל אויפ׳ן ווייסען טישטוך און די רויטע פליסיגקייט האָט זיך געשפּרייט און פאַרפלייצט דאָס ווייסע טישטוך מיט א רויטער בלוטיגער פאַרב. אבא איז געבליבען זיצען ווי פאַרגליווערט, דעם קאָפּ איינגע־קאָרטשעט צווישען די אַקסלען, די אויגען צעשראָקען און אויסגע־סטאַרטשעט און האָט ווי זיך רייצענדיג מיט עמיצען ארויסגעקרעכצט:

— אהא, אהא, אהא,

וויל אבא האָט שוין פון לאַנג געוואוסט, אז ערגעץ אונטער זיבען טויערען שטורעמען די רויטע כוואַליעס, שטורעמען און קלאַפּען אין די

אייזערנע ווענט, און ער האָט געוואוסט, אז אמאָל וועט קומען אַ טאָג, ווען די כוואַליעס וועלען דורכברעכען די ווענט און די רויטע כוואַליעס וועלען אַ שלאָג טאָן אויך אהער און פּלייצען און פליייצען און פאַרפּלייצען אַלעס און אַלעמען.

אַ היסטערישער פּרויען קוויטש האָט געמאַכט אבאַ'ן אויפצושפּרינגען אויף די פיס, פעסט האַלטענדיג זיין האַנט ארומגעקלאַמערט ארום העלדזעל פון פלאַש. אַ באַדינער אין גאָלדענע קנעפּ האָט זיך צוזאַמען מיט אַנדערע נייגעריגע מענשען געשפּאַרט צום טיש. דער דינער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו אבאַ'ן אוועקצונעמען די פלאַש פון אים. אבאַ האָט מיט אַ צוקרימטען פּנים אַ הויב געטאָן די פלאַש איבער'ן קאָפּ, און ניט דערלאַנגענדיג צום דינער, אַ זעץ געטאָן די פלאַש אין טיש. שטיקער גלאָז און רויטער וויין זיינען זיך צעפּאַלען און צעגאָסען געוואָרען אויף די קעפּ פון די אַרומיגע און אבאַ אליין, אַ כאַפּ טוענדיג די רויטע הענט צום פּנים, האָט זיך שנעל אַרונטערגעלאָזט צום דיל און קוקענדיג מיט דערשראָקענע אויגען דורך די צושפּרייטע רויט־געפאַרבטע פינגער האָט ער מיט נקמה און שנאה און שכור'ן קול מיט עמיצען זיך גערייצט און געדראָהעט:

— אהא!.. אהא!.. אהא!..

דריטער טייל

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

פֿאַר די טעג און נעכט וואָס אסתר איז געזעסן ביי אבא'ס קראַנ־קען בעט, האָט איר בלאַס געוואָרענער פּנים איבערגענומען דעם אויס־דרוק פֿון אבא'ס פֿיבערדיג געזיכט. און ווי איינער וועמענס אויגן עס האָבן זיך פֿאַרלאָרן אין פֿייער פֿון קאַמין שפּיגעלט אָפּ אויפֿ'ן פּנים און אין די אויגן די רויטע פֿלאַמען פֿון קאַמין, אזוי האָט אסתר אָפּגע־שפּיגעלט אויף איר פּנים און אין אירע אויגן דעם פֿייער און אומרוה פֿון אבא'ס היציגער קראַנקייט.

אבא'ס היציגע קראַנקייט האָט ווי א פֿאַרצערענדער פֿייער געברענט פֿאַר אסתר'ס אויגן און דורך דעם פֿייער האָט זי געזעהן איר אבא'ן זיך ראַנגלענדיג אין טויזענט פֿאַרפֿלאַנטערטע נעצען פֿון פּיין און יסורים. אַלעס וואָס אבא האָט אין דער שטיל דורכגעלעבט און דורכגעליטען פֿאַר די וואָכען און מאָנאַטען פֿון זיין „סוד" האָט זיך איצט צוברענט פֿאַר אירע אויגן אין דעם פֿייער פֿון זיין היציגער קרענק. און שעה'ן לאַנג איז זי געזעסן מיט ברייטצועפֿענטע אויגן און געקוקט אין דעם פֿייער אריין און איר האָט זיך געדוכט אז זי פֿיהלט ווי דאָס פֿייער בריט איר פּנים און אירע אויגן און אין דעם פֿייער ברענט איר אבא...

אבא איז געלעגען מיט א פֿיבערדיג פּנים מיט צוגעמאַכטע אויגן און נאָך די אָפּגעריסענע פֿיבערדיגע ווערטער און נעמען, וועלכע זענען ווי גליענדיגע פֿינקען אַרונטער פֿון זיינע פֿאַרטריקענטע ליפּען האָט אסתר אים נאָכגעפֿאָלגט אין איר אָנגעשטרענגטער פֿאַנטאַזיע פֿון איין עק וועלט צו דער צווייטער, איבער חורבות און וויסטענישען, איבער בערג פֿון טויטע און קעניגליכע פּאַלאַצען, פֿון דעם לאַנג פֿאַרגאַנגענעם עבר צום עתיד פֿון טויזענטער דורות, זיך געפּלאָנטערט מיט אים צוזאַ־מען אין פֿייערדיגען פּלאָנטער פֿון טויט און לעבען. און מיט אים צוזאַמען

זיך געטראָגען איבער גרענעצלאָזע וועלטען, וואו דאָס געשעהענע האָט ניט געשעהענע און דאָס מעגליכע מיט דעם אוממעגליכען זענען צענויפ־געפלאָנטערט אין איין גרויסען פייערדיגען פלאָנטער.

דאָס וואָרט: „טאטע" האָט ווי אַ שטיק גליהענדיג קויל אַ פאַל גע־טאָן פון אבא'ס פארטריקענטע ליפען אין דער שטילער הייסער לופט אריין. אסתר האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צושראָקען ווי פון אַ טיפען אומ־רוהיגען שלאָף און מיט צושראָקענע אויגען זיך איינגעקוקט אין אבא'ס אומבאוועגליכען פנים. אין אַ רגע ארום איז נאָך אַ וואָרט בלאָס און לייכט ווי אַ שאָטען פון אַ וואָרט ארונטער פון אבא'ס ליפען — דאָס וואָרט „אסתר", און כאָטש אסתר איז די גאנצע צייט געזעסען און האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף אבא'ן, האָט זיך איר געדוכט, אז דאָס וואָרט האָט ניט אבא ארויסגערעדט, נאָר דאָס איז געקומען פון ערגעץ ווייט ווייט אוועק.

א מידע און אַ בלאסע האָט זי אוועקגעלעגט דעם קאָפּ ביי אבא'ן אויפ'ן קישען און ליגענדיג אזוי מיט צוגעמאכטע אויגען, איר קאָפּ נעבען אבא'ס, האָט זי שטיל ווי אומבאוואוסט און כמעט אָהן אַ קול נאָכגעזאָגט אבא'ן: „טאטע", און אין אַ רגע ארום פיהלענדיג טרערען אין די צוגעמאכטע אויגען האָט זי שטיל און פארלוירען נאָכגעזאָגט: „אסתר"... און אין דער רגע איז ביי איר עפּעס אויסגעקומען אז דאָ אין בעט ליגט קראַנק ניט אבא, נאָר זי אליין, און ליגענדיג אַ קראַנקע אין בעט הערט זי עפּיס ווי דורך אַ שווערען שלאָף, ווי אבא רופט צו איר פון ערגעץ ווייט ווייט ווי פון אונטער אַ קבר ארוים און זי הערט און קאָן זיך פון אָרט ניט רירען... ווייל זי אליין איז אויך אין דערזעלבער סכנה וואָס ער, און איין גורל וואָרט אויף זיי ביידען — אים, דאָרטען, ערגעץ ווייט ווייט אוועק פון דאנען... און איר, דאָ, אַ קראַנקע אין בעט...

אז חוה לאה האָט געטראָפען אסתר'ן שלאָפען מיט'ן קאָפּ ביי אבא'ן אויפ'ן קישען, די האָר צעוואָרפען ארום איר בלאסען מידען פנים, האָט איר פארקלעמט ביים הארצען און זי האָט אויך צום ערשטען מאָל דערפיהלט אז אבא'ס גורל איז אויך דער גורל פון איר אייגען קינד. און זי איז געשטאַנען ביים בעט און שטיל געוויינט ווי עס וויינט אַן אמת'ע מאַמע ביים קראַנקען בעט פון איר אייגען קינד.

עס איז געקומען די נאַכט פון קריזיס. און ווי אבא האָט די לעצטע פּאָר מאָנאַט פאר דער קראַנקהייט זיך געראַנגעלט אויף לעבען און טויט, ניט צו פאַלען אין אָפּגרונט אריין, אזוי האָט זיך איצט זיין גאַנצער קער־פּער געראַנגעלט אויף לעבען און טויט מיט דער קראַנקייט, וועלכע האָט געעפענט אויף אים א צוגליהטע פייערדיגע מויל אים איינצושלינגען. ער האָט זיך געוואָרפען און געדרעהט ווי די פייערדיגע היץ וואָלט זיך גע־שפּרייט און געוויקעלט ארום זיין קערפּער, ארום זיין קאָפּ ארום זיין האַלז, געאָטעמט מיט היץ און פייער צו אים אין מויל אריין און פאר־ברענט זיין אָטעם. דער דאָקטאָר האָט שטיל א זאָג געטאָן מעהר צו זיך אליין ווי צו עמיצען אין הויז: „אויב ער איז שטאַרק גענוג וועט ער לעבען“.

חוה לאה איז אריין אין קיך עפּעס נעמען פון דעם דאָקטאָרס וועגען. שוין זייענדיג אין קיך האָט זי פארבראָכען די הענט א וויין געטאָן און צוריקגעהענדיג צום קראַנקען זיך שנעל באהערשט. ישראל איז ארונטער אין אַפּטייק נאָך עפּעס. אין א ווינקעל איז געשטאַנען יחיאל מיט מים קלאַדקאַ צושראָקענע מיט ארונטערגעלאָזענע קעפּ און געשוויגען. און אסתר איז געזעסען ביים בעט מיט ביידע הענט איינגעקלאַמערט אין אבא'ס קישען און מיט ברענענדיגע אויגען זיך איינגעגעסען אין דאָק־טאָר'ס פּנים. די נאַכט האָט זיך לאַנג און פּיינענדיג געצויגען און אויפ'ן טיש האָט דער וועקזייגער העכער און בולט'ער ווי אימער געצעלט די רגעס : טיק־טאַק, טיק־טאַק, טיק־טאַק...

איינאונצוואנציגסטער קאפיטעל.

אבא'ס קערפער האט גובר געווען. אין שטוב איז עפעס ווי ליכ־טיגער געוואָרען. די שווערע שטילקייט האט זיך גענומען פאנאנדערהגעהן ווי א שווערער וואָלקען נאָך א שטורם. די מענשען אין הויז האבען צוריק אָנגעפאנגען צו רעדען פרייער, לעבעדיגער און ווען ניט ווען האט א שמייכעל אויף עמיצענס פנים אָנגעזאָגט, אז דער שטורם איז פאראיבער.

אבא איז געלעגען אין בעט א בלאסער, אן אבגעצערטער און דורך דעם עפעס ווי ליכטיגער און געלייטערטער, — זיינע אויגען האבען געקוקט אויף אלעמען אין הויז מיט אומענדליכער ליבע און דאנקבאר־קייט און האבען דוכט זיך ווי גערופען ישראל'ן און חוה לאה'ן — טאטע, מאמע און אסתר'ן — שוועסטער.

אסתר איז געוואָרען ערנסטער און געזעצטער פאר די עטליכע וואָכען פון אבא'ס קראנקייט. אירע טונקעל ברוינע אויגען האבען אין אָפשיין פון איר בלאסליכען פנים אויסגעזעהן טונקעלער און טיפער און אין איר באציהונג צו אבא'ן איז געווען עפעס שטרענגעס און גוטעס, ווי פון אן עלטערער געטרייער שוועסטער. און אז ער האט עפעס געטאָן ניט לויט דעם באפעהל פון דאָקטאָר האט זי זיך געבייזערט און אבא'ן איז געווען אזוי גוט צו פאָלגען אסתר'ן און זיך צו פיהלען איינגאנצען מיט זיין קינדערשער אומבאהאָלפענקייט אונטער איר רשות.

אז אבא האט זיך צום ערשטען מאָל אויפגעזעצט אין בעט, איז אסתר לאנג געזעסען ניט ארונטערגעלאָזען די אויגען פון אבא'ס פנים ביז עס זענען געקומען טרערען אין אירע אויגען. אבא האט קרייבקליך געשמייכעלט און נעמענדיג אירע הענט אין זיינע, האט ער מיט לייכט צוקרימטע ליפען געזאָגט: „אידישע טאָכטער". ביי אסתר'ן האבען זיך מיט אמאָל א גאַס געטאָן צוויי שנירלעך טרערען פון די אויגען.

ביינאכט. ישראל ווינער איז געשלאָפען אין פאנאנדערגעגנומענעם בעטיל ניט ווייט פון אבא׳ן. דאָס עלעקטרישע מיניאַטור לעמפּעל האָט געוואָרפען א שוואכען שאָטענדיגען שיין אויף ווינערס שלאָפענדיגען פּנים און קוים געגרייכט צו די ווינקלען פון צימער.

אבא איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און דורך זיין לעדיגען מח האָבען זיך ווי לייכטע וואָלקענדלאך געצויגען דינע אָפּגעריסענע געדאַנקען. און ווי א לייכט פארבענשפּיל אין הימעל האָבען זיי זיך געביטען אין פאָרם און אין קאָליר. און דער הויפּט־טאָן פון דעם לייכט־פארביגען געדאַנקען שפּיל איז געווען — „איך בין א איד״ — און דער דאָזיגער נעבעלדיגער געדאַנק האָט זיך געצויגען פון א שטילען בלאַסען טרויער געמיט צו א העל־ראָזעווען געפיהל פון שטאָלץ און פרייד: — „איך בין א איד״... און דאָס וואָרט „איד״ האָט ווי ווילדער שמעקענדיגער וויינריב זיך געוויקעלט און געפלאָכטען ארום אלעם אין דער וועלט, פון עק וועלט צו עק וועלט...

...און ערגעץ שטעהט א פויערל מיט א רויטען גארטעל ארום א גרויער סעמירעגגא און מיט א גרויסער שארפער האַק האַקט ער דעם דינעם זיך כסדר וויקלענדיגען און קלעטערדיגען ווילדען וויינריב...

...און ערגעץ געהט א קליין פּויליש שייגעצעל מיט א גרין־פארביגען פּנים׳ל, און מיט דינע שפּיציגע פינגער רייסט ער דעם דינעם שמעקענדיגען וויינריב...

...און ערגעץ שפּאַצירט זיך אן אויסגעפּוצט פראַנטעל מיט שפּיציג פארדרעהטע וואנצען מיט שפּיציגע שטעכיגע אויגען און דרעהענדיג דעם שטאָק אין האנט רייסט ער און פליקט דעם דינעם זיך קרייזלענדיגען וויינריב...

אבא איז געלעגען א וואכענדיגער און מיט א שטילען און רוהיגען געמיט זיך צוגעהערט צום שווערען מידען שלאָף פון די אים ליבע און נאָהענטע מענשען. ער האָט געפיהלט אומענדליך גוט און צופרידען, וואָס זיי רוהען אָפּ פון זייער טאָגיגע זאָרג און אומרוה. און עפּעס אן אומקלאָרען געפיהל האָט ער געהאט אזוי ווי ער וואָלט געוואכט איבער זיי און געשפּרייט די רוה פון זיין געמיט איבער זייער שלאָף...

אבא האָט מיט לויטערע וואכענדיגע אויגען געקוקט דורך דער

שטילקייט פון דעם האלב באלויכטענעם חדר ערגעץ ווייט ווייט אין דער שלאפענדיגער וועלט אריין און אים האט זיך געדוכט, אז ער ליגט דא אין דער מיט פון דער וועלט און מיט לויטערע אויגען און א רוהיגען געמיט וואכט ער איבער דעם שלאף פון דער וועלט... און אים האט זיך מיט אמאל פארוואלט זיך אויפזעצען אין בעט און מיט א תהילים אין די הענט זיצען אזוי אין דער מיט פון דער וועלט און זאגען תהילים, און בעטען צו גאט פון דער טיפסטער טיפעניש פון זיין רוהיגען געמיט, פאר דער רוה פון דער וועלט...

צוויי און צוואנציגסטער קאפיטעל.

אז אבא איז מיט אסתר׳ס הילף צום ערשטען מאל ארונטער פון בעט, האט ער, זיצענדיג אין וויג שטול ביים פענסטער, פארנומען דעם פארהאנג און ווי א קינד זיך פארוואונדערט און זיך דערפרעהט.

— זעה נאר, אסתר!

אסתר האט א קוק געטאן אין פענסטער, האט ווי צום ערשטען מאל דערזעהן דעם ליכטיגען דרויסען, זיך אליין אויך פארוואונדערט און זיך דערפרעהט:

— פריהלינג!

און אין א רגע ארום:

— פארנעמען דעם פארהאנג?

אבא האט געמאכט א צופרידענע באוועגונג.

— קענסט זיי אין גאנצען ארונטערנעמען... צו וואס דארף מען אינגאנצען פארהאנגען? זיי מאכען נאר פינסטער.

אסתר איז געשטאנען א רגע אין איבערלעגונג, האט פלוצים געכאפט א שטול, געטאן א שפרינג ארויף מיט א פלינקער באוועגונג ארונטערגעכאפט די פארהאנגען, זיי אווארף געטאן אויפ׳ן טיש, און בלייבענדיג שטעהן אין מיטען שטוב האט זי ווי א פויגעל מיט פליגעל א פאטש געטאן מיט די הענט.

אבא, פארבלענדעט פון דעם פלוצלינגען ליכט, האט ווי אין חלום נאכגעפאלגט אירע שנעלע לייכטע באוועגונגען און זעהענדיג ווי זי איז געשטאנען אין דעם נייגעבוירענעם ליכט און אליין ווי א נייע געבוירענע, א לייכטע, א פריידיגע, מיט גרויסע שטראלענדיגע אויגען, די טונקעל ברוינע האר צוואווארפען ארום איר בלאסליך ראזען פנים האט זיך אים געדוכט, אז דאס האט א גרויסער וואונדער פויגעל אריינגעשטראלט אינאיינעם מיט דעם גרויסען ליכט פון דעם נייגעבוירענעם פרילינג און אט וועט דע פויגעל א פאטש טאן מיט די פליגעל און אוועקפליהען,

ניט אונטערגעמענדיג די אויגען פון איר פנים האט ער א שוואכער, א בלאסער, זיך ציהענדיג צו איר ווי פון א חלום ארויס, א זאג געטאן:

— וואונדער מיינער!

און זי איז געשטאנען א פארגאפטע זיך ניט רירענדיג פון ארט, געבלאנדזשעט מיט די אויגען פון אבא'ן אויפ'ן ליכטיגען דרויסען און פון דעם ליכטיגען דרויסען אויף אבא'ס בלאסען, מיט ליכט באשטראל־טען פנים. דאסזעלבע ניי־געבוירענע ליכט האט אויך ביי איר אין הארצען אויפגעלויכטען מיט א פלוצימדיגען שיין און זי האט זיך אליין דערזעהען אנאנדערע ווי זי איז ביז איצט געווען און זי האט מיט אמאל דערזעהן און דערפיהלט אלעס וואס איז ביז איצט געווען אומקלאר און אומפארשטענדליך פאר איר. זי איז צוגעלאפען צו אבא'ן ארומגענומען זיין קאפ און מיט א פארכאפטען אטעם כמעט ארויסגעזיפצט:

— מ י י ן אבא!

און אין די צוויי ווערטער איז געווען די גרויסע פרייד פון א מאמען צו איר קינד, וואס זי האט געבראכט אויף דער וועלט דורך יסורים און וועהטאגען, און אבא האט קוקענדיג אויף איר מיט גרויס באַ־וואונדערונג פארשטאנען און געפיהלט איר אומענדליכע פרייד פון ניי־געבוירען ווערען, דורך פייערדיגע יסורים און פיין, צונויפקניפענדיג איר אייגען לעבען מיט זיין ווידערגעבורט אויף אייביג און אייביג...

אבא איז געזעסען אין ווינקעלשטול ביים זוניגען פענסטער, געהאלטען א צייטונג אויסגעשפרייט אויף די קניה און מיט א מאדנער רוהיגקייט און גלייכגילטיגען אינטערעס געפירט די אויגען איבער די נייעס קעפ־לעך, עפעס ווי די גאנצע וועלט מיט אלע אירע פאסירונגען וואלטען אים אינטערעסירט בלויז ווי א פרעמדען און זייטיגען, ווען עס קומט צופעליג אוים פארבייצוגעהן א גרויסען יאריד, וואס איז אים אליין איינגאנצען ניט נוגע.

ס'איז פאר אים צווישען אלע נייעס קעפלאך קיין מער וויכטיגע און ווינציגער וויכטיגע נייעס ניט געווען. און דאס אלעס וואס ער האט דא געלייענט האט אים מער ניט אויפגערעגט און וועה געטאן ווי אמאל, נאר עס איז פאר אים געווען א לייכטער אלט באקאנטער עכא פון אן אייביגען באשטענדיגען און דערפאר זעלבסטפארשטענדליכען וועלט

געוויש און אומרוה, וואס ציהט זיך שוין אזוי פון דורות און וועט זיך אזוי שוין ציהען פאר אייביג און אייביג.

און ער זיצט זיך דאס אזוי אן א זייט, ווייט פון דעם טומעלדיגען פלאנטער און אומרוה און הערט זיך צו ווי צו עפעס וואס איז זעלבסט פארשטענדליך און דארף אזוי זיין...

אסתר האט אן אומרוהיגע געטאן אן ארבייט אין הויז; זי איז ניט געווען זיכער צי זי האט געמעגט געבען אבא׳ן א צייטונג, וואו אלע זייטען זענען געווען פול מיט פריזיווי-נייעס און אמעריקא׳ס אנטייל נעמען אין דער מלחמה. אין הויז האט מען שוין ניט איינמאל זיך גע־סוד׳עט אין דער שטיל וועגען דעם, אז אבא וועט דארפען געהן צום פריזיוו, כאטש ער האט בלויז די ערשטע בירגער פאפירען. ווינער איז שוין אפילו געווען ביי א לויער וועגען דעם, און אין הויז האט מען גע־רעדט אין דער שטיל וועגען א שנעלע חתונה אלס מיטעל דערצו.

אסתר האט פון זייט געווארפען בליקען אויף אבא׳ן און מערקענדיג זיין רוהיגען געזיכט האט זי זיך אליין אויך בארוהיגט.

אבא האט פלוצים א זאג געטאן:

— פאר ז י י איז דאס א יום טוב!

אסתר איז געבליבען שטעהן אין מיטען דער ארבייט און פאר־וואונדערט געקוקט צו אבא׳ן:

— פאר וועמען?

— פאר די צייטונגען...

אסתר האט א זיפץ געטאן און גארניט געענטפערט.

אבא האט זיך פארקוקט אויפ׳ן ליכטיגען דרויסען און ניט אויס־דרעהענדיג דעם קאפ, געזאגט:

— מען וועט נאך דארפען געהן אויך...

אסתר איז צוגעגאנגען צו אבא׳ן, לייכט ארומגענומען זיין קאפ און שטיל און אונזיכער געזאגט:

— וועסט ניט געהן...

אבא האט דערפיהלט אסתר׳ס אומרוה און נעמענדיג איר האנט האט ער מיט א שמייכעל געזאגט:

— מיר וועלען אנטלויפען קיין אמעריקא...

אסתר האט אונזיכער געשמייכעלט:

— מיר וועלען חתונה האָבען.

— ווען דאָס זאָל נאָר העלפען.

— מען זאָגט אז עס וועט העלפען.

אבא האָט לייכט צוגעצויגען אסתר׳ן צו זיך און אָנגעצייגט מיט די אויגען אויף דער צייטונג און געזאָגט:

— זיי זאָגען, אז עס איז ניט שיין זיך צו באהאַלטען אונטער א ווייבס קליידעל.

— און גע׳הרג׳עט ווערען?

— איז מען א העלד.

— און הרג׳נען אנדערע?

— איז מען נאָך א גרעסערער העלד.

— מוחל!..

— ז י י זענען אָבער נ י ט מוחל...

— טאָ זאָלען זיי אליין געהן!

— זיי ווילען אָבער ניט גע׳הרג׳עט ווערען.

— טאָ זאָלען זיי ניט מאַכען קיין מלחמות.

— זיי דאַרפען אָבער די מלחמות...

— מ י ר דאַרפען זיי אָבער נ י ט.

—מען פרעגט אָבער ביי אונז קיין דעה ניט.

— וועלען מיר אויך קיין דעה ניט פרעגען.

— וואָס פאַר א דעה?

— חתונה צו האָבען...

אבא מיט אסתר׳ן האָבען זיך ביידע צעלאַכט און האָבען זיך איינס דאָס אנדערע אָנגעקוקט ווי צוויי קינדער, וועלכע האָבען דורך געפירט א געלונגען שפיל.

דרייאונצוואנציגסטער קאפיטעל

עס איז געווען די ערשטע טעג אין מאי. אבא איז צום ערשטען מאל ארויסגעגאנגען אין א שבת בייטאג מיט אסתר'ן און מיט מים קלאדקא, וועלכע איז געקומען געוואויר ווערען צו אבא'ן. דער פרילינג האט שוין פון לאנג געהאט איינגענומען די הויכע שטיינערנע מויערן און מיט ליבע ליכט און ווארימקייט געהערשט איבער דער גרויסער שטיינערנער שטאט.

אבא איז געגאנגען צווישען אסתר'ן און קלאדקא'ן און זיך געפיהלט ווי א גאסט, וועלכער איז געקומען אין א פרעמדער שטאט צו אייגענע מענשען און צוויי מיידלאך פון דעם גאסטפריינדליכען הויז פירען אים ווייזען די שטאט...

דער דרויסען איז געווען פול מיט יענעם ליכטיגען אומרוה און בענקשאפט פון דעם פרילינג אין דער גרויסער שטאט. די ליכטיגע ווארימע זון האט אין גרוים אומבאהאלפענקייט צושפרייט איר ליכט און ווארימקייט איבער דעם גרויען אספאלט, זיך געצויגען איבער די גרויע שטיינערנע ווענט פון די מויערען, געשמייכעלט אויף טויזענטער פענסטער שויבען און ווי זיך געבעטען מיט א ליכטיג און אומעטיג גע־בעט ביי דער גרויסער שטיינערנער שטאט:

— נא דיר מיין ליכט, נא דיר מיין ווארימקייט...

— נא דיר מיין ליכט, נא דיר מיין ווארימקייט, בליה, בליה, בליה...

און אבא איז געגאנגען צווישען אסתר'ן און קלאדקא'ן, באטראכט אלעס מיט אפענע אויגען און אלעם און אלעמען באוואונדערט ווי א זייטיגער, א פונדרויסענדיגער און אים האט הנאה געטאן, וואס ער איז נים איינגעפלאנטערט אין דעם גרויסען פלאנטער פון ליכט און שטיין און מענשליכער אומרוה, נאר ווי א גאסט געהט ער ארום און באַ־טראכט אלעס פון א זייט און פארשטעהט און באוואונדערט דעם גרוי־סען פלאנטער פון ליכט און שטיין און מענשליכער אומרוה.

אסתר מיט קלארקא'ן זענען געווען גוט געשטימט און אָנגעשטעקט פון זייער פרייליכקייט האָט אבא אויך געשפּאַסט און געלאַכט צוזאַמען מיט זיי. נאָר ווען אסתר און קלאַרקא האָבען גערעדט וועגען אבא'ס ווייטערדיגע פּלענער און טעטיגקייט, האָט עס אבא'ן געקלונגען פרעמד, ווי דאָס אַלעס פון וואָס זיי האָבען גערעדט וואָלט באַלאַנגט צום ארומי־גען און ניט צו אים אליין, ווייל ביי אים אין מח איז ניט געווען דער מינדסטער באַגריף ווי אזוי ער וועט צוריק צענויפקניפּען די איבערגע־ריסענע פעדים פון זיין ביז איצטיגען לעבען מיט אָט דעם גרויסען רוישיגען פּלאָנטער.

ער האָט געהאַט אַן אומקלאָרען באַגריף, אַז עפּעס האָט גע־טראָפען אזוי, אַז די פעדים פון זיין לעבען האָבען זיך אָפּגעריסען און ער איז געפאַלען אָן אַ זייט פון אָט דעם גרויסען פּלאָנטער. און אים האָט הנאה געטאָן, וואָס זייענדיג אָפּגעריסען און פארוואָרפען אַן אַ זייט, האָט ער ניט דעם מינדסטען פארלאַנג זיך צוריק אָנצוקניפּען און איינ־פּלאָנטערן אין אָט דעם גרויסען פּלאָנטער פון ליכט און שטיין און מענש־ליכער אומרוה.

און אבא איז אהיים געקומען איז אים באַפאַלען א גרויס אומעט און אומרוה.

ער איז געשטאַנען ביים פענסטער, ארויסגעקוקט אין דעם טונקעלען פארנאַכט ארויס און געפיהלט אַז דאָס הארץ וויינט אין אים אויף עפּיס גרויסעס אומענדליכעס, ווי די וועלט אליין.

און שטעהענדיג אזוי ביים פענסטער מיט'ן פּנים צום טונקעלען פארנאַכט ארויס, האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז דאָ שטעהט א א י ד י ש ק י נ ד, אַ אידיש קינד! דאָס הארץ פון דער וועלט, און דאָס הארץ פון דער וועלט וויינט דאָס איינציגע גרויסע געוויין צו גאָט פאַר דעם גרויסען פּלאָנטער פון דער וועלט.

שטעהט אזוי דאָס אידישע קינד — גאָט'ס סוד פון יושר און גוטס־קייט און טויזענדער און מיליאָנען נערוועז ציטערדיגע און אומרוהיגע ציהען זיך און וויקלען זיך ארום אַלעס און דורך אלעס אין דער וועלט און מיליאָנען שווערע פיס טרעטען אויף זיי און די שאַרף פון שווערד פאַלט אויף זיי און די פייער צונגען וויקלען זיך ארום זיי. און זיי, די טויזענדער און מיליאָנען פעדים פון יושר און גוטס, ציהען זיך און

וויקלען זיך ארום דעם פּלאָנטער און דורך דעם פּלאָנטער פון דער וועלט.

אבא איז געשטאַנען מיט'ן פּנים צו דער אָנקומענדיגער נאַכט און אריבער דעם זוים פון דער נאַכט האָט די פארגעהענדיגע זון צוואָרפען א פייערדיגע שריפט איבער דעם מערב ברעג פון הימעל און מיט אויגען געלייטערטע דורך פּיין און יסורים האָט אבא געלייענט אין דער פייער־דיגער שריפט: דו ביזט דאָס הארץ פון דער וועלט, ווייל דו ביזט די גוטסקייט פון דער וועלט, און די גוטסקייט פון דער וועלט איז דער זין פון דער וועלט...

פיראונצוואנציגסטער קאפיטעל

מען האט אנגעפאנגען צו ריידען אין הויז וועגען פארען אויף א זומער פלאץ. אנגעפאנגען האט אסתר אז אבא זאל פארען, אז אבא האט זיך אפגעזאגט האבען טאטע מאמע אנגעפאנגען צו ריידען, אז אסתר זאל פארען, האט אסתר געזאגט, אז זי וויל ניט. סיידען — מיט אבא'ן... איז געבליבען, אז ביידע זאלען פארען.

דאס הויז האט אויפגעלעבט און אלע אין הויז זיינען געווען פאר־נומען מיט אסתר'ס גרייטען זיך.

איבערהויפט איז חוה לאה געווען שטארק באשעפטיגט און יעדע רגע געקומען דערמאנען אסתר'ן וועגען עפעס אן אנדער זאך. און אסתר אליין איז ארומגעלאפען איינקויפען פארשידענע קלייניגקייטען, פלעגט יעדען טאג צוריקקומען פון גאס מיט נייע הויפענס קליינע פעקלעך און נאכדעם אוועקזעצען זיך ביז שפעט אין אוונט און נעהען. אבא פלעגט זיצען ביי איר זייט און איר העלפען צושניידען, דערלאנגען עפעס צום האנט אדער גלאט אזוי אנגעשפארט דעם קין אויף די צונויפגעפלאכטענע פינגער און געקוקט ווי אסתר טוט איר ארבייט אזוי פלינק און גע־ניט, און זיצענדיג אזוי מיט'ן קין אויף די הענט, די אויגען אנגעשטעלט אויף אסתר'ן האט ער פון גארניט געטראכט, נאר עפעס אן אומקלאר גע־פיהל האט ער געהאט: — ער און אסתר — ווייטער איז א ליידיגע וועלט און קיינער אויסער זיי ביידען איז ניטא אויף דער וועלט... און עס איז אים געווען שטיל און ליידיג אין הארצען.

דעם אוונט פאר זייער אפפארען זענען געווען עטליכע לאנדסלייט אין הויז, צווישען זיי אויך מים קלאדקא און יחיאל. מען האט גערעדט פון דעם פארשטעהענדיגען פריזיוו. יחיאל האט געפרעגט: — „איר האט שוין די ערשטע בירגער פאפירען, אבא?"

אסתר האט געווארפען א בייזען בליק אויף יחיאל'ן, אבא האט עס

באמערקט, האָט לייכט א שמייכעל געטאָן און נעמענדיג אסתר'ס האנט האָט ער רוהיג געזאָגט:

— עס מאכט ניט.. איך וועל סיי ווי ניט געהן..

מען האָט אים פארוואונדערט אָנגעקוקט. ער האָט געקוקט אסתר'ן גלייך אין פנים אריין און מיט אן ערנסטען טאָן געזאָגט: — וואָס וועל איך טאָן אויף דער מלחמה?..

יחיאל האָט זיך צעלאכט: — „אָה! פון דעם שטאנדפונקט?..“

אבא האָט ניט געביטען זיין ערנסטען טאָן: — געוויס פון דעם שטאנדפונקט! זאָלען געהן יענע, וועלכע האָבען אייגענע חשבונות אויס־צוגלייכען — איך האָב ניט!...

דער עולם האָט געמערקט ווי אבא'ס פנים איז מיט אמאָל בלאס גע־וואָרען. ווינער האָט אויפגערעגט א געשריי געטאָן צו חוה לאה'ן:

— וואָס איז דער מער מיט טיי דאָרטען?..

יחיאל האָט זיך דערפיהלט שולדיג, געוואָלט עפּעס זאָגען גוט צו מאכען און ניט געוואוסט וואָס, ער איז געזעסען מיט א נאריש צעשראָ־קענעם פנים און ווי געוואַרט אבא זאָל נאָך עפּעס זאָגען. אבא האָט גע־מערקט די אומרוה אויף די פנים'ער פון די ארומיגע און ער האָט פלו־צים דערפיהלט מיטלייד מיט אלעמען, ער האָט א זאָג געטאָן מיט א רו־היגען און גלייכגילטיגען טאָן:

— און אפשר וועל איך געהן... ווער ווייסט? — —

און א פיר טוענדיג מיט דער האנט איבער אסתר'ס קאָפּ האָט ער צוגעגעבען מיט א שמייכעל:

— אויב אסתר וועט מיך לאָזען...

אלע האָבען זיך צעלאכט, און יחיאל א צופרידענער פון דעם גוטען אויסגאנג האָט אונטערגעכאפּט:

— א נאר איז זי? כא־כא־כא!... א נאר איז זי? כא־כא־כא!...

די געסט האָבען זיך געזעגענט. אסתר האָט זיי באגלייט פון טיר ארויס. אבא איז געשטאנען ביים אָפענעם פענסטער, באפאלען פון א מאָדנע פרעמדקייט און ווייטקייט צו די אלע אוועקגעהענדיגע מענשען.

באלד האָט זיך צום אָפענעם פענסטער דערטראָגען דער נאכטיגער אָפּקלאנג פון הילכענדיגע טריט, האָט זיך אים געדאכט, אז דאָס וועלען זיי שוין אזוי געהן און געהן מיט הילכענדיגע טריט און ער וועט אייביג

אזוי דאָ שטעהן א פארגליווערטערביים אָפענעם פענסטער און דער ווי־דערקלאנג פון זייערע טריט וועט זיין דער איינאונאיינציגער אָפּקלאנג אין זיין ליידיגען מח...

נאָך האלבען טאָג. אסתר מיט אבא'ן זענען געווען גרייט צום פאָרען. אויסער זיי ביידען און חוה לאה איז קיינער אין הויז ניט געווען — ווי־נער האָט זיך נאָך אין דער פרי געזעגענט. אסתר איז געווען צעראשט און אויפגערעגט. חוה לאה אויך. נאָר אבא איז געווען מאָדנע רוהיג. ער האָט געטראכט: „עס זעהט אויס, ווי מיר וואָלטען אוועקגעפאָרען אויף א ווייטער רייזע". זיין בליק איז געפאלען אויף אסתר'ן, אן אויסגע־פוצטע, א פארפלאמטע. האָט זיך אים געדאכט, אז דאָס פירט ער זיין יונג ווייב ערשט נאָך דער חתונה אוועק פון איר היים אויף שטענדיג. און ער האָט מיטאָמאָל דערפיהלט א דינעם אומעט, ווי עפּעס א ביינקשאפט נאָך א פארלאנג, וואָס איז שוין ערפיהלט געוואָרען...

חוה לאה האָט זיי ביידען היים און מוטערליך געקושט. זי האָט גע־זאָגט: — איר זאָלט מיר צוריקקומען געזונטערהייט, קינדער מיינע.

ארויסגעהענדיג פון טיר האָט אסתר נאָך אמאָל צוריקגעשריגען צו חוה לאה'ן: — „זיי געזונט מאמע", און אבא ארויסגעהענדיג פון טיר באלאָדען מיט צוויי טשעמאָדאנען האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און אויך צוריקגערופען מיט א — פאר אים אליין אומערווארטעט ליידיג קול — „זייט געזונט — מאמע" — — און זיך פארשעמענדיג פאר זיך אליין האָט ער א שמייכעל געטאָן מיט א צעקרומטען אומבאהאָלפענעם שמייכעל.

דער צוג האָט זיך געטראָגען אויפ'ן וועג צו ראזעניים, א קליין פארמער שטעטעל טיף אין ניו דזשוירזי.

אסתר, א מידע פון אויפרעגונג, האָט בלויז פון צייט צו צייט נערופען אבא'ס אויפמערקזאמקייט צו עפּעס אין די שנעל פארביי לוי־פענדיגע פעלדער, וועלדער און טייכען.

אבא האָט פון גאָרניט געטראכט, בלויז פון צייט צו צייט האָט אן אָפּגעריסענער געדאנק זיך געטאָן א טראָג פארביי צוזאמען מיט די פאר־ביי לויפענדיגע פעלדער און פארשוואונדען. —

און עס איז אויסגעקומען אזוי: עס טראָגען זיך שנעל שנעל גרינע

צעוואָרפענע פעלדער, און צוזאמען מיט די פעלדער לויפט פארביי אן אָפּגעריסענער געדאנק: „א גרויסע ברייטע וועלט"... און פארשווינדט צוזאמען מיט די פארביי לויפענדיגע פעלדער.. און נאָך א געדאנק טראָגט זיך פארביי: „א וועלט מיט מענשען ווערען געבוירען און שטארבען, ווערען געבוירען און שטארבען" — — און ווידער פעלדער, וועלדער און טייכען... און נאָך אמאָל: „געווען און ניטאָ, פאראן און וועלען ניט זיין, קינדער, קינדער, קינדער, אלטע, אלטע, אלטע, אלטע" — — און ווידער פאר־שוואונדען ערגעץ אונטער דעם זיך שנעל טראָגענדיגען צוג. און ווידער: „אידען, אידען, פעלקער, ראסען, פרעמדע, אייגענע, ליבע, שנאה, אידען, אידען, אידען." — — — און ווידער שנעל לויפענדיגע גרינע פעלדער, און נאָך אמאָל: „מלחמה, פייער, שווערד, טעאטער, טעלעפאָנען, לופט־באנען, ערפינדער, זייד, סאמעט, פרויען קערפּער, פּולווער, אוילבילדער, אידען, אידען, אידען, פּאָגראָמען, פּאָגראָמען, קיסר מיניסטער, פּארלאָ־מענט, פּאָלק, פּאָגראָמען, מלחמה, אידען פריינד" און אלעם האָט זיך געטראָגען שנעל שנעל פארביי די פענסטער פון וואגאָן אינאיינעם מיט די שנעל פארביי לויפענדיגע פעלדער, וועלדער און טייכען, און אבא האָט געפיהלט אן אומרוה און נאָגענדיגען ווייטאָג, אליין ניט וויסענדיג צי פון די שנעל פארביי לויפענדיגע פעלדער צי פון די שנעל פארביי לויפענדיגע אָפּגעריסענע געדאנקען צי פוןביידען צוזאמען.

אבא האָט ניט באמערקט ווי די נאכט איז צוגעפאלען. ער האָט מער געפיהלט, ווי געמערקט, אז די לופט ווערט טונקעלער און טונקעלער, נאָר עפּעס איז ביי אים אויסגעקומען, אז דאָס איז ניט דער דרויסען נאָר זיין אייגענער אומרוהיגער געמיט ווערט מידער און טונקעלער, מידער און טונקעלער און ער האָט געפיהלט, ווי טויזענט פארביגע פלאמען פון אומ־רוה און בענקשאפט כאפּען ארום זיין טונקעלען געמיט און ציהען זיך אוועק און שפּרייטען זיך אוים איבער די הימעל ברעגען אין טויזענט פארביגע פלאמען און עס ציהט זיך און שפּרייט זיך זיין בּרענענדיגע אומרוה און לעשט זיך און צינדט זיך ווידער און רייסט זיך ערגעץ אין טויזענט פארביגע פייערען צום הימעל צו און קאָן אים ניט דערגרייכען...

אסתר האָט דרימלענדיג אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף אבא'ס אקסעל און אבא, צודריקענדיג דעם קאָפּ צו די פינסטערע שויבען, האָט געפיהלט ווי עפּעס א הויכער א שווארצער האַלט זיך אָן מיט צוויי דארע לאנגע

הענט ביי א גראטע פון פענסטער און מיט לאנגע דינע פיס לויפט ער אין טאקט פון דעם שנעל לויפענדיגען צוג, לויפט ביי דער זייט פון צוג, און דער צוג טראגט זיך שנעלער, שנעלער, ווי ער וואלט זיך וועלען אויס־רייסען פון דעם געשטאלט'ס דינע און לאנגע הענט און אנטלויפען.

פינפאונצוואנציגסטער קאפיטעל

דער ערשטער פרימארגען אויף דער פארם.

אבא האט זיך אויפגעכאפט פרי. די אראפגעצויגענע שטארען פון די אפענע פענסטער האבען זיך לייכט באוועגט אריינלאזענדיג דורך די זייטיגע עפענונגען שארפע פאסען פרימארגענדיג ליכט.

אבא איז געלעגען און זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט און רו פון די פעלדער און אים האט זיך געדאכט, אז דאס לעבהאפטיגע און שנעלע פויגעל סוויטשעריי איז דאס שטיפענדיגע ליד פון דער ליכטיגער שטילקייט.

אים איז געווען גוט דא צו ליגען אזוי אין שטילקייט און אין רו אן אפגעריסענער פון דער וועלט און איר טומעל, נאר עפעס האט ער געפיהלט אן אומבאוואוסטען נאגענדיגען ווייטאג אזוי ווי די אפגעריסענע לעבענס־פעדים וואלטען איבערגעלאזט אומזעהבארע סימנים פון רויפלייש און וואונדען..

דער אנהויב־זומערדיגער פרימארגען איז געווען א ליכטיגער, א זוניגער. אבא האט געטראטען מיט לאנגזאמע שטילע טריט איבער דער ווייכער ערד צווישען די פארזעעטע שטרעקען, געפיהלט פאר׳חידושט פון דער ליכטיגער ברייטקייט און רו, וואס האט זיך געשפרייט איבער די גרויסע שטרעקען גרינע פעלדער, און געהאט דאס געפיהל פון איינעם, וואס אנטפלעקט — פאר מאנאטען לאנג ארומגעבונדענע וואונדען — צו דעם ליכטיגען פרילינג׳ס דרויסען..

עס איז אים געווען גוט און אין דער אייגענער צייט פאר־דראסיג, אליין ניט וויסענדיג פארוואס און אויף וועמען. ער איז געבליבען שטעהן, זיך ארומגעקוקט פארוואונדערט אויף אלעם ארום, טיף אפ־געאטעמט און א זאג געטאן צו זיך אליין:

— ווי גוט דא איז!

ער האט זיך געלאזט ווייטער געהן מיט דעם אייגענעם לאנגזאמען גאנג פון אינוואלידישער אומבאהאלפענקייט.

אסתר האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון אבא'ס צימער און איז, ניט קריגענדיג קיין ענטפער אריינגעגאנגען. זי איז געבליבען שטעהן פארוואונדערט ניט געפינענדיג אבא'ן. זי איז ארויס אין הויף און פון דאָרט זיך געלאָזט צום פעלד אים זוכען. זי איז געגאנגען שנעל מיט לייכטע טריט א פארגאפטע פון דעם ווארימען ליכט, אָטעמענדיג טיף די פרישע לופט פון די גרינע ברייטע פעלדער. דערזעהענדיג פון ווייטענס אבא'ן שטעהענדיג מיט'ן באלעבאָס פון פארם האָט זי א בארוהיגטע גענומען געהן לאנגזאמער, מער אויפמערקזאם זיך ארומקוקענדיג צו אלעס אויף די פעלדער, מיט באוואונדערינג זיך צוהערענדיג צו די פויגעל קלאַנגען און א בענקענדיג צעצויגענעם מרוקען פון א קו ערגעץ ווייט אויף דער פאשע.

זי האָט גערופען:

— אבא!

אבא האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן אסתר'ן קומען. זי איז געגאנגען אין א לייכטער העל גאָלדענער מאטראסקע מיט א העלען זיידענעם שארפעל אויפ'ן קאָפּ און האָט געטראָטען מיט פאַרזיכטיגע געקליבענע טריט, ווי זי וואָלט זיך געהיט עפּעס ניט צו צעטרעטען און דאָס האָט צוגעגעבען איר לייכטען גאנג עפּעס קינדיש־חנ'עוודיגס, — אבא'ן האָט מיטאמאָל ארומגעכאפּט א ליכטיג און ווארים געפיהל און ער האָט זיך צום ערשטען מאָל אין דער רגע דערפיהלט היימיש און אייגען אין דער ליכטיגער רו פון די ברייטע פרייע פעלדער.

די ערשטע עטליכע טעג אויפ'ן פארם זענען אריבער פאר אסתר'ן מיט אבא'ן אין לייכטער רעגונג פון באוואונדערונג און נייקייט. זיי האָבען דורך די טעג פיעל שפּאצירט און זייער מערסטע צייט פארבראכט ביי די זומפען ברעגען, וואו די ווילדע מאגנאָליען בוימלעך האָבען געשפּרייט ווילדען פאר'שכור'ענדען ריח פון די נאָר וואָס פאנאנדערגעבליטע קנאָספּען.

אויף יענע שפּאצירען האָבען זיי קיינמאָל ניט גערעדט פון היימישע אָדער פערזענליכע זאכען נאָר באוואונדערט און זיך פאראינטערעסירט מיט אלץ, וואָס זיי האָבען געזעהן און באגעגענט, — אסתר, — מיט קינדערשער התפּעלות און פרייד, און אבא — מיט אן אומעטיגען שמייכעל פון א קריינקליך ענטוישטען, וואָס באוואונדערט א צווייטענס פרייד

דערפאר האבען זיי אין די אווענטען זיך ווינענדיג אין די וויג־שטולען אויף דער וועראנדע גערעדט פון דער היים, פון פריינט און באַקאנטע און פון אייגענע פלענער פאר דער צוקונפט. אממערסטען גערעדט האט אסתר, זי האט גערעדט שטיל, ווי סודות׳דיג, און פאר אבא׳ן איז איר שטימע פארלוירען געגאנגען אין דעם אָרקעסטראלען זינג זאנג פון דער זומערדיגער לבנה נאכט. ער האט אליין ניט געוואוסט צו וואס ער הערט זיך צו, צו איר שטים צי צו דעם כשופ׳דיגען זינג זאנג פון דער זילבערנער נאכט.

איינמאל נאך אזא פאל איז אסתר געגאנגען שלאפען און ער איז אליין געבליבען זיצען אויף דער וועראנדע און האט זיך לאנגזאם גענומען פארלירען אין דעם כשוף פון דער נאכט. מיט ברייט צעעפענטע אויגען האט ער געקוקט אין דער וועלט אריין. דורך דעם ווייסען כשוף פון דער נאכט האט זיך די וועלט פאר אים מיטאמאל אנטפלעקט א נאַקעטע, אן אפגעדעקטע אין איר אומענדליכער פארפלאָנטערטקייט מיט אירע מילי־מיליאָנען באזונדערע מענשען?וועלטאלאך, איינגעפלאָנטערט איינער אין אנדערען, איינער אין אנדערען, מיט זייערע פריידען און לייַדען, מיט זייער יוגענד און עלטער, מיט זייער גוטס און שלעכטס, מיט זייערע שטעט און דערפער, מיט זייערע שולען און טורמעס, מיט זייערע טעאטערס און בית עלמינ׳ס, מיט זייערע קנעבט און הערשער, מיט זייערע תפילות און מלחמה־געווער, מיט זייער ליבע און האס, מיט זייער גארען נאך גליק און שרעק פאר׳ן טויט, און אלץ איז געלעגען אנטפלעקט פאר זיין בליק אין אן אומענדליכער נאקעטער פארפלאָנטערטקייט, אונטער דעם כשוף פון דעם זילבערנעם לבנה שיין. און אים האט זיך געדאכט, אז ער אליין איז ניט מער ווי א נאקעטע נשמה ערגעץ אויף א שטערן, און אז ער דארף ערשט געבוירען ווערען און באהעפטען זיין גורל מיט דעם גורל פון אט דער גרויסער פארפלאָנטערטער פאר אים איצט נאקעטער וועלט, און דאס דארף ער פאר זיין געבוירען ווערען אליין זעהן מיט זיינע אויגען אלעם צו וועלכען ער וועט זיך דארפען באהעפטען. און ער האט געזעהן, אז דאס שטעטיל וואו ער דארף געבוירען ווערען ליגט צעשטערט אין חורבות און איבער די חורבות שטעהען צעווארפען איינציגע מצבות און אונטער די מצבות ליגען צום טויט געפייניגטע יענע, וועלכע דארפען זיין זיינע טאטע מאמע, און איבער פוסטע און וויסטע וועגען פון עק וועלט צו עק וועלט האט ער דערזעהן, אין גרויס הפקרות, צעווארפען די

קינדער פון דעם פאָלק צו וועלכען ער וועט זיך דארפען באהעפטען, און איבער אלעם האָט ווי א דינער דורכזיכטיגער שלייער זיך געשפרייט דער בלאם בלויער זילבערנער שיין.

און ער האָט געטראכט: ווען דאָס אלעם זאָל זיין א נ ד ע ר ש!
— און ער האָט דערפיהלט א גרויס בענקשאפט און א גרויס אומבאַהאָלפענקייט. און זיין הארץ האָט געוויינט דאָס געוויין פון בענקשאפט און אומבאהאָלפענקייט. און דאָס געוויין האָט זיך געטראָגען אין דעם זילבערנעם שיין פון דער נאכט און געציטערט איבער דעם אומענדליכען נאקעטען פלאָנטער פון דער וועלט.

זעקסאונצוואנציגסטער קאפיטעל

עס זענען געבליבען עטליכע געצעהלטע טעג צו אבא׳ס מיט אסתר׳ס אפפארען אהיים, און מיט יעדען טאג וואס עס איז געקומען נעהענטער צום צוריקפארען אהיים איז אבא געווארען אומרוהיגער. ער האט געוואוסט, אז קומענדיג צוריק אהיים דארף ער צוריק אריין אין דער רוטין פון דעם טאג־טעגליכען לעבען: די קראם, די קונים, פריינד און באקאנטע, פריזיוו, חתונה, צייטונגען, אפיסעס, געזעץ פראצעדורען, פליכטען, און אומבאהאלפענע סתירות פון יושר און אומרעכט, פון וועלכע ער איז פאר דער גאנצער צייט פון זיין קראנקהייט און נאך ביז איצט געווען אפגעריסען, און צו וועלכע ער דארף זיך מיט זיין צוריקקערען אהיים זיך ווידער צובונדען און זיך פלאנטערען צוזאמען מיט אלעמען אין דעם גרויסען אומפארשטענדליכען פלאנטער. און דאס האט אים געשראקען און באאומרוהיגט. און אסתר האט געפיהלט אבא׳ס אומרו און איז געווען אנטוישט און געקרייגקט. אויף איר האט דאס פרייע זומערדיגע ליכט און די ברייטע פרייע פעלדער געווירקט, ווי אויף א יונגער נעזונטער פלאנץ. זי איז שנעל געקומען צו זיך און אין די ערשטע פאר וואכען זיך ערהאלט פון די אנגעשטרענגטע איבערלעבונגען, וואס זי האט דורכגעמאכט פאר דער צייט פון אבא׳ס קראנקהייט. דאס בלוט אין איר קערפער האט זיך שנעל דורכגענומען מיט׳ן ליכט און ווארימקייט פון דער יונגער זומערדיגער זון און אין אלעם אין איר קערפער האט געבליט מיט דעם פיעל קאלירטען בליט פון פלוימען און קארשען בוימער. איר האט זיך געוואלט ארומלויפען, שטיפען, צערטלען און געצערטעלט ווערען. זי האט געגארט נאך אבא׳ס באריהרונגען און צערטליכקייט און איז שטענדיג געבליבען אנטוישט פון זיינע ליבעם צערטליכקייטען, וועלכע האבען שטענדיג געהויכט מיט א קילער ווייסקייט, ענליך צו דער קילער ווייסקייט פון וואסער ליליען.

דעם טאג, וואס פאר זייער אפפארען, איז אבא אויפגעשטאנען פרי און האט אין גרויס אומרו ארומגעשפאצירט איבער די פעלדער. ס׳האט אים

ארומגענומען א ליכטיגע ווארימקייט און אים האט זיך געדאכט, אז ווען ער זאל ניט דארפען צוריקפארען אין שטאט אריין וואלט אים דא גוט געווען. ער האט זיך צוגעהערט צו דער רו און שטילקייט פון די פעלדער צו וועלכע דאס סוויטשעריי פון פויגעל, דאס ווייטע קרעהען פון א האן, דאס מרוקען פון א קו און דאס ווייטע מענשליכע קול ערגעץ ווייט אנ־טרייבענדיג א פערד האט נאך צוגעגעבען מער רו און שטילקייט צו דער אזוי אויך ברייטער און שטילער רו.

אבא איז צוגעקומען צום פרוכטגארטען און געבליבען שטעהן. פאר זיינע אויגען האט א בלענד געטאן דער פיעלקאלירטער בליט פון די פרוכטבוימער, זיין הארץ האט א ציטער געטאן פאר רעגונג און באוואונ־דערונג. ער איז געשטאנען א פארגאפטער, פאר זיינע אויגען האבען זיך געצויגען לאנגע שורות בוימער און זייערע ברייט צעוואקסענע קרוינען האבען זיך צונויפגעגאסען אין א טויזענט פארביגען בליטען שטורם, וועלכער האט טויזענט פארביג געשפילט און געשווינדעלט פאר זיינע מיט אמאל שכור געווארענע אויגען.

איינציגע בליטען זענען פון זיך אליין שטיל און לאנגזאם געפאלען אויפ׳ן גרינעם גראז, אבא׳ס אויגען האבען מיט בענקשאפט און אומעט נאכגעפאלגט די פאלענדיגע בליטען, מיטאמאל איז זיין בליק געפאלען אויף א ליגענדיגען בוים, ער האט א טראט געטאן נעהענטער. דאס איז געווען פון א שטורם מיט די ווארצלען אויסגעריסענער בוים, די צווייגען זענען געווען פארטרוקענטע, נאר וואו ניט וואו האט געגרינט א בלעטעל, וואו ניט וואו האבען איינציגע קליינינקע בליטען קריינקליך געשמיי־בעלט צווישען די טרוקענע לידיגע צווייגען.

אבא׳ן האט א קלעם געטאן דאס הארץ. ער האט מיט א לאנגזאמען פארטראכטען טראט זיך דערנעהענטערט צום בוים, און אים האט זיך געדאכט, אז דער מיט די ווארצלען אויסגעריסענער בוים ליגט אויסגע־צויגען אויף דער ערד און ראנגעלט זיך אין דער לעצטער גסיסה און וויל ניט דארען, און ציהט מיט די לעצטע כחות דעם זאפט פון דער ערד דורך די אויסגעריסענע און אפגעבראכענע ווארצלען. ער האט געזאגט צו זיך אליין:

— און דאס האט שוין די נאטור געטאן ניט קיין מענשען.. א גורל פון א בוים..

ער האט געטראכט:

ווען מען זאָל קענען דעם בוים צוריק אויפשטעלען און אים צוריק איינוואָרצלען אין דער ערד — אָבער מען קען ניט.. מען קען ניט!.. פארפאלען, א גורל פון א בוים! —

אין אים האָט דאָס הארץ געגרעגט פון אומבאהאָלפענעם פראָטעסט. ער האָט פלוצים א מאך געטאָן מיט דער האנט:

אך, צום טייפעל, עס לוינט זיך אינגאנצען ניט, עס איז אינגאנצען גאָרנישט, מען דארף לעבען און גענוג! האָט געטראָפען וואָס עס האָט געטראָפען, וועט טרעפען וואָס עס וועט טרעפען, דערווייל דארף מען לעבען.

ער האָט דערזעהן פון ווייטען אסתר'ן קומען. ער האָט זיך געלאָזט געהן איר אנטקעגען און צוקומענדיג צו איר, זי אָנגענומען מיט אן אומ־ערוואַרטעטע פרעהליכקייט פארביידע הענט:

— אסתר, לאָמיר חתונה האָבען און דאָ פארבלייבען. לאָמיר ניט צוריקפאָרען אהין.

אסתר האָט געקוקט אויף אים פארוואונדערט און זיך דערפרעהט פון זיין פרעהליכען מיטאמאָל געענדערטען טאָן.

זי האָט געלאכט:

— וואָס וועלען מיר דאָ טאָן?

— איך וועל ארבייטען אויף א פארם, אָדער לאָמיר גאָר קויפען אן אייגענע פארם — ווען מיר וואָלטען געהאט געלט...

אסתר האָט באפרייט אירע הענט, אָנגענומען אבא'ן פאר א האנט און געהענדיג מיט אים צוריק צום הויז א צופרידענע געזאָגט:

— מיר וועלען צוריקקומען וועלען מיר חתונה האָבען, און אז די מלחמה וועט זיך ענדיגען וועלען מיר צוזאמען מיט'ן טאטען קויפען א פארם.

אבא'ס געהויבענע שטימונג האָט מיטאמאָל א זינק געטאָן — אז די מלחמה וועט זיך ענדיגען... זיי זענען געגאנגען א ווײַלע שטיל, מיט־אמאָל האָט זיך אבא א דרעה געטאָן צו אסתר'ן פנים צו פנים:

— לאָמיר בלייבען דאָ, אסתר! —

אסתר האָט אים אָנגעקוקט פארוואונדערט און באאומרוהיגט. און ניט קריגענדיג פון איר קיין ענטפער, האָט ער ווייטער גערעדט:

— וואָס וועל איך דאָרטען טאָן?

— וואָס האָסטו פריהער געטאָן?

— פריהער! — אבא האָט א ציה געטאָן מיט די אקסלען און א זיפץ געטאָן.

אסתר האָט ניט געקענט פארשטעהן, וואָס מיט אבא׳ן איז אזוינס און זי האָט מיט פארדרוס געזאָגט:

— אויב דו ווילסט בלייבען דאָ קאָנסטו בלייבען.

— ניט דאָס אסתר! זיי ניט בייז אויף מיר.

ער האָט א וויג געטאָן מיט א פויסט אין דער לופטען און מיט א פארענדערטען שטרענגען טאָן געזאָגט:

— ווען איך וואָלט קענען מיט א פייערדיגען שווערד אין האנט זיך א לאָז טאָן אין דער וועלט אריין און רעכטס און ליגקס, רעכטס און לינקס... עך! א ב ע ר אזוי...

אסתר האָט אין דער רגע פארשטאנען אבא׳ן, חרטה געהאט אויף איר שטרענגער באנעמונג צו אים און אים צוריקנעמענדיג ביי דער האנט האָט זי שטיל און מיט באזונדערער ווארימקייט און ליבע אין קול געזאָגט:

— לאָמיר בלייבען דאָ נאָך א וואָך, אבא׳לע, איך וועל שרייבען אהיים.

אבא האָט א קוק געטאָן אויף אסתר׳ן מיט גרויס דאנקבארקייט, א זאָג געטאָן, ווי מיט א פלוצימדיגען ריס:

— אסתר! —

געוואָלט נאָך עפעס זאָגען און שטיל געבליבען.

אסתר האָט געזעהן זיינע טרערען און געטראכט, אז זי וועט שרייבען אהיים צו טאטע מאמע, זיי זאָלען קויפען א פארם.

זיבעטאונצוואנציגסטער קאפיטעל

א לבנה נאכט אין יוני. אסתר מיט אבא׳ן האבען זיך געוויגט אין העמאק.

אסתר האט געזאגט: בייגאכט פיהלט זיך אין דער לופט דער ריח פון די מאגנאליעס שארפער ווי בייטאג און זי האט טיף ארייגעצויגען אין זיך דעם שארפען מאגנאליע ריח, וועלכען א צופעליג ווינטעל האט געבראכט צו טראגען פון די ווייטע זומפען.

אבא איז האלב געלעגען מיט׳ן קאפ אנגעשפארט אויף אסתר׳ס קני און האט ניט געקענט אפרייסען די אויגען פון דעם געגענאיבערדיגען פעלד וואו די גרין באזילבערטע נידעריגע זאנגען האבען מיט געבויגענע קעפּ־לעך זיך געיאגט, געיאגט, געיאגט אהן אויפהער, ווי געטריבען עפּעס פון א כשוף.

די בלויליך־זילבערנע לופט איז געווען פול מיט דעם מאנאטאן רו־היגען זינג־זאנג פון גראז פליגען און פעלד זשוקעס. ערגעץ האט דער וויפּ־ער־וויל מיט רירענדער בענקשאפט געזונגען אין דער זילבער־בלויער נאכט אריין וויפּ־ער־וויל — וויפּ־ער־וויל.

אסתר׳ס פינגער האבען מיט לייכטער נערוועזיטעט געבלאנדזשעט אין אבא׳ס געדיכטע האר פון קאפּ.

און ביי אבא׳ן אין הארצען האט מיט א דינער בענקשאפט אפגע־קלונגען דער עכא פון דעם פארליבטען פויגעל׳ס געזאנג: וויפּ־ער־וויל — וויפּ־ער־וויל.

אבא האט פון גארניט געטראכט. ער האט געפיהלט, ווי די נאכט האט אים ארומגעוועבט מיט איר זילבערנעם כשוף און ער איז געווארען א טייל פון דער נאכט.

אסתר האט זיך מיט אמאל א הויב אויף געטאן, זיך אויסגעצויגען מיט פארפלאכטענע הענט איבער׳ן קאפ און מיט א ליידענשאפטליך בענקענדיג קול געצויגען:

— מאג־נא־לי־עס.

אבא האָט דערפיהלט, ווי א שטויס פון עפּעס, ער האָט זיך געטאָן א שטעל אויף און קוקענדיג גלייך אסתר'ן אין די אויגען אריין האָט ער שטיל און ליידענשאַפטליך געזאָגט:

— איך וועל דיר ברענגען מאַגנאָליעס.

אסתר האָט אים ניט פארשטאַנען. ער האָט נאָך אמאָל געזאָגט:

— איך וועל דיר געהן ברענגען מאַגנאָליעס.

אסתר האָט צוגעמאַכט די אויגען און געשמייכעלט:

— איצט?

— יאָ, איצט.

זי האָט בלאַסווערענדיג כמעט אָהן א קול געזאָגט:

— מען דאַרף ניט.

אבא'ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען. ער האָט עקשנות'דיג געזאָגט:

— געה ארויף און טו זיך אויס, איך וועל דיר ברענגען מאַגנאָליעס.

אסתר איז געשטאַנען א בלאַסע, א פארלוירענע, געוואָלט עפּעס זאָגען און ניט געקענט. איר האָט זיך געדוכט, אז פאר אירע אויגען געשעהט א נס אויף וועלכען זי האָט אומבאַוואוסט פאר זיך אליין שוין אומ־געהויער לאַנג געוואַרט. זי האָט געקוקט אויף אבא'ס אויפגערעגטען פּנים, אויף זיינע פינקלענדיגע אויגען, זיך געפרעהט און געשראָקען.

זי האָט געוואָלט זאָגען: „געה ניט“, נאָר געזאָגט האָט זי כמעט אָהן א קול „געה“ — און דער „ניט“ האָט ניט דערגרייכט די ליפּען.

אבא האָט שנעל א קוש געטאָן איר האַנט, זיך ראַש אויסגעדרעהט און מיט שנעלע טריט ארונטערגעלאָפען די טרעפּ פון דער וועראַנדע.

אבא איז געגאַנגען מיט קלינגענדיגע טריט אויף דעם שמאָלען וועג, וואָס פירט צו די מאַגנאָליע זומפּען. ער איז געווען כמעט רוהיג, זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון זיינע אייגענע טריט, פארנומען דעם פיעל־קלאַנגיגען זינג־זאַנג פון די פעלדער און גראָזען. געזעהן ווי די זאַנגען פון ביידע זייטען פעלדער מיט געבויגענע קעפּלאָך יאָגען זיך ערגעץ אין דעם כשוף פון דער נאַכט אריין, און דער וואָהיפּ־ער־וויל האָט מיט בענקשאַפט גערופען צו אים: וואָהיפּ—ער—וויל—וואָהיפּ—ער—וויל און ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דעם בענקענדיגען רוף.

אים האָט זיך געדוכט, אז אלץ וואָס ער זעהט און הערט איז עפּעס

איין גרויסע צויבער־מעשה, און אז ער אליין געהענדיג מיט קלינגענדיגע טריט דאָ אויף דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס איז באַגאָסען מיט אַ העל זילבערנעם שיין איז אויך אַ טייל פון דער צויבער מעשה, און די ווייסע נאַקעטע פרויען געשטאַלט, וואָס שוועבט פאַר זיינע אויגען איז אויך אַ טייל פון דער כשוף׳דיגער נאַכט, ווייט אוועק פון יענעם גרויסען פלאַנ־טער פון שטיין און שטאָל און מענשליכע געשרייען.

אבא איז געבליבען שטעהן פאַר די מאַגנאָליע זומפען, אַן אויגענ־בליק געשטאַנען און געטאָן אַ טראַט אריין צווישען די ווילד צעקרומטע מאַגנאָליע בוימלאַך, זיך דערשראָקען און זיך גלייך בארוהיגט. ער האָט געמאַכט עטליכע טריט אין דעם נאַסען ווייכען גראָז, איז געבליבען שטעהן און האָט אָפּגעריסען אַ קוים צעעפענטע מאַגנאָליע.

ער האָט טיף געאָטעמט דעם שאַרפען פאַר׳שכור׳ענדען ריח און גע־פיהלט אַ מאָדנע הנאה אויסגעמישט מיט שטילען קאַלטען שרעק.

ער איז לאַנגזאַם געגאַנגען און האָט געריסען איינציגע מאַגנאָליעס, פיהלענדיג איבער זיך דעם פולען זילבערנעם שיין פון דער לבנה, און אין דעם שאַרפען שיין האָט ער ניט געזעהן פאַר זיך די בוימלאַך מיט די מאַגנאָליעס, נאָר אומעטום איז פאַר אים געשטאַנען אַ נאַקעטע פרויען געשטאַלט און ער האָט מעכאַניש, ווי אויף עמיצענס באַפעל, געשטרעקט פאַר זיך די האַנט און אָנגערירט ווייסען קאַלטען פרויען קערפּער.

דער הויפען מאַגנאָליעס איז געוואַקסען אין זיינע הענט און ער האָט געריסען נאָך און נאָך.. ער האָט געטראַכט: „שוין גענוג“ און ניט אויפ־געהערט צו רייסען. ער האָט געטראַכט: „איצט וועל איך געהן צוריק“ און איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, רייסענדיג נאָך און נאָך.. און די לאַסט אויף זיין האַנט איז געוואַקסען און געוואַקסען שווערער און שווערער, און פאַר די אויגען איז די נאַקעטע פרויען געשטאַלט געוואַקסען גרעסער און גרעסער און האָט פאַרשטעלט אַליץ. דער קאָפּ האָט זיך אים מאָדנע געדרעהט, עס איז אים געוואָרען היים, ער האָט אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ און זיך אָנגערירט אָן דער נאַקעטער פרויען געשטאַלט. אים האָט זיך געדוכט, אז עפּעס גרויס און שווערס פאַלט אַרונטער פון זיין האַנט, ער האָט פאַרכאַפּט מיט דער צווייטער האַנט, זיך דערשראָקען, געטאָן אַ לאָז אָפּ ביידע הענט און זיך אין שרעק אַ לאָז געטאָן נאָכ׳ן פאַלענדיגען. די פיס האָבען זיך אים אונטערגעהאַקט, ער האָט אַ פאַל גע־טאָן איבער עפּעס ווייס און קאַלטס, אַ ציטער געטאָן און מיט ביידע

העגט ארומגעכאפט דאָס נאקעטע און קאַלטע, צוריק אוועקגעכאפט די הענט איינגענעצטע אין א שטראָם פון בלוט...

ער האָט זיך לאנגזאם געבוינגען איבער עפּעס א ווייסען קערפּער, זיך איינקוקענדיג מיט אויסגעסטארטשטע אויגען, געטראכט א רגע, ווי ער וואָלט זיך געוואלט עפּעס דערמאנען, זיך דערמאנט אין דער אייגענער רגע, האָט זיך זיין פנים געענדערט, געוואָרען אלט און צעפּייניגט, ווי דורך יאָרען און יאָרען פון פּיין און יסורים. ער האָט געבויגען זיין קאָפּ איבער דעם נאקעטען ווייסען, געוואָלט ארומנעמען, זיך אויפהויבען, און איז צוריקגעפאלען. איצט האָט ער שוין געוואוסט און אלעס געדענקט:

— — — דאָס האָט ער געטראָגען זיין שוועסטער'ס נאקעטען קערפּער איבער די חורבות פון דער וועלט. ערגעץ האָט ער געדארפט קומען מיט איר... ערגעץ האָט ער געדארפט קומען מיט איר... און דאָ איז ער געפאלען — — — —

— — — עפּעס האָט ער געדארפט שעלטען און פארשעלטען — — — וועמען — — — וועמען — — — וועמען — — — ? ערגעץ האָט ער געדארפט זי ברענגען צוטראָגען, פאר עמיצען זיך קלאָגען — — פאר עמיצען דערצעהלען — — פאר וועמען — — פאר וועמען — — — — פאר וועמען — — — — ?

(סוף)

איבערזעצונגען:

אינדיאַנער געזאַנגען
אידיש פון דוד איגנאַטאָוו

יהואש

די מעשה מיט דער הודוד־פויגעל און דער מלכה בילקים
(איבערזעצט פון תא׳אליבי אין אראביש)

האנרי בערגסאָן

אַריינפיהר צו מעטאַפיזיק
אַידיש פון וו. נאַטאַנזאָן

אינדיאַנער געזאַנגען

אידיש פון דוד איגנאַטאָוו

רעגען לידער.

.1

הי־איה־אַ נאַאיהאַ־אַ! לאָמיר זיך נעמען זינגען.
לאָמיר זיך נעמען פרעהען. היטשיאַ יאַהינאַ־אַ.
לאָמיר זיך נעמען זינגען, לאָמיר זיך נעמען פרעהען.
דאָס געזאַנג פון דער גרויסער קאַקורוזע. היטשינאַ יאַהינאַ־אַ.
דאָס געזאַנג פון דער קליינער קאַקורוזע. היטשיאַ יאַהינאַ־אַ.

.2

הי־איהיאַ נאַאיהאַ־אַ! מיר זינגען.
און די טונקעלקייט פון אָוועגט פאַלט.
אין אַלע זייטען ארום אונז וויגען זיך די קאַקורוזע פרענז.

היטשיאַ יאַהינאַ־אַ! די טונקעלקייט פון אָוועגט
טרעפט אונז זינגענדיגע, און עס וויגען זיך די קאַקורוזע פרענז.

היטשיאַ יאַהינאַ־אַ! די טונקעלקייט פון אָוועגט פאַלט.
אין אַלע זייטען ארום אונז וויגען זיך די קאַקורוזע פרענז.

היטשיאַ־יאַהינאַ! דאָס ווייסע ליכט פון טאָג־ברוך
טרעפט אונז נאָך אַלץ זינגענדיג.

היאַ־יאַ נייהאַ־אַ! די ערד ברומט
פון דעם קלאַפּען אין אונזער פויק.
די ערד ברומט פון דעם קלאַפּען
פון אונזערע פויקען איבעראַל.
ערד ברומט, עס רעגענט איבעראַל.

.3

הי־היאַ נייהאַ־אַ! פליק אוים די פעדערען
פון די פליגלען פון דעם אָדלער
און ווענדט זיי צו מזרח, וואו עס ליגט דער גרויסער וואַלקען.

היטשיא יאַהינאַ־אָ! פליק אוים דעם ווייבען פוך
פון דער ברוסט פון דעם אָדלער און וועגד זי
אנטקעגען מעריב וואו עס שיפען זיך די קליינע וואָלקענס.

היטשיא יאַהינאַ־אָ! אונטער'ן דאַך
פון די רעגען־געטער טוט דונערען.
גרויסע קאַקורוזען זענען דאָרטען, היטשיא יאַהינאַ!
אונטער'ן דאַך פון די רעגענגעטער טוט רעגענען
קליינע קאַקורוזען זענען דאָרטען.

.4

אָ, מיין ליבער באַרג,
טאַ־יאַללאַננע!
אָ מיין ליבער באַרג,
טאַ־יאַללאַננע!
טאַ־יאַללאַננע!

הויך ארויף אין הימעל
זעה די רעגענ־מאַכער זיצען.
איצטער קומט אהער דער רעגען וואָלקען באַלד,
הע־יא, הא־יא, הע־יא!

קוק נאָר, אונטען,
אלץ וועט באַלד זיין אין בליהונג;
וואו די בלומען שפּראָצען,
וועלען וואַקסען הויך די יונגע קאַקורוזע פלאַנצען.

.5

זעה נאָר, זעה דעם וואָלקען, דעם וואָלקען קומען!
זעה נאָר, זעה נאָר דער רעגען, דער רעגען קומט אָן!

ווער האָט גערעדט?
דאָס קליינע קאַקורוזע זאַנגעל.

הויך פון דעם אויבען פון שטאַם
האָט דאָס געקוקט אויף מיר זינגענדיג,
רעדענדיג פון דער הויך:
„ווען דער רעגען זאָל אהער נאָר קערען.
„אָה, זאָל נאָר דער רעגען אהערצו קומען.“

.6

דאָרטען, דאָרטען דער קאָלירטער רעגענבויגען.
זעה דעם רעגענבויגען העל געפּוצט און געפאַרבט.
איצטער ברייננט דער שוואַלב פרייד־נייעס דיין קאָקורוזע
זינגענדיג: אהערצו, אהערצו, אהערצו, רעגען.
קום אהער, קום אהער! קום!
קום אהער, קום אהער!
איצט הער די קאָקורוזע פּלאַנצען מורמלען:
„מיר וואַקסען איבעראַל!
„הי, איאַי! די וועלט, ווי שען!

א ווינט ליד.

ווינט נעמט איצטער זינגען;
ווינט נעמט איצטער זינגען.
דאָס לאַנד ציהט זיך פאַרביי מיר,
ציהט זיך אוועק פאַר מיר.

ווינט׳ס הויז דונערט אצינדערט;
ווינט׳ס הויז דונערט אצינדערט.
איך געה שרייענדיג איבער׳ן לאַנד,
איבער׳ן לאַנד פאַרהילכט מיט דונער.

איבער די ווינטיגע בערג,
איבער די ווינטיגע בערג,
איז געקומען דער פּילפּיסיגער ווינט,
דער ווינט איז געקומען צולויפען אהער.

דער שווארצער שלאַנג־ווינט קומט צו מיר;
דער שווארצער שלאַנג־ווינט קומט צו מיר,

געקומען און זיך ארומגעוויקעלט,
געקומען אהער צולויפען מיט זיין ליד.

מיט א קרוג וואסער בין איך געקומען גיך
צו מאכען דיך טרינקען.
איך מאך דיך טרינקען דאָס וואסער
און וויג זיך באַרוישט ארום.

צווישען די ברייטע קאַקטוס בלעטער;
צווישען די ברייטע קאַקטוס בלעטער,
איך בין געקומען צולויפען צו דעם אָרט;
איך בין געקומען צולויפען צו דעם אָרט.

דאָס ערשטע געזאַנג פון דונער.

טהאָנאַה! טהאָנאַה
א קול אין דער הויך
דאָס געשריי פון דעם דונער.
אין דעם טונקעלען וואָלקען
קלינגט דאָס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,
טהאָנאַה! טהאָנאַה!
טהאָנאַה! טהאָנאַה!

דאָרט, דאָס קול אין דער נידער,
דאָס קול פון דעם גראָז שפּרינגער
צווישען די פּלאַנצען
קלינגט דאָס נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,
טהאָנאַה! טהאָנאַה!

דאָס צוועלפטע געזאַנג פון דעם דונער.

דאָס קול, וואָס באַשעהנט די ערד.
דאָס קול פון אויבען,
דאָס קול פון דעם דונער
אין דעם טונקעלען וואָלקען.

ס׳קלינגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,
דאָס קול, וואָס באַשעהנט די ערד.

דאָס קול, וואָס באַשעהנט די ערד.
דאָס קול אין דער נידער;
דאָס קול פון דעם גראָז־שפּרינגער
צווישען די פּלאַנצען,
ס׳קלינגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל
דאָס קול, וואָס באַשעהנט די ערד.

דאָס ערשטע געזאַנג פון דעם אויפגעפלאַמטען פלאַקען.

די יונגפרוי, וואָס ווערט פארוואנדעלט אין א בער, ליגט פאנאנדער
פייערען אין די בערג,
אויף א סך פּלעצער.
וואו נאָר זי האָט געוואנדערט,
דאָרט איז א שורה פון ברענענדיגע בערג געוואָרען.

דער אָטער־פיש ליגט פאנאנדער פייערען אין די וואסערען
אויף א סך פּלעצער;
וואו נאָר ער שווימט פארביי,
דאָרט ווערט א שורה פון ברענענדיגע וואסערען.

דאָס לעצטע געזאַנג פון דעם פלאַצענדיגען פלאַקען.

דאָס מיידעל, וואָס ווערט א בער האָט געזוכט די געטער
און געפונען;
אויף די הויכע בערג שפּיצען האָט זי געזוכט די געטער
און געפונען;
פאר וואָר, מיט מיין קרבן האָט זי געזוכט די געטער
און געפונען.
עמיצער גלויבט ניט. איך וויים.

די אויפרופונג צו דזיליי ב'עיאַן.

אויפגעצויגענער אין די בערג!
האר פון די בערג!
יונגער מאַן!
עלטסטער!
איך ריכט אָן אַ קרבן פאַר דיר.
איך גרייט צו אַ רויך פאַר דיר.
דו זאָלסט ווידער מיינע פיס שטאַרקען פאַר מיר.
דו זאָלסט ווידער מיינע קנעכלען שטאַרקען פאַר מיר.
דו זאָלסט ווידער מיין לייב שטאַרקען פאַר מיר.
דו זאָלסט ווידער מיין געדאַנק שטאַרקען פאַר מיר.
דו זאָלסט ווידער מיין קול שטאַרקען פאַר מיר.
שטאַרק אַלץ פאַר מיר אין שענקייט.
מאַך שען אַלץ וואָס איז פאַר מיר.
מאַך שען אַלץ וואָס איז הינטער מיר.
אין שענקייט איז דאָס געטאָן.
אין שענקייט איז דאָס געטאָן.
אין שענקייט איז דאָס געטאָן.
אין שענקייט איז דאָס געטאָן.

אַ טויטען ליד

ער מאַכט מיך ריין
אַ, מאַכענדיג ריין, מאַכענדיג ריין
ער צושטערט ניט דאָס לעבען, —
ער איז דער לעבען מאַכער...

אַ הונט ליד

די לידער גיסען זיך פאַנאַנדער מיט'ן אָוונט
און די ווינטען טראָגען זיך צו דרום,
די ווינטען טראָגען זיך שטאַרקער
בלאָזענדיג מיין עק צו דרום.

שמעטערלינג־פליגלען פאַלען,
שמעטערלינג־פליגלען פאַלען,
פאַלען, און טוען וועה:
מיין וויטאָג איז גרעסער.

זעה די פערד־מענער לויפען נאָך,
זעה די פערד־מענער לאַכען.
זעה די קליינע הינטלאך קומען צולויפען,
זעה די אָרעמע הינט קומען צולויפען,

פרויען לידער

מיך אַרט ניט אויב דו פאַרלאָזט מיך.
א סך שענע יונגען זענען דאָ אין שטאָט.
גיך וועל איך קריגען אַן אַנדערען.
דאָס איז ניט שווער פאַר מיר!

קיין זאַך זאָל מיך איצט ניט הארען.
רעד צו מיר ניט. איך וואָלט וועלען זיין טויט
מיט מיין שוועסטער.

אַ וויג ליד

לאָז מיך שיסען א קליין פייגעלע
פאַר מיין אינגערען ברודער.
לאָז מיך שטעכען אַ קליין פישעלע
פאַר מיין אינגערער שוועסטער.

אַ פרידען ליד נאָך אַ גרויסער שלאַכט

ווען איר וואָלט געשטאָרבען,
קאַגוואַנטאַנס קינדער,
וואָלט איך אָפגעשניטען מיינע האָר פאַר אייך.
אזוי ליב האָב איך אייך.
איך וואָלט אָפגעשוואַרצט מיין פּנים פאַר אייך,
קאַגוואַנטאַנס קינדער.

יהואש:

די מעשה מיט דער הודהוד־פויגעל און דער מלכה בילקיס.

(איבערזעצט פון תא׳ליבי אין אראביש.)

אז שלמה המלך איז פארטיג געווארען מיט בויען דעם בית־המקדש, איז ביי איהם געבליבען, ער זאל מאכען א נסיעה צום הייליגען לאנד *). האט ער געלאזט אנגרייטען צידה לדרך, און האט אויסגעקליבען באלייטער פון מענשען און פון שדים — רוחות און פון אלערליי חיות און פויגלען, ביז זיין חיל האט פארנומען א שטח פון דריי הונדערט מייל. דערנאך האט ער באפוילען דעם לינדען ווינט ער זאל זיי אוועקטראגען. איז ער אנגעקומען אהין און איז דארטען פארבליבען אזוי לאנג ווי עס איז געווען באשערט ער זאל דארטען בלייבען, און ער האט מקריב געווען קרבנות, און פארריכט די נייטיגע מצוות, און נביאות געזאגט פאר זיינע באלייטער, אז עס וועט קומען דער נביא מוחאמעד. אללאה׳ס גענאד און פריד אויף איהם, און ער האט זיי דערצעהלט, אז מוחאמעד וועט זיין דער האר פון נבואה, און דער זיגעל פון די נביאים, און אז אזוי שטעהט גע־שריבען אין די הייליגע ספרים.

דערנאך האט זיך איהם פארגלוסט צו געהן קיין לאנד תימן, איז ער ארוים פון מעקקא אין דער פריה, און האט געדייזט צו דער זייט פון תימן, נאכגעהענדיג דעם שטערן סוהאיל, און איז אנגעקומען ארום מיטאג צייט אין סאנא, וואס דאס נעהמט געוועהנליך א חודש רייז. האט ער דערזעהן א שטיק שעהן לאנד, וואס האט געגלאנצט פון גרינקייט, און ער האט זיך געוואלט דארטען אפשטעלען כדי צו דאוונען, און דערנאך אנבייסען, האט מען געזוכט פאר איהם וואסער, און מען האט ניט געפונען.

געוועהנטליך פלעגט דער פויגעל הודהוד אנווייזען אוואו עס איז דא וואסער. ער פלעגט זעהן דאס וואסער פון אונטער דער ערד, אזוי ווי א מענש קען זעהן וואס עס טוט זיך אויפ׳ן דעק פון א גלאז, און פלעגט וויסען אקוראט דעם ארט און די טיעפקייט וואו דאס וואסער געפינט זיך. פלעגען קומען די גייסטער, און ארויסגראבען דאס וואסער.

---

*) ד. ה. מעקקא.

איז ווען שלמה המלך האט זיך מכין געווען אפצושטעלען, האט זיך דער הודהוד געקלערט, שלמה המלך איז אצונד פארנומען מיט מאכען זיין לאגער. און ער האט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך, און האט גענומען באקוקען די וועלט פאר לענג און פאר בריים, אויף רעכטס און אויף לינקס. האט ער דערזעהן דעם בוימגארטען פון דער מלכה בילקים. האט איהם די גרינקייט צוגעצויגען, און ער איז אהינצו אוועקגעפלויגען. מיט א מאל דערזעהט ער דעם הודהוד פון תימן. האט ער זיך צו איהם אראפגעלאזט.

און דער נאמען פון שלמה המלך'ס הודהוד איז געווען יא'פור, און דער נאמען פון דעם הודהוד פון תימן איז געווען עופאיר. רופט זיך אפ עופאיר צו יא'פור'ן: פון וואנען קומסטו, און וואוהין געהסטו? זאגט יא'פור: איך קום פון סוריא מיט מיין האר שלמה דער זוהן פון דוד המלך עליו השלום. זאגט צו איהם דער הודהוד פון תימן: און ווער איז דאס אזוינס שלמה דער זוהן פון דוד'ן? ענטפערט ער: ער איז דער מלך פון מענשען און פון רוחות און פון חיות און פון ווינטען. און פון וואנען קומסט דו? זאגט יענער: איך קום פון די היגע לענדער. פרעגט יא'פור: און ווער איז איבער זיי דער מלך: זאגט יענער: א פרויענצימער. זאגט יא'פור: און ווי איז איהר נאמען: זאגט ער: מען רופט זי בילקים. און ווי גרויס עס זאל ניט זיין דאס קיניגרייך פון דיין האר, איז איהר קיניגרייך ניט קלענער פון זיינעם, ווארים זי איז די מלכה איבער גאנץ תימן, און זי האט אונטער זיך צוועלף טויזענט הערשער און אונטער יעטוועדער הערשער זיינען הונדערט טויזענט קריגסלייט. אפשר ווילסטו מיט מיר מיטגעהן און אנקוקען איהר עשירות? זאגט ער: איך האב מורא, אז שלמה זאל מיך ניט זוכען, ווען עס וועט קומען די צייט פון דאווגען, און ער וועט דארפען האבען וואסער. זאגט צו איהם דער הודהוד פון תימן: עס וועט דיין האר אודאי פרעהען, אז דו וועסט איהם ברענגען א ידיעה וועגען אונזער מלכה.

איז ער מיט איהם מיטגעפלויגען, ביז זיי זיינען געקומען צו בילקים'ן, און ער האט אנגעקוקט איהר עשירות.

דערווייל האט שלמה המלך געפרעגט ביי די מענשען, וואו עס גע־פינט זיך וואסער, האבען זיי געזאגט: מיר ווייסען ניט. האט ער גע־פרעגט ביי די גייסטער און ביי די שדים, און זיי האבען איהם געענט־פערט: מיר ווייסען ניט. האט ער געזוכט דעם הודהוד, אבער ער האט

איהם אין ערגעץ ניט געפונען. האָט ער געשיקט רופען דעם אָדלער, דעם מלך פון די פויגלען, און האָט צו איהם געזאָגט: ברענגט מיר תיכף דעם הודהוד.

האָט זיך דער אָדלער אויפגעהויבען ביז אונטער'ן הימעל, און ער איז געבליבען אַזוי ווי צוגעקלעפּט אין דער לופטען, און האָט באַקוקט די גאַנצע ערד, אַזוי ווי איינער קוקט אויף אַ שיסעל וואָס ער האַלט אין דער האַנט. דערנאָך האָט ער זיך געקערט אויף רעכטס און אויף לינקס, ביז ער האָט דערזעהן דעם הודהוד פליהענדיג אַקעגען איהם פון דער זייט פון תימן, און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איהם. און ווי דער הודהוד האָט איהם דערזעהן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אָדלער וויל איהם טאָן שלעכטס, האָט ער איהם באַשוואָרען אין דעם נאָמען פון אַללאַה, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך ביי דעם וואָס האָט דיך געשטאַרקט און דיר געגעבען די מאַכט איבער מיר, אַז דו זאָלסט זיך דערבאַרימען אויף מיר, און מיר קיין בייז ניט טאָן. האָט איהם דער אָדלער אָפּגעלאָזען, און האָט צו איהם געזאָגט: אַנווערען זאָל דיך דיין מאַמע! שלמה, דער נביא פון אַללאַה האָט שוין געשוואָרען, אַז ער וועט דיך לאָזען קוילען.

איז געפלויגען דער אָדלער און דער הודהוד ביז זיי זיינען געקומען פאַר שלמה, ווי ער זיצט אויף זיין טראָן. זאָגט דער אָדלער: איך האָב דיר איהם געבראַכט, דו, נביא פון אַללאַה. האָט דער הודהוד גענעהנט מיט אַז אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און אַז אַראָפּגעהאַנגענעם עק, און זיינע פליגלען האָבען זיך געשלעפּט אויף דער ערד, פון גרויס אונטערטעניגקייט פאַר שלמה המלך'ן. האָט שלמה המלך אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און איהם אַ שלעפּ געטאָן פאַר'ן קאָפּ און געזאָגט: וואו ביזטו געוועזען? איך וועל דיך שטראָפען מיט אַ גרויסער שטראָף.

זאָגט דער הודהוד: דערמאָן זיך, דו נביא פון אַללאַה, אַז דו וועסט אויך אַמאָל שטעהן פאַר אַללאַה, גרויס און מאַכטיג איז ער. איז ווי שלמה האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער אַ ציטער געטאָן, און ער האָט איהם מוחל געווען. דערנאָך פרעגט ער איהם: פאַרוואָס האָסטו זיך פאַרשפּעטיגט? זאָגט דער הודהוד: איך האָב זיך דערוואוסט אַ זאַך, וואָס דו ווייסט ניט, און איך האָב דיר געבראַכט אַ ריכטיגע ידיעה פון שבא. איך האָב אויסגעפונען אַז אַ פרוי קיניגט איבער זיי. זי איז גע־

בענשט מיט אלראס גוטס, און זי זיצט אויף א גרויסען טראן. און איך האב אויסגעפונען, אז זיי דינען ניט צו אללאה, נאר צו דער זון.

האט שלמה המלך אנגעשריבען א בריעף: פון אללאה׳ס קנעכט שלמה דער זוהן פון דוד׳ן, צו בילקים, דער מלכה פון שבא: אין דעם נאמען פון אללאה דעם דערבארימער, דעם בארימהארציגען *), פריד אויף דעם, וואס געהט אין ריכטיגען וועג **). איהר זאלט זיך ניט דערוועגען שטעלען אקעגען מיר, נאר קומט און גיט זיך אונטער צו מיר.

און ער האט פארקלעפט דעם בריעף מיט מאשום, און פארזיגעלט מיט זיין זיגעל, און האט געזאגט צו הודהוד: געה מיט דעמדאזיגען בריעף, און וואדף איהם אריין צווישען זיי. דערנאך ציה זיך צוריק, אבער בלייב פון דער נאהענט און זעה, וואס פאר א תשובה זיי וועלען געבען.

האט דער הודהוד גענומען דעם בריעף, און איז מיט איהם אוועק צו בילקים׳ן. און זי איז דענסמאל געווען אין אן ארט וואס מען רופט איהם מא׳ריב און וואס געפינט זיך דריי טעג רייז פון סאנא. און אין איהר פאלאץ איז געווען א פענסטערל וואס איז געווען גלייך אקעגען דער זון, און אז די זון פלעגט אויפגעהן און אריינשיינען אהין, פלעגט די קעניגין זיך בוקען צו איהר. האט דער הודהוד פארשטעלט דאסדאזיגע פענסטער מיט זיינע פליגלען. איז די זון אויפגעגאנגען, און די קיניגין האט זי ניט געזעהן. האט זי זיך געוואונדערט פאר וואס די זון האט זיך פאר־שפעטיגט, און זי איז אויפגעשטאנען א קוק טאן. האט דערווייל דער הודהוד איהר א ווארף געטאן דעם בריעף אין פנים.

איז ווי זי האט דערזעהן דעם זיגעל, אזוי איז זי געווארען שטארק צו־שראקען און אראפגעפאלען, ווארים שלמה המלך׳ס קיניגרייך איז געווען אויף זיין זיגעל. האט זי פארשטאנען גלייך, אז דער וואס האט געשיקט דעם בריעף איז א גרעסערער הערשער פון איהר, און זי האט געזאגט: א מלך וואס זיינע שלוחים זיינען פויגלען, מוז געווים זיין א מאכטיגער מלך. האט זי איבערגעלייענט דעם בריעף, און דער הודהוד האט זיך צוריקגע־צויגען נים ווייט פון איהר.

---

*) די ווערטער מיט וועלכע יעדער סורא אדער קאפיטעל פון קוראן הויבט זיך אן.

**) אזוי ווערט באגריסט א ניט־גלויביגער.

איז זי געגאַנגען און האָט זיך געזעצט אויף איהר קיניגליכען טראָן, און האָט געלאָזט צונויפרופען די גרויסע לייט פון איהר פאָלק, און אַז זיי זיינען געקומען צו זיך און האָבען זיך געזעצט אויף זיין אָרט, האָט צו־זיי געזאָגט בילקיס: אַזאַ און אַזאַ בריעף איז מיר צוגעוואָרפען געוואָ־רען. בכן, איהר גרויסע לייט, זאָלט איהר באַשיידען וואָס איך האָב צו־טאָן און מיר אַן עצה געבען. וואָרים איך וועל קיין זאַך ניט באַשטימען אָהן אייך.

רופען זיי זיך אָפּ צו איהר: מיר זיינען מענשען מיט גבורה און מיט גרויס מוטיגקייט פאַר מלחמה, אָבער באַפעהלען מוזטו, און וואָס דו וועסט הייסען, וועלען מיר געהאָרכען דיין באַשלוס.

זאָגט זי: איך וועל זיי שיקען אַ מתנה, וועל איך זעהן מיט וואָס די שלוחים וועלען זיך אומקעהרען, מיט דער מתנה אָדער אָהן איהר. אויב ער איז גלאַט אַ מלך, וועט ער צונעהמען די מתנה און וועט אָוועקגעהן פון אונז, אָבער אויב ער איז אַ נביא, וועט ער זי אָפּשיקען צוריק, און וועט אַנדערש ניט זיין צופרידען, סיידען מיר וועלען אָננעהמען זיין אמונה.

האָט בילקיס באַפוילען מען זאָל איהר ברענגען פינף הונדערט מיידלאַך און פינף הונדערט יונגען, און זי האָט געלאָזט אָנקליידען די מיידלאַך אין מאַנסבילשע קליידער, מיט מאַנטלען און מיט גאַרטלען, און די יונגען האָט זי געלאָזט אָנקליידען אין מיידעלשע קליידער, און זי האָט געלאָזט אָנטאָן אויף זייערע הענט גילדערנע אָרעמבענדער און אויף זייערע העל־זער גילדערנע האַלזבענדער און אין זייערע אויערען אוירינגען און צירונ־גען באַפּוצט מיט אַלערליי טייערע שטיינער, און זי האָט געהייסען אַרויפזעצען די מיידלאַך אויף פינף הונדערט אַגערס, און די יונגען אויף פינף הונדערט שקאַפּעס. אויף יעטוועדער פערד איז געווען אַ גילדערנער זאַטעל באַזעצט מיט טייערע שטיינער, און באַדעקט מיט געפּאַרבטען בראָקאַט. אויך האָט זי איהם געשיקט פינף הונדערט ציגעל פון זילבער, און אַ קרוין איינגעפאַסט מיט פערל און מיט טייערען סאַפּירשטיין, און מאַשום, און אַמבער און שמעקעדיגע געווירצען. און זי האָט גענומען אַ קעסטעלע און האָט אַריינגעלעגט דערין אַ טייערען ניט דורכגעשטאָכענעם פערל, און קאָרעלען וואָס זיינען געווען דורכגעשטאָכען קרום און פאַר־דרעהט, און זי האָט גערופען אַ מאַן פון די גרויסע לייט פון איהר פאָלק,

וואס זיין נאמען איז געווען אלמונדיר איבן עמר, און זי האט מיטגע־שיקט מיט איהם געשיידטע לייט פון פאלק, און זי האט זיי מיטגעגעבען א בריעף, אין וועלכען זי האט געזאגט: אויב דו ביזט א נביא, טא דער־קען צווישען די שקלאפען און שקלאפינס, און זאג וואס אין קעסטעלע געפינט זיך איידער דו עפענסט עס אויף. דערנאך האט זי אנגעזאגט די יונגען: אז שלמה רעדט צו אייך, זאלט איהר ריידען צו איהם מיט א וויבערשען קול, און די מיידלאך האט זי אנגעזאגט, זיי זאלען ריידען מיט א מאנסבי׳לשען קול. און זי האט אנגעזאגט דעם שליח: קוק זיך צו אויף דעם מענשען, ווען דו געהסט אריין צו איהם, אויב ער ווערט אין כעס, זאלסטו וויסען, אז ער איז בלויז א מלך, און זיין אנבליק זאל דיך ניט דערשרעקען, ווארים איך בין גרעסער פון איהם. אויב אבער דו זעהסט, אז ער איז א מילדער און א ליעבער מענש, ועסט וויסען, אז ער איז א געשיקטער נביא. זאלסטו זוכען צו פארשטעהן זיינע ווערטער, און ברענג מיר א באשייד.

איז אוועק דער שליח מיט די מתנות, און ווי דער הודהוד האט דאס דערזעהן, אזוי איז ער אויף גיך פאראויס אוועקגעפלויגען צו שלמה׳ן, און ער האט איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. האט שלמה באפוילען די גייסטער, זיי זאלען איהם מאכען ציגעל פון גאלד און פון זילבער. דאן האט ער זיי באפוילען, זיי זאלען אויסשפרייטען א שטח פון ניין מייל ארום דעם ארט וואו ער איז געווען מיט די גילדערנע און זילבערנע ציגעל, און זיי זאלען מאכען ארום דעם פלאץ א הויכע מויער פון גאלד. און זיי האבען אזוי געטאן. דערנאך האט ער צו זיי געזאגט: וואס איז די שעהנסטע בהמה וואס איהר האט געזעהן אין ים אדער אויף דער יבשה. האבען זיי געזאגט: נביא פון אללאה, מיר האבען געזעהן אין ים א בהמה מיט פארשיידענע קאלירען מיט פליגלען און א גריווע און א טשוב פארענט. האט שלמה געזאגט: ברענגט זיי תיכף. האבען זיי זיי געבראכט, און שלמה האט געזאגט: בינדט זיי צו רעכטס און לינקס פון דעם פלאץ אויף גילדערנע און זילבערנע ציגעל, און ווארפט אן דע־רויף פוטער פאר זיי. דאן האט שלמה געזאגט צו די גייסטער: ברענגט אהער אייערע קינדער. האט זיך אנגעזאמעלט א גרויסע מחנה, און ער האט זיי אויסגעשטעלט לינקס און רעכטס פון דעם פלאץ. דענסמאל האט זיך שלמה געזעצט אויף זיין טראן, און ער האט געלאזט אוועק־

שטעלען פיער טויזענט שטולען פון זיין רעכטער זייט, און פיער טויזענט שטולען פון זיין לינקער זייט, און ער האָט באַפוילען די שדים, זיי זאָלען זיך אויסשטעלען אין רייהען, און ער האָט באַפוילען די מענשען זיי זאָלען זיך אויסשטעלען פאַר מיילען, און ער האָט באַפוילען די חיות און די לייבען און די קעמלען און די פויגלען, זיי זאָלען זיך אויסשטעלען פאַר מיילען, און זיי האָבען זיך אויסגעשטעלט פאַר מיילען פון זיין רעכטער זייט און פון זיין לינקער זייט.

און ווי יענע לייט זיינען אָנגעקומען, און זיי האָבען גענעהנט צו דעם פּלאַץ, און זיי האָבען געזעהן די בהמות, וואָס זייער אויג האָט קיינמאָל אַזוינס ניט געזעהן, וואָרפען זייער מיסט אויף די זילבערנע און גילדערנע ציגלען, אַזוי איז זיי דער אָטעם קורץ געוואָרען, און זיי האָבען אוועקגעוואָרפען אַלע מתנות וואָס זיי האָבען געהאַט מיט זיך, און ווי זיי האָבען דערזעהן די שדים, האָבען זיי זיך דערשראָקען פאַר זיי. האָט מען זיי געזאָגט: געהט דורך און האָט קיין מורא ניט. זיינען זיי דורכגעגאַנגען דורך מחנות און מחנות פון גייסטער און פון מענשען און לייבען און פויגלען און ווילדע חיות, ביז זיי זיינען געשטאַנען פאַר שלמה המלך פריד אויף איהם. האָט שלמה אַ קוק געטאָן מיט אַ פריינטליכער מינע און אַ ליכטיגען פּנים, און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס קומט הינטער אייך? האָט איהם דער הויפּט פון די לייט דערצעהלט וואָס זיי האָבען געבראַכט, און ער האָט איהם געגעבען דעם בריעף פון דער מלכּה. און ווי ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהם, און איהם איבערגעלייענט, האָט ער צו זיי געזאָגט: וואו איז דאָס קעסטעלע? האָט ער עס איהם דערלאַנגט, און ער האָט עס אַ שאָקעל געטאָן, איז געקומען דער מלאך דזשיבריל (גבריאל), פריד אויף איהם, און איהם אויסגעזאָגט וואָס אין קעסטעלע איז דאָ. האָט ער זיך אָפּגערופען: אין קעסטעלע איז דאָ אַ טייערער פּערל וואָס איז ניט דורכגעשטאָכען, און קאַרעלען וואָס זיינען דורכגעשטאָכען קרום. האָט דער שליח צו איהם געזאָגט: האָסט געטראָפען, אָבער שטעך דורך דעם פּערל, און ציה אַריין אַ פאָדעם אין די קאַרעלען. האָט שלמה, פריד אויף איהם, געזאָגט: ווער קען עס מיר דורכשטעכען? און ער האָט געפרעגט די מענשען, אָבער קיינער צווישען זיי איז ניט געווען וואָס זאָל דאָס קענען טאָן. האָט ער געפרעגט ביי

די נייסטער, און צווישען זיי איז אויך ניט געווען קיינער וואָס זאָל עס קענען טאָן. דעמאָלט האָט ער געפרעגט די שדים, האָבען זיי צו איהם געזאָגט: שיק נאָך דעם בוים־וואָרעם. האָט ער נאָך איהם געשיקט, און ווי ער איז געקומען, האָט ער גענומען אַ האָר אין זיין מויל, און איז דורכגעגאַנגען דורך דעם פּערל, ביז ער איז אַרויס פון דער אַנדער זייט. האָט שלמה צו איהם געזאָגט: בעט וואָס דו באַדאַרפסט. זאָגט ער: איך וויל אַז מיין שפּייז זאָל זיין אין בוים. זאָגט שלמה: דו זאָלסט עס האָבען. דערנאָך זאָגט שלמה: ווער קען אַריינציהען אַ פאָדעם אין די קאָרעלען. האָט געזאָגט אַ וויים ווערעמעל: איך, נביא פון אַללאַה. און דאָס ווערעמעל האָט גענומען אַ פאָדעם אין מויל און איז אַריין אין איין זייט און אַרויס פון דער אַנדער זייט. זאָגט צו איהם שלמה המלך: וואָס איז דיין באַדערפעניס? זאָגט דאָס ווערעמעל: אַז מיין שפּייז זאָל זיין אין די פּרות. זאָגט ער: דו זאָלסט עס האָבען. דערנאָך האָט ער דערקענט צווישען די יונגען און מיידלאַך מיט וואָס ער האָט זיי געהייסען זיי זאָלען וואַשען זייערע פּנים׳ער און זייערע הענט. און די מיידלאַך האָבען גענומען דאָס וואַסער פון דער כלי אין איין האַנט און אַרויפגעגאָסען אויף דער אַנדער האַנט, און דערנאָך באַשפּריצט דעם פּנים, און די יונגען האָבען גענומען פון דער כלי מיט ביידע הענט און געשפּריצט אויפ׳ן פּנים. די מיידלאַך האָבען געגאָסען אויף דער פאָדערשטער זייט פון אָרעם, און די יונגען האָבען געגאָסען אויף דער אונטערשטער זייט פון אָרעם. די מיידלאַך האָבען געגאָסען מיט אַ פּליוך, און די יונגען האָבען געלאָזט לויפען צו ביסלאַך אויפ׳ן אָרעם. און אַזוי האָט ער זיי דערקענט. דאַן האָט שלמה אָפּגעגעבען צוריק אַלע מתנות, און ער האָט געזאָגט: איהר ווילט מיר ברענגען עשירות? אָבער אַללאַה האָט מיר געגעבען בעסערס ווי ער האָט אייך געגעבען. איהר פרעהט זיך מיט אייער מתנה, ווייל איהר זייט מענשען, וואָס ווילען גרויסקייט און רייכטום אויף דער וועלט, אָבער איך דאַרף ניט די וועלט, וואָרים אַללאַה האָט מיר געשאָנקען וואָס ער האָט ניט געשאָנקען קיין באַשעפעניס, און דערצו האָט מיר אַללאַה, געלויבט און געאַכפּערט איז ער, מיר אויסגעצייכענט מיט נבואה און מיט חכמה. און ער האָט געזאָגט צו אַלמונדיר איבן עמר: קעהר זיך אום צו זיי מיט די מתנות, און מיר וועלען קומען צו זיי מיט אַ חיל, קעגען וועמען זיי קענען זיך ניט

שטעלען, און מיר וועלען זיי באצווינגען, אויב זיי וועלען זיך ניט אונ־טערגעבען.

און ווי דער שליח פון בילקיס האט זיך אומגעקערט צו איהר פון שלמה׳ן, און האט עס איהר דערצעהלט, האט זי געזאגט: ביי אללאה! ער איז ניט קיין געוועהנטליכער מלך, און מיר קענען קעגען איהם גארניט אויספיהרען.

— —

האַנרי בערגסאָן:

אריינפיהר צו מעטאַפיזיק.

ווען מען פארגלייכט די דעפיניציעס פון מעטאַפיזיק און די אויפפאַסונגען פון דעם אבסאָלוטען איינע מיט די אנדערע, מערקט מען, דאַס טראָץ דעם, וואָס אויף דעם ערשטען בליק געהען זיך די פילאָסאָפען פאַנאַנדער, זענען זיי מסכים, אז עס זענען פאראַן צוויי טיעף פארשידענע אופנים, ווי אזוי צו דערקענען א געגענשטאַנד. איין וועג פון דערקענען איז צו דרעהען זיך ארום דעם געגענשטאַנד, דער אַנדערער איז אריינצודרינגען אינווענינג אין דעם געגענשטאַנד. איינער הייגגט אָפּ פון דעם שטאַנדפּונקט, וואָס מיר נעמען אָן, און פון די סימבאָלען דורך וועלכע מיר דריקען זיך אויס. דער אנדערער געהט ניט ארויס פון קיין געזיכטספּונקט און שטיצט זיך ניט אויף קיינע סימבאָלען. דער ערשטער מין דערקענט ניט, שטעלט זיך אָפּ, קאָן מען זאָגען, ביי דעם ר ע ל א־ט י ו ו ע ן. דער צווייטער, וואו אַזאַ איז מעגליך, דערגרייכט דאַס א ב ס אָ ל ו ט ע.

לאָמיר נעמען אלם ביישפּיעל די באַוועגונג פון אַ זאַך אין רוים. איך וועל אויפנעמען די באַוועגונג לויט דעם באַוועגליכען אדער אומבאַוועגליכען פּונקט פון וועלכען איך קוק אויף איהר: איך וועל זי אויסדריקען אין סיסטעמען פון אַקסען און מערקפּונקטען. וואָס אין שייכות צו זיי שטעל איך מיך פאַר די באַוועגונג, דאָס הייסט אין די סימבאָלען. וואָס אין זיי האָב איך איבערזעצט די באַוועגונג. אוים די ביידע גרונדען, רוף איך אַזאַ באַוועגונג אַ ר ע ל אַ ט י ו ו ע: אין דעם ערשטען ווי אין דעם צווייטען פאַל שטעה איך דרויסען פון דער זאַך גופא. ווען איך רעד אָבער וועגען אַן אַ ב ס אַ ל ו ט ע ר באַוועגונג שרייב איך צו צו דער באַוועגענדער זאַך אן אינערליכע, אַ גייסט־צושטאַנד, אזוי צו זאָגען. דאָס מיינט אויך, אז איך פיהל מיט מיט די דאַזיגע צושטאַנדען, און, אז דורך אַ שטאַרקע אנשטרענגונג פון דעם כח הדמיון פארזעץ איך זיך אינווענינג אין זיי. יעמאָלט וועט זיך בייטען מיין ערפאהרונג מיט דער באַוועגליכקייט אדער אומבאַוועגליכקייט פון דער

זאך, מיט איהר אנעמען אזא אדער אנדערער ארט באוועגונג. מיין עמפפינדונג וועט זיך ניט ווענדען אין דעם געזיכטספונקט, וואס פון איהם זעה איך די זאך, מחמת איך בין דאך אליין אין דער זאך, און ניט אין די סימבאלען, וואס אין זיי האב איך איבערזעצט די באוועגונג, ווייל איך האב דאך צוריקגעוויזען אלע איבערזעצונגען, בכדי איך זאל באזיצען דעם אריגינאל. קורץ, איך וועל שוין ניט אויפפאסען די באוועגונג פון דרויסען, און אויסער האלב פון מיר, נאר פון אינוועניג, ווי זי איז אין זיך זעלבסט. אין מיין רשות, הייסט עס, וועט זיין אן אבסאלוטעס.

לאמיר נעמען נאך א ביישפיעל, דעם מאל, א העלד וועמענס אייבערלעבענישען ווערען אין א ראמאן געשילדערט. וויפיעל שטריכען פונ'ם העלדס כאראקטער דער מחבר פונ'ם ראמאן זאל פאר מיר ניט אנווארפען, וויפיעל ער זאל ניט לאזען זיין העלד רעדען און האנדלען, קאן ער דאך מיר ניט געבען דעם איינפאכען און אומצוגלידערטען געפיהל, וואס איך וואלט דורכגעלעבט, ווען איך וואלט געווען ביכלת פאר איין אויגענבליק מיך אידענטיפיצירען מיט דער פערזענליכקייט פונ'ם העלד גופא. זיינע ווערטער, באוועגונגען און האנדלונגען וואלטען דעמאלט געפלאסען פאר מיינע אויגען נאטירליך, דאס הייסט פון מקור זעלבסט. זיי וואלטען שוין ניט געווען מעהר קיין צופעליגקייטען, וואס ווען זיי ווערען צוגעגעבען צום באגריף, וואס איך האב שוין וועגען העלד, הערען זיי ניט אויף רייכער צו מאכען דעם באגריף, ניט קאנענדיג אבער איהם פאלשטענדיג צו מאכען. די פערזענליכקייט וואלט זיך צו מיר מיט אמאל אין איהר גאנצקייט אנטפלעקט. און מיר וואלט זיך געדוכט, אז די טויזענדער צופעליגקייטען, וואס דורך זיי מאניפעסטירט זיך די פערזענליכקייט, ווערען ניט צוגעגעבען צום באגריף וועגען העלד, נאר אדרבה, זיי רייסען זיך אפ פון אהים, און דאך שעפען זיי ניט אויס און מאכען ניט ארימער דעם עסענץ פונ'ם באגריף. אלץ וואס ווערט מיר דערצעהלט וועגען דער פערזענליכקייט, גיט מיר אזוי פיעל געזיכטספונקטען, וואס פון זיי קאן איך די פערזענליכקייט באטראכטען. אלע שטריכען, וואס כאראקטעריזירען די פערזענליכקייט, און וואס קאנען זיך מיט איהר באקאנט מאכען נאר דורך פערזאנען און זאכען, וואס מיט זיי בין איך שוין באקאנט, זענען צייכענס, וואס דריקען אויס די פערזענליכקייט מעהר אדער ווייניגער סימבאליש. סימבאלען און גע־

זיכטספונקטען. אלזא. שטעלען מיר אויסער האַלב דער פּערזענליכקייט: זיי גיבען מיר דאַס. וואָס זי פאַרמאַגט געמיינזאַם מיט אַנדערע, און ניט דאַס. וואָס געהערט צו איהר, און נאָר צו איהר; דאָס אבער, וואָס איז באמת איהרס. דאָס וואָס שטעלט מיט זיך פאַר איהר תמצית, קאָן ניט פון דרויסען באַנומען ווערן. מחמת עס איז דאָך לויט דעם באַגריף נאָך אינערליך, און עס קאָן ניט אין סימבאָלען אויסגעדריקט ווערען, ווייל עס קאָן ניט געמאָסטען ווערן מיט קיין אַנדער זאַך. באַשרייבונג, געשיכטע און אַנאַליז לאָזען מיך דאָ איבער אין׳ם רעלאַטיווען. דאָס אבסאָלוטע באקום איך נאָר דעמאָלט. ווען איך טרעף מיך צונויף מיט דער פּערזענליכקייט גופא.

אין דעם זין, און נאָר אין דעם זין, האָט א ב ס אָ ל ו ט ה י י ט די זעלבע באַדייטונג וואָס פ אָ ל ק אָ מ ע נ ה י י ט. אַלע פאָטאָגראַפיעס פון א שטאָט, גענומען פון אַלע מעגליכע אַנזיכטס פונקטען — מעגען זיי גענומען ווערן אין אַן אונענדליכער צאָל, איינע בעסער פאַר דער אַנדערער — וועלען זיך קיין מאָל ניט פאַרגלייכען צום פּלאַסטישען פאַרבילד פון דער שטאָט זעלבסט, אין וועלכער מיר געהען אַרום. אַלע איבערזעצונגען פון א געדיכט אין אַלע מעגליכע שפּראַכען. וועלען. דורך דעם סכום פון זייערע זין־שאַטירונגען, צוגעבען נייע נואַנסען, וואָס וועלען איינע די אַנדערע קאָרעגירען, וועלען שאַפען א מעהר און מעהר טרייען בילד פון דעם געדיכט — זיי וועלען אבער קיין מאָל ניט איבערגעבען דעם אינערליכען זין פון דעם אָריגינאַל. א פאָרשטעלונג, וואָס ווערט אַרויסגערופען פון א געוויסען געזיכטספונקט, און איבערזעצונג, וואָס ווערט געמאַכט אין געוויסע סימבאָלען, וועלען שטענדיג בלייבען אומפאָלקאָמען אין פערגלייך מיט׳ן געגענשטאַנד, וואָס פון איהם איז די פאָרשטעלונג געמאַכט געוואָרען, אָדער וואָס איהם האָבען די סימבאָלען געזוכט אויסצודריקען. דאָס אבסאָלוטע אָבער, וואָס איז דער געגענשטאַנד אַליין, און ניט קיין פאָרשטעלונג, דער אָריגינאַל, און ניט קיין איבערזעצונג, איז פאָלקאָמען, דערפאַר, ווייל עס איז פאָלקאָמען דאָס וואָס עס איז.

א דאַנק דעם, איז ד אָ ס א ב ס אָ ל ו ט ע בלי ספק אָפט אידענטיפיצירט געוואָרען מיט דעם אונענדליכען. ווען איך זאָל וועלען עמיצען, וואָס פאַרשטעהט ניט קיין גריכיש, איבערגעבען דעם איינפאַכען

איינדרוק, וואס האמער'ס א פערז מאכט אויף מיר, וואלט איך קודם איבערזעצט דעם פערז, נאכהער וואלט איך געמאכט א פרוש אויף די איבערזעצונג, צולעצט וואלט איך דעם פרוש ענטוויקעלט, און איין דערקלערונג נאך דער אנדערער וואלט מיך אלץ נעהנטער און נעהנטער געבראכט צו דאס, וואס איך האב געוואלט ארויסברייננגען, דערגרייכט אבער וואלט איך עס קיין מאל ניט. ווען עמיץ טהוט א הויב זיין ארעם, מאכט ער א באוועגונג, וואס פון איהר האט ער אינערליך אן איינפאכע עמפפינדונג, פאר מיר אבער, וואס קוקט אויף די באוועגונג פון דרויסען, באוועגט זיך זיין ארעם דורך איין פונקט, נאכהער דורך אנ'אנדערן, און צווישען די דאזיגע פונקטען ליגען נאך אנדערע פונקטען, וואס זיי צוצעהלען וואלט געווען אן אונענדליכער פראצעס. ווען מיר באטראכטען אלזא דאס אבסאלוטע אינערליך, איז עס אן איינפאכע זאך, טהוען מיר אבער אויף דעם א בליק אויסערליך, ד. ה., רעלאטיוו צו אנדערע זאכען, ווערט עס אין בעצוג צו די צייכענס, וועלכע דריקען עס אויס, א גאלדענע מטבעה, וואס איהר ווערט קאן קיינמאל ניט ערשעפט ווערען. און דאס, וואס קאן גלייכצייטיג אי אלס אונצוטיילטעם באטראכט ווערען, אי אהן א שעור געטיילט ווערען, איז, לויט דעם באגריף פון ווארט, אונענדליך.

דעריבער קומט אויס, אז דאס אבסאלוטע קאן נאר אין א *אינטואיציע* געגעבען ווערן, וועהרענד אלעם איבריגעס געהערט צו דער ממשלה פון *אנאליז*. *אינטואיציע* איז א מין *אינטעלעקטועלער מיטגעפיהל*, וואס א דאנק איהם קאן איינער אריינדרינגען אינוויינינג אין דעם געגענשטאנד, כדי דארט אנטרעפען דאס, וואס איז איין און איינציג און, פאלגליך, אונאויסדריקליך. אנאליז, פארקעהרט, איז די ארבייט פון געדאנק, וועלכע רעדוצירט דעם געגענשטאנד צו עלעמענטען, וואס זענען שוין אונז באקאנט, דאס הייסט צו עלעמענטען, וואס דיזער געגענשטאנד פארמאגט געמיינזאם מיט אנדערע געגענשטאנדען. צו אנאליזירען הייסט, דארום, אויסצודריקען א זאך דורך עפעס אנדערש ווי דאס, וואס די זאך אליין איז. יעדער אנאליז איז, אלזא, אן איבערזעצונג, אן אנטוויקלונג אין סימבאלען, א בילדליכע פארשטעלונג, וואס קומט צו אונז פון א רייהע געזיכטספונקטען, וועלכע גיבען אונז די מעגליכקייט צו מערקען אזוי פיעל וויפיעל נאר מעגליך

עהנליכקייט צווישען דעם נייעם געגענשטאנד, וואס מיר שטודירען, און די אנדערע געגענשטאנדען, וואס זיי, גלויבען מיר, ווייסען מיר שוין. אין זיין אייביג אומגעשטילטען פארלאנג צו גרייפען דעם געגענשטאנד, ארום וועלכען ער איז פארמשפ׳ט זיך צו דרעהען ווי ארום א קרייז, מעהרט דער אנאליז אהן א שיער און אהן אן ערך די צאהל פון זיינע געזיכטספונקטען, כדי ער זאל פארפאלשטענדיגען די קיינמאל ניט פארשטענדיגע פארשטעלונג, און ער ווערט ניט מיעד צו ענדערען זיינע סימבאלען, כדי צו פארפאלקאמען די תמיד אומפאלקאמענע איבערזעצונג. דארום פיהרט דער אנאליז צום אונענדליכען. אינטואיציע, אבער, אויב אזעלכע איז מעגליך, איז אן איינפאכער פראצעס.

גיבען מיר דאס צו, איז שוין לייכט איינצוזעהען, אז די טאגטעגליכע ארבייט פון דער פאזיטיווער וויסענשאפט באשטעהט אין אנאליזירען. די פאזיטיווע וויסענשאפט ארבייט מעהר פון אלץ מיט סימבאלען, אפילו די קאנקרעטסטע נאטור וויסענשאפטען, די וואס וואס פארשען דאס לעבען, פארנעמען זיך אויך מיט די אויגענשיינליכע פארמען פון לעבעדיגע נפשות, מיט זייערע אברים און אנאטאמישע עלעמענטען. זיי פארגלייכען די פארמען איינע מיט די אנדערע, די מעהר פיעלפאכע פארמען פיהרען זיי צוריק אויף די מעהר איינפאכע. אין קירצערע ווערטער, זיי שטודירען די פונקציעס פון לעבען אין דעם, אזוי צו זאגען, זיכטבארען סימבאל פון לעבען. אויב עס איז פאראן א מיטעל אויפצופאסען די רעאליטעט אבסאלוט, אנשטאט זי צו דערקענען רעלאטיוו, זיך אינוועניג אין איהר צו פארזעצען, אנשטאט צו באטראכטען זי פון דרויסענדיגע געזיכטספונקטען, צו האבען וועגען איהר אן אינטואיציע, אנשטאט צו מאכען פון איהר אן אנאליז, בקצור, זי צו דערגרייפען אהן וואסער ס׳איז אויסדרוק, איבערזעצונג, אדער סימבאלישער פארשטעלונג — איז דער דאזיגער מיטעל: מעטאפיזיק. *מעטאפיזיק איז, אלזא, די וויסענשאפט, וואס וויל אויסקומען אהן סימבאלען.*

עס איז דא, לפחות, איין רעאליטעט, וואס זי גרייפען מיר אלע פון אינוועניג דורך אינטואיציע, און ניט דורך בלויזען אנאליז, דאס איז אונזער אייגענע פערזענליכקייט, בעת זי פליסט אין דער צייט — אונזער זעלבסט, וואס דויערט, אפילו אויב מיר לעבען זיך ניט צונויף

אינטעלעקטועל מיט קיין אנדער זאך, לעבען מיר זיכער זיך צונויף מיט אונזער אייגענעם זעלבסט.

ווען איך שטעל מיר פאר מיין אייגענעם זעלבסט פאר א רגע ניט אקטיוו, און שטעל אן אויף איהם דעם אינערליכען בליק פון מיין באַוואוסטזיין, מערק איך צום אלעם ערשטען, אין דער פאָרם פון א פאַר־גליווערטער קרוסטע אויף דער אויבערפלעך, אלע עמפפינדונגען, וואס קומען צום זעלבסט פון דער מאטעריעלער וועלט. די עמפפינדונגען זענען גענוי, באשטימט, שטעהען, אדער קאנען געשטעלט ווערן, איינע נעבען די אנדערע, זיי האלטען דערביי, אז זיי זאלען זיך גרופירען אין אביעקטען. נאכהער מערק איך די זכרונות וועלכע געפינען זיך מעהר אדער ווייניגער אין צוזאמענהאנג מיט די עמפפינדונגען, און העלפען זיי צו דערקלערען. די זכרונות, ווערענדיג געצויגען צו דער אויבערפלעך פון די עמפפינדונגען, צו וועלכע זיי זענען עהנליך, האבען זיך ווי אבגעריסען פון דער טיפעניש פון מיין זעלבסט: זיי שטעהען אויף מיין זעלבסט, זיי זענען אבער ניט מיין זעלבסט אין דעם אבסאלוטען זין. ענדליך פיהל איך שטרעבונגען און באוועגונגס געוואוינהייטען — א מענגע פון ווירקזאמע טעטיגקייטען, וואס זענען מעהר אדער ווייניגער פארבונדען מיט די עמפפינדונגען און ערינערונגען, און וואס מעהר די דאזיגע עלעמענטען, מיט זייערע גענוי באשטימטע פארמען, טיילען זיך אוים איינע פון די אנדערע, אלס מעהר זעהען זיי אוים צו זיין אבגעטיילט פון מיר. און ארויסשטראהלענדיג, ווי די דאזיגע עלעמענטען שטראהלען ארוים פון אינווענייג אין דרויסען ארוים צו, בילדען זיי אלע צוזאמען אן אויבער־פלעך פון א קוגעל, וואס איז גענייגט זיך צו דערוויטערען און צו פאַר־לירען זיך אין דער דרויסענדיגער וועלט: ווען איך ציה מיך אבער צוריק פון דער פעריפעריע צום צענטער, ווען איך זוך אין דער טיפעניש פון מיין וועזען דאס, וואס עס איז אם גלייכמעסיגסטען, אם באשטענ־דיגסטען און אם דויערהאפסטען אין מיין איך, געפין איך גאר עפּעס אנדערש.

אונטער די שארף געשניטענע קרישטאלען, אונטער דער פארשטאַר־טער אויבערפלעך, שטוים איך מיך אן אויף אן אונאויפהערליך לויפענ־דען שטראם, וואס קאן זיך ניט פארגלייכען צו וואסער עס איז שטראם, וואס איך האב ווען עס איז געזעהען. דער שטראם באשטעהט פון א

רייהע צושטאַנדען, וואָס יעדער איינער פון זיי איז מודיע דאָס וואָס געהט קומען, און ענטהאַלט אין זיך דאָס וואָס איז פאַרגעקומען. פּינקטליך גערעדט, ווערען די דאַזיגע צושטאַנדען פאַרמירט ערשט נאָכדעם, ווי איך בין זיי שוין פאַרבייגעגאַנגען, און ערשט דאַן, ווען איך קעהר מיך אום צוריק צו באַטראַכטען זייערע שפּורען. בעת איך האָב דורכגעמאַכט די דאַזיגע צושטאַנדען, זענען זיי געווען אַזוי פעסט אָרגאַניזירט, אַזוי טיעף דורכגענומען מיט דעם רוח החיים, אַז איך האָב ניט געקאָנט זאָגען וואו איין צושטאַנד ענדיגט זיך, און וואו דער אַנדערער פאַנגט זיך אָן. אין דער ווירקליכקייט, האָט ניט איינער פון די דאַזיגע צושטאַנדען אַן אָנהויב, אָדער אַ סוף, נאָר אַלע דרינגען זיי אריין איינע אין די אַנדערע.

מען קאָן, אויב מען וויל, פאַרגלייכען דאָס אינערליכע לעבען מיט דער אַבוויקלונג פון אַ ספּראַנדזשינע, מחמת ס'איז דאָך ניטאָ קיין לעבעדיגער נפש, וואָס זאָל ניט פיהלען, ווי ער קומט פּאַמעלעך צום סוף פון זיין ראָל; לעבען הייסט עלטערען זיך. מען קאָן דאָך אָבער גראָד אַזוי גוט פאַרגלייכען דעם אינערליכען לעבען מיט איין אונאויפהערליכער אויפוויקלונג, ווי די אויפוויקלונג פון אַ פאָדעם אויף אַ קנויל, ווייל אונזער פאַרגאַנגענהייט הערט ניט אויף זיך צו פאַרגרעסערען דורך די געגענוואַרט, וועלכע זי נעמט אויף אויף איהר וועג; און באַוואוסטזיין בעטייט זכרון.

אין אמת'ן איז עס ניט קיין אַבוויקלונג און ניט קיין אויפוויקלונג, מחמת ביידע בילדער רופען אַרויס אַ פאָרשטעלונג פון ליניען און אויבערפלעכען, וואָס זייערע טיילען זענען איינאַרטיג, און קאָנען אויסגעשפּרייט ווערן איינע אויף די אַנדערע. אינ'ם לעבען אָבער פון אַ באַוואוסטזיניגען נפש, איז ניט פאַראַן קיין צוויי אידענטישע מאָמענטען. לאָמיר נעמען דעם פּשוט'סטען געפיהל, איהם פאָרשטעלען אַלס אַ באַשטענדיגען, און לאָזען אונזער גאַנצע פּערזענליכקייט פון איהם איינגעשלונגען ווערן: דער באַוואוסטזיין וואָס וועט באַגלייטען דעם דאַזיגען געפיהל, קאָן ניט בלייבען איינער און דער זעלבער פאַר צוויי קאָנסעקוטיווע אויגענבליקען, ווייל דער צווייטער אויגענבליק ענטהאַלט עפּעס, וואָס פעהלט דעם ערשטען, און דאָס איז דער זכרון, וואָס דער ערשטער האָט איהם וועגען זיך איבערגעלאָזט. אַ באַוואוסטזיין, וואָס וואָלט געקאָנט שפּירען צוויי אידענטישע מאָמענטען, וואָלט געווען אַ באַוואוסט־

זיין אַהן א זכרון, ער וואָלט אַהן אַז אויפהער אונטערגעגאנגען און פון דאָס ניי ענשטאַנען. ווי אבער אנדערש קאָנען מיר אונז א ו ם באוואוסטהייט פאַרשטעלען?

מיר וועלען דארום מוזען באַנוצען פאַר א ביישפּיעל דעם טויזענד פארביגען ספּעקטרום. וואו מען געהט אריבער דורך אומבאמערקטע שטופען פון איין נואַנס צום אנדערען. א געפיהל שטראָם, וואָס איז דורכגעלאָפען דורך דעם ספּעקטרום, און באפארבט געוואָרען אויפ'ן וועג פון יעדען נואַנס זיינעם, וואָלט גראַדענווייז דורכגעמאכט א רייהע פון פאַרענדערונגען. איטליכע פאַרענדערונג וואָלט מודיע געווען דאָס אַנקומען פון דער אנדערער, און וואָלט צוזאמענגעשטעלט דעם סכום פון אלע פארגעהענדע פאַרענדערונגען: די נואַנסען פון דעם ספּעקטרום, קומענדיג איינע נאָך די אנדערע, ווי זיי טהוען דאָס, שטעהען אבער דאָך דרויסען איינע פון די אַנדערע, זיי שטעהען איינע נעבען די אנדערע, זיי פאַר־נעמען רוים. די ריינע דויער אבער, אדרבה, שליסט אוים יעדען געדאַנק פון נעבענקייט, פון גענענזייטיגער דרויסענקייט און פון אויסגעשפּרייט־קייט.

לאָמיר אונז דען ליבערשט פאַרשטעלען אַן אונענדליך קליינעם גו־מענעם באַנד, וואָס, ווען דאָס וואָלט מעגליך געווען, איז צונויפגעצויגען ביז א מאַטעמאַטישען פונקט. מיר ציהען די גומע אזוי פאַנאַנדער, אַז פונ'ם פונקט קומט ארוים א ליניע, וואָס האַלט אין ווערן לענגער און לענגער. לאָמיר אונזער אויפמערקזאַמקייט ריכטען ניט אויף דער ליניע, נאָר אויף דער טעטיגקייט, וואָס ציהט די ליניע. זאָלען מיר אין זינען האָבען, אַז די טעטיגקייט, אויב ניט אונטערבראָכען, איז אומטיילבאַר, הגם זי דויערט. און אויב זי ווערט ערגעץ וואו יאָ אונטערבראָכען, האָבען מיר דאַן צוויי טעטיגקייטען אנשטאָט איינער, וואָס איטליכע פון זיי איז די אונטיילינע טעטיגקייט, וועגען וועלכער מיר רעדען. און זאָלען מיר ניט פארגעסען, אַז עס איז ניט די באוועגליכע טעטיגקייט גופא, וואָס קאָן געטיילט ווערען, נאָר די אומבאוועגליכע ליניע, וואָס די טעטיגקייט לאָזט הינטער זיך אלס א שפּור אין רוים. לאָמיר אונז נאָך ענדליך באפרייען פון דעם רוים, דער אונטערשלאַג פון דער באוועגונג, כדי מיר זאלען באַ־טראכטען די באוועגונג גופא, דעם פּראָצעס פון געשפּאַרקייט, אָדער אוים־

געשפּריטקייט, קורץ, די ריינע באַוועגליכקייט. און מיר וועלען איצטיגס מאָל האָבען אַ מעהר טרייע בילד פון דער ענטוויקלונג פון אונזער איך.

אַבער אויך דאָס בילד איז ניט פאַלשטענדיג, און, אייגענטליך, וועט קיין פארגלייך ניט זיין צופרידענשטעלענד, ווייל דאָס פאַנאַנדערוויקלען זיך פון אונזער דויער איז עהנליך, אין איין הינזיכט, צו דער איינהייט פון אַ פאָרגעהענדער באַוועגונג, און, אין אַ דער הינזיכט, צו דער פילהייט פון פאַנאַנדערגעלאָזענע צושטאַנדען, און עס איז דאָך קלאָר, אַז קיין מעטאַפאָר קאָן ניט אויסדריקען איין הינזיכט, און דערביי ניט מקריב זיין די צווייטע. נוץ איך אַלס פארגלייך דאָס טויזענד פארביגע ספּעקטרום, האָב איך פאַר מיר אַ זאַך, וואָס איז שוין געמאַכט, ווערענד די דויער ענטשטעהט אונאויפהערליך. טראַכט איך וועגען אַ גומענעם באַנד, וואָס ציהט זיך פאַנאַנדער, אָדער וועגען אַ ספּראַנדזשינע, וואָס ציהט זיך צונויף, אָדער לאָזט זיך אָב, לאָז איך ארויס פון אויג די רייכ־קייט פון פאַרב, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די לעבעדיגע דויער, איך טו עס, כּדי אַדי זאָל זעהען נאָר די איינפאַכע באַוועגונג, וואָס דורך איהר געהט דער באַוואוסטזיין אריבער פון איין נואַנס צום צווייטען. דאָס אינערליכע לעבען פאַרמאָגט דאָס אַלץ אַלס איינס, גלייכצייטיג. עס איז אַ פאַרשיידענאַרטיגקייט פון איכותן, אַ קאָנטינואיטעט פון פאָרטשריט, און אַן איינהייט פון ריכטונג. עס לאָזט זיך ניט רעפּרעזענטירען דורך בילדער.

נאָך ווייניגער, אבער לאָזט עס זיך רעפּרעזענטירען דורך ב אַ־ג ר י פ ע ן. דאָס הייסט, דורך אבסטראַקטע, אַלגעמיינע, אָדער איינ־פאַכע אידעען. עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז קיין בילד קאָן ניט איבער־געבען פאַלשטענדיג דעם אורשפּרינגליכען געפיהל, וואָס איך האָב פון דעם פלוס פון מיין אייגען באַוואוסטזיניג לעבען. און עס איז גאָר ניט נויטיג אפילו, אַז איך זאָל דאָס פּרובען איבערצוגעבען. אויב אַ מענש איז ניט ביכלת אליין צו קריגען די אינטואיציע פון דער דויער, וואָס מאַכט זיין וועזען, וועט קיין זאַך ניט קאָנען, ווען עס איז, איהם דאָס געבען, באַגריפען אַזוי ווייניג ווי בילדער. די איינציגע אויפגאַבע פון די פילאָסאָפען דאַרף זיין צו סטימולירען אַ געוויסע אנשטרענגונג, וואָס ביי דאָס רוב מענשען ווערט צוריקגעהאַלטען דורך די געוואוינהייטען פון געדאַנק, וועלכע זע־נען מעהר נוציליך פאַר'ן לעבען. דאָס בילד האָט אַמווייניגסטענס די

מעלה, וואָס עס האַלט אונז אינ׳ם קאָנקרעטען. קיין בילד קאָן ניט פאַר־נעמען דאָס אָרט פון דער דויער־אינטואיציע. א סך פאַרשיידענע ביל־דער אָבער, גענומען פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריען פון זאַכען, וועלען, דורך דעם סך הכל פון זייער אין איין ריכטונג ציעלענדע ווירקונגען, אָנ־ווייזען דעם באַוואוסטזיין דעם גענויען פונקט, וואו מען קאָן גרייפען א באַשטימטע אינטואיציע. אויב מיר וועלען קלייבען אונזערע בילדער אַזוי, אַז איינס זאָל זיין, ווי ווייט מעגליך, אונעהנליך צום צווייטען, וועלען מיר מאַכען אונמעגליך פאַר וואָסער עס איז בילד צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אינטואיציע, וועלכע עס האָט געזאָלט אַרויסרופען, מחמת עס וועט דאַך אויפ׳ן שטעל פאַרטריבען ווערען פון זיינע קאָנקור־רענטען. און אויב מיר וועלען זעהען, אַז די בילדער זאָלען טראָץ די פאַר־שיידענהייטען פון זייערע אָנזיכטען, פאָדערען פון אונזער געדאַנק די זעל־בע אויפמערקזאַמקייט, און, אין א געוויסער אָרט דעם זעלבען גראַד גע־שפּאַנקייט וועלען מיר ביסלאַכווייז צוגעוואוינען דעם באַוואוסטזיין צו א גאַנץ אויסטערלישער און א גאַנץ באַשטימטער נייגונג, צו אַזעלכער, איי־גענטליך, וועלכע דער באַוואוסטזיין מוז אָנעמען, כדי ער זאָל צו זיך אַליין אויסזעהען ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט, אָהן וועלכען עס איז שלייער. דער באַוואוסטזיין מוז אָבער, לכל הפחות, איינוויליגען צו אָנ־טהאָן זיך א כח. ווייל עס ווערט דאַך איהם ניט נאָר פשוט עפּעס ג ע־צ י י ג ט . מען העלפט איהם נאָר אָנצונעמען א שטעלונג, וועלכע איז נויטיג, כדי ער זאָל מאַכען די געוויזשטע אָנשטרענגונג, וואָס א דאַנק איהר וועט ער אַליין פון זיך קומען צו דער אינטואיציע. דער הפוך איז מיט באַגריפען, דערהויפּט מיט די, וואָס זענען איינפאַך. זייער חסרון איז, וואָס זיי זענען אין דער ווירקליכקייט סימבאָלען, וואָס פאַרטרעטען די שטעל פון דעם געגענשטאַנד, וועלכען זיי סימבאָליזירען, און זיי פאַר־לאַנגען ניט פון אונז קיין אָנשטרענגונג. באַמערקט מען זיי גענויער, דער־זעהט מען אַז יעדער באַגריף ענטהאַלט פון דעם געגענשטאַנד נאָר דאָס, וואָס איז געמיינשאַפטליך פאַר דעם און אַנדערע געגענשטאַנדען, און אַז דער באַגריף דריקט אויס, נאָך מעהר ווי א בילד טהוט עס, א פ א ר־ג ל י י ך צווישען דעם געגענשטאַנד און אַנדערע, וואָס זענען צו איהם עהנליך. היות אָבער ווי דער פאַרגלייך האָט אַרויסגעבראַכט א געוויסע עהנליכקייט, היות ווי די עהנליכקייט איז אַן אייגענטימליכקייט פונ׳ם

געגענשטאַנד, און היות ווי די אייגענטימליכקייט זעהט לגמרי אויס ווי זי וואלט געווען אַ ט י י ל פונ׳ם געגענשטאַנד, וואָס באַזיצט די אייגענטימליכקייט, לכן לאָזען מיר אונז לייכט איינרעדען, דאָס ווען מיר שטעלען אַוועק אַ באַגריף נעבען אַ באַגריף, בויען מיר אויף פון די טיילען אויף דאָס ניי דעם געגענשטאַנד, און באַקומען אויף אַזאַ אופן, אַזוי צו זאָגען, דעם גייסטיגען עקוויוואַלענט פון דעם געגענשטאַנד. אַט פאַר וואָס מיר גלויבען, אַז אונז וועט געלונגען צו בילדען אַ רייהע פאַרשטעלונגען פון דער דויער, דורך דעם, וואָס מיר ווילען שטעלען אין איין שורה די באַגריפען פון איינהייט, פולהייט, און אויפהערליכקייט, ענדליכע און אונענדליכע צוטיילטקייט און נאָך אַזוינע באַגריפען. און גראַד דאָ איז די אילוזיע, און דאָ ליגט אויך די געפאַהר. פונקט אַזוי פיעל וויפיעל אַבסטראַקטע באַגריפען קאָנען העלפען דעם אַנאַליז, דאָס הייסט דער וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג פונ׳ם געגענשטאַנד אין זיין שייכות צו די אַנדערע געגענשטאַנדען, פונקט אַזוי וועניג זענען זיי פעהיג צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער אינטואיציע, דאָס הייסט פון דער מעטאַפיזישער דערפאַרשונג פון דער זאַך בנוגע איהר מהות און אייגענאַרטיגקייט. דאָס איז פון איין זייט דערפאַר, וואָס די באַגריפען, אַוועקגעשטעלט זייט ביי זייט, געבען אונז אין דער ווירקליכקייט קיין מאָל ניט מעהר ווי אַ קינסטליכע רעקאָנסטרוקציע פון דער זאַך. זיי קאָנען פון איהר סימבאָליזירען נאָר באַשטימטע, אַלגעמיינע, און אין אַ זין, ניט קיין אינדיווידועלע אַנזיכטען. עס איז דערפאַר אומזיסט צו גלויבען, אַז מיט באַגריפען, וואָס שטעלען פאַר נאָר דעם שאָטען פון דער ווירקליכקייט, קאָנען מיר די ווירקליכקייט גופא באַגרייפען. פון דער אַנדערער זייט ליגט אין דער אילוזיע אויך אַ זעהר גרויסע געפאַהר. — ווארים דער באַגריף פאַראַלגעמיינט, אין דער אייגענער צייט וואָס ער אַבסטראַהירט. דער באַגריף קאָן סימבאָליזירען אַ געוויסע אייגענשאַפט פונ׳ם אָביעקט נאָר דורך דעם, וואָס ער מאַכט זי געמיינזאַם צו אַהן אַ שיעור אָביעקטען. ער מוז דערום פאַרקריפלען די אייגענשאַפט דערמיט, וואָס ער פאַראַלגעמיינט זי. ווען אַן אייגענשאַפט ווערט אַריינגעשטעלט אין אַ מעטאַפיזישען אָביעקט, פאַלט זי צונויף מיט דעם אָביעקט, אָדער, לכל הפחות, פאַרמירט זי זיך לויט זיין געשטאַלט, און נעמט אָן זיין אומרים. ווערט זי אָבער אַרויסגענומען פון דעם מעטאַפיזישען אָביעקט, און פאַרגעשטעלט אין אַ באַ־

גריף, ווערט זי אהן אן ערך גרעסער, געהט ארוים פון דעם גבול פון דעם אביעקט ,ווייל זי מוז דאך איצט כולל זיין דעם דאָזיגען אביעקט צוזאַ־מען מיט א סך אנדערע אביעקטען. דעריבער מאכען די פארשיידענע באגריפען, וואס מיר בילדען מכח די אייגענשאפט פון א זאך, א סך קרייזען ארום דער זאך. איטליך איינציגער קרייז איז צו גרויס פאר דער זאך, און קיין קרייז פאסט ניט גענוי אויף דער זאך. אין דער זאך גופא אבער פאלען די אייגענשאפטען צונויף מיט דער זאך, און במילא אייך אייגענשאפט מיט דער אנדערער. דערפאר, אויב מיר ווילען מיט באגריפען פון דאס ניי דעם אביעקט קאנסטרואירען, מוזען מיר אנקומען צו אן המצאה, וואס זאל מעגליך מאכען דאס צונויפפאלען פון די איי־גענשאפטען מיט דעם אביעקט. מיר קאנען למשל נעמען וואסערען עס איז בעגריף, און פרובען ארום איהם פאראייניגען די אנדערע באגריפען. ווען מיר אבער באלד איינזעהען, אז דאס צונויפקומען זיך און די פאר־אייניגונג פון די באגריפען וועט זיך ווענדען אן דעם, צי מיר האבען אזא אדער אנ'אנדער באגריף גענומען פאר אונזער אויסגאנגס־פונקט. וועלען מיר ארויסגעהען, צום ביישפיעל, פון דעם באגריף פון איינהייט, וועט די פיעלפאכע איינהייט פון דויער באגריפען ווערען אנדערש, ווי זי וואלט באגריפען געווארען, ווען מיר זאלען ארויסגעהען פון דעם באגריף פון פולקייט. אלץ וועט זיין תלוי אין דעם געוויכט, וואס מיר לייגען אויף דעם אדער יענעם באגריף, און דאס געוויכט וועט תמיד זיין א ווילקיר־ליכעס, מחמת דער באגריף, וואס איז פון דעם אביעקט ארויסגענומען גע־ווארען, איז א שאטען פון א קערפער, און האט ניט דעריבער קיין גע־וויכט. אזוי ארום וועלען זיך אפהויבען אזוי פיעל פארשיידענע סיסטע־מען, וויפיעל עס זענען פאראן אויסערליכע געזיכטס־פונקטען, פון וועל־כע די רעאליטעט קאן אונטערזוכט ווערען, אדער וויפיעל גרעסערע קריי־זען עס זענען דא, וואס אין זיי קאן די רעאליטעט איינגעשלאסען ווערען. דער חסרון פון די איינפאכע באגריפען איז ניט נאר דאס, וואס זיי צו־טיילען די קאנקרעטע איינהייט פונ'ם אביעקט אין אזוי פיעל סימבאלישע אויסדרוקען, נאר אויך דאס, וואס זיי צוטיילען די פילאסאפיע אין באַ־שטימטע שולען, וואס יעדע איינע פון זיי פארנעמט איהר ארט, קלייבט אויס איהרע שפיעלצייכענס, און פיהרט אן מיט די אנדערע שולען א שפיעל, וואס וועט זיך קיינמאל ניט ענדיגען. מעטאפיזיק איז ענטוועַ־

דער אזא שפיעל פון אידעען. אדער — אויב זי איז אן ערנסטע ארבייט
פון געדאנק, איז זי א וויסענשאפט, און ניט קיין גימנאסטיק — מוז זי
העכער איבער די באגריפען שטייגען, כדי צו דערגרייכען די אינטואיציע.
זיכער קאן זי זיך ניט באגעהען אהן באגריפען, ווייל אלע אנדערע וויסענ־
שאפטען ארבייטען מעהרסטענס מיט באגריפען, און מעטאפיזיק קאן זיך
ניט אפזאגען פון די אנדערע וויסענשאפטען. אבער באמת אליין איז די
מעטאפיזיק נאר דעמאלט, ווען זי טרעט אריבער די גרענעצען פון באַ־
גריפען, אדער ווען זי באפרייט זיך, אם וועניגסטענס, פון די שטארע
און פארטיגע באגריפען, כדי צו בילדען אזוינע באגריפען, וואס זענען
לגמרי פארשיידען פון די, וואס מיר באנוצען געוועהנליך. איך מיין,
אז זי זאל בילדען בייגזאמע, באוועגליכע און שנעל פליסענדע פארשטע־
לונגען, וועלכע זענען תמיד גרייט זיך צופאסען צו די פארגעהענדע פור־
רעמס פון דער אינטואיציע. מיר וועלען אונז שפעטער אומקערען צו
דעם דאזיגען וויכטיגען פונקט. פאר איצט וועט זיין גענוג דאס, וואס
מיר האבען געזאגט, אז אונזער דויער קאן אונז דירעקט געגעבען ווערען
דורך אן אינטואיציע, אונדירעקט קאן זי צו אונז אנגעדייטעט ווערען דורך
בילדער. זי קאן אבער קיינמאל ניט — אויב מען האלט זיך ביים איי־
גענטליכען זין פון ווארט באגריף — באנומען ווערען דורך א באגרייפ־
ליכע פארשטעלונג. לאמיר פרובען פאר א מאמענט צו באטראכטען
אונזער דויער אלס א פולהייט. דאן מוזען מיר דערצו צוגעבען, דאס די
טיילען פון דער דאזיגער פולהייט, אנשטאט צו זיין אפגעזונדערט איינע
פון די אנדערע, ווי זיי זענען דאס אין אירגענד אנדער פולהייט, זענען זיי
אנגעקניפט איינע אין די אנדערע. און כאטש מיר קאנען אהן ספק, דורך
אן אנשטרענגונג פון אונזער כח הדמיון, פארשטארען די דויער, וואס
איז שוין דורכגעפלאסען, צוטיילען זי אויף חלקים, וואס איינער זאל ליי־
גען נעבען דעם אנדערען, און צעהלען די חלקים, ווערט אבער די דאזיגע
אפעראציע געמאכט אויף דעם פארגליווערטען זכרון פון דויער, אויף
דעם אומבאוועגליכען שפור, וואס די דויער לאזט הינטער זיך און ניט
אויף די דויער זעלבסט. מיר מוזען דערום מודה זיין, אז אויב דא איז
פאראן א פולהייט, האט זי ניט די מינדסטע עהנליכקייט צו וועלכער עס
איז אנדער פולהייט, וואס מיר ווייסען. זאלען מיר דען זאגען, אז דויער
האט איינהייט? זיכער האט א קאנטינואיטעט פון עלעמענטען, וואס זע־

צען זיך פארט איינע אין די אנדערע, אזוי פיעל חלק אין אייגהייט, ווי־פיעל זי האט אין פולהייט. אבער די דאָזיגע באַוועגליכע, זיך בייטענדע, בולט'ע און לעבעדיגע איינהייט האט קוים עפּעס געמיינזאמעס מיט דער אבסטראקטער, אומבאַוועגליכער און לעדיגער איינהייט, וועלכע דער באגריף איז תופס. זאָלען מיר דער פון ציהען דעם פועל יוצא, אז די דויער מוז דעפינירט ווערען אלס איינהייט און פולהייט גלייכצייטיג? איז דאס אבער מערקווירדיג, דאס וויפיעל איך זאָל ניט דרעהען אהער און אהין די דאָזיגע צוויי באגריפען, זיי קוואַנטיטאַטיוו באַשטימען, פאַר־שיידענארטיג קאמבינירען, מאכען איבער זיי די סובטילשסטע אפּעראַציעס פון דער גייסטיגער כעמיע, וועל איך קיין מאָל ניט ארויסקריגען עפּעס אַזעלכעס, וואס זאָל זיך פארגלייכען מיט דער איינפאכער אינטואיציע, וואס איך האב וועגען דויער. ווען איך טהו מיך אריין אין דויער דורכ'ן כח פון דער אינטואיציע, ווער איך תכף געוואהר, אז די דויער איז איינ־הייט, פולהייט, און נאך א סך אנדערע זאכען. די פארשיידענע באגרי־פען זענען אלזא געווען נאר אזוי פיעל אויסערליכע געזיכטס־פּונקטען, וואס פון זיי האבען מיר די דויער געקאנט באטראכטען. באגריפען, הן ווען זיי זענען פאראייניגט, סיי ווען זיי זענען אפּגעזונדערט, גיבען אונז ניט די מעגליכקייט אריינצודרינגען אין די דויער.

דאן דרינגען מיר אין איהר יא אריין, און דאס ווערט געטאן נאר א דאנק דער אינטואיציע. אין דעם זין איז מעגליך אן אינערליכע דער־קענטניס פון דער דויער פונ'ם איך דורך דעם איך. אויב אבער די מעטא־פיזיק איז דעם פאל פארלאנגט און דערגרייכט אן אינטואיציע, הייסט עס נאך ניט, אז די וויסענשאפט נויטיגט זיך ניט אין קיין אנאליז. און אויס דער מיספארשטענדניס בנוגע די אויפגאבען פון אינטואיציע און אנאליז זענען ארויסגעשפרונגען די דיסקוסיעס צווישען די שולען און די קאָנ־פליקטען צווישען די סיסטעמען.

פּסיכאָלאָגיע אין דער ווירקליכקייט געהט אַן ווי אלע אנדערע ווי־סענשאפטען מיט אנאליז. זי לייזט אויף דעם איך, וועלכער איז איהר צוערשט געגעבען געוואָרען אין אן איינפאכער אינטואיציע, אין עמפּפינ־דונגען, געפיהלען און פארשטעלונגען, וועלכע זי שטודירט איינע אפּגע־זונדערט פון דער אנדערער. דאס ארט פון איך פארנעמען אלזא ביי איהר א רייהע עלעמענטען, וואס שטעלען צונויף די טאטזאכען פון דער פּסי־

סאַלאָגיע. זענען אבער די ע ל ע מ ע נ ט ע ן איז דער ווירקליכקייט ט י י ל ע ן ? דאָס איז די גאַנצע פראַגע. און דערפאַר וואָס מען האָט די דאָזיגע פראַגע אויסגעמיטען, איז דאָס פּראָבלעם פון דער מענשליכער דערקענטניס אַזוי אָפט געשטעלט געוואָרען אין א פאָרם, וואָס האָט געמאַכט אוממעגליך די לייזונג פון דאָס פּראָבלעם.

עס איז ניט צום באַשטרייטען, דאָס יעדער פסיכישער צושטאַנד, שוין נאָר דערפאַר, וואָס ער געהערט צו א פּערזאָן, שפּיגעלט אָב דעם סכום פון אַלץ, וואָס שטעלט צונויף א פּערזענליכקייט. איטליכער געפיהל, ווי איינפאַך ער זאָל ניט זיין, ענטהאַלט אין זיך ווירטועל די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט פונ'ם וועזען, וואָס לעבט דורך דעם געפיהל; פאָלגליך, קאָן דער געפיהל פון דער פּערזענליכקייט אָפּגעשניטען ווערען, און אין א „צושטאַנד" מגלגול ווערען, נאָר דורך דעם כח פון אבסטראַקציע, אָדער פון אַנאַליז. עס איז אבער ניט וועניגער אוםבאַשטרייטליך, דאָס אָהן דעם באַשטרעבען פון אבסטראַקציע, אָדער אַנאַליז וואָלט ניט מעגליך געוועזן קיין ענטוויקלונג פון דער פּסיכאָלאָגישער וויסענשאַפט. און וואָס אַלזאָ באַשטעהט דער פּראַצעס, וואָס דורך איהם רייסט ארויס דער פּסיכאָלאָג א פסיכישען צושטאַנד, כדי פון איהם צו מאַכען א, מעהר אָדער וועניגער, זעלבסטשטענדיגען מהות? דער פּסיכאָלאָג הויבט אָן דערמיט, וואָס ער קוקט זיך ניט אום אויף דער ספּעציעלער באַפאַרבונג פון דער פּערזענליכקייט, וואָס קאָן ניט איבערגעגעבען ווערען אין אַלגעמיינע און באַקאַנטע אויסדרוקען. און דער פּערזאָן, וואָס איז שוין אויף אַזאַ אופן פאַראייינפאַכט געוואָרען, באַמיהט ער זיך ווייטער צו איזאָלירען א געוויסען אַנזיכט, וועלכער זאָגט צו אַן אינטערעסאַנטע אונטערזוכונג. ווען עס האַנדעלט זיך, למשל, וועגען נייגונג, וועט ער ארויסלאָזען פון אויג די אומאויסדריקליכע נואַנס, וואָס פאַרבט די נייגונג, און מאַכט זי צו זיין דיין נייגונג און ניט מיינע. ער וועט אָנשטעלען זיין אויפמערקזאַמקייט אויף די באַוועגונג, וואָס דורך איהר נ י י ג ט ז י ך אונזער פּערזענליכקייט צו א באַשטימטען געגענשטאַנד; ער וועט א י ז אָ ל י ר ע ן די דאָזיגע נייגונג, און פון אַט דער באַזונדערער אַנזיכט, פונ'ם פּערזאָן, פון דעם געזיכטספּונקט פון דער באַוועגליכקייט פון דעם אינערליכען לעבען, פון דער „סכעמא„ פון דער קאָנקרעטער נייגונג, וועט ער מאַכען א זעלבסטשטענדיגע טאַטזאַך. דאָס

איז אומגעפעהר דאָסזעלבע, וואָס דער קינסטלער, למשל, טהוט, ווען דורכ־געהענדיג פּאַריז, צייכענט ער דעם טורעם פון נאָטרע דאַמע. דער טורעם איז אָרגאַניש פאַרבונדען מיט דעם בנין, וועלכער איז אַליין ניט וועניגער אייננ פאַרבונדען מיט׳ן באָדען, מיט דער סביבה און מיט׳ן גאַנצען פּאַריז. עס איז נויטיג אָפּזונדערן דעם טורעם פון די אַלע זאַכען, אַז פון דעם גאַנ־צען זאָל ווערן נאָר איין אַנזיכט געמערקט: די אַנזיכט, וואָס דער טורעם פון נאָטרע־דאַמע גיט אונז. נאָכמעהר, דער טורעם איז אין דער ווירק־ליכקייט געמאַכט פון שטיינער, וואָס זייער איינאַרטיגע גרופּירונג האָט דעם טורעם זיין פאָרם געגעבען. דער קינסטלער אָבער אינטערעסירט זיך ניט מיט די שטיינער, ער האַלט זיך נאָר ביי דעם סילועט פון דעם טורעם. אַנשטאָט, אַלזאָ, דער רעאַלער אינערליכער אָרגאַניזאַציע פון דער זאַך, גיט אונז דער קינסטלער אַן אויסערליכע און סכעמאַטישע דאַר־שטעלונג, אַזוי, אַז אינגאַנצען גענומען קאָרעספּאָנדירט זיין צייכנונג מיט אַ באַשטימטען געזיכטספּונקט פון דער זאַך, און מיט אַ געוויסען אויס־וואַהל פון אַ באַשטימטער אַרט, ווי אַזוי די זאַך צו רעפּרעזענטירען. אַקוראַט אַזוי טוט דער פּסיכאָלאָג. ער נעמט אַרויס פון דער גאַנצער פּערזענליכקייט איין־און־איינציגען גייסטיגען צושטאַנד. אַט דער איזאָ־לירטער, פּסיכישער צושטאַנד איז קוים מעהר ווי אַ סקיצע, אַן אָנפאַנג פון אַ קינסטליכער רעקאָנסטרוקציע. עס איז דאָס גאַנצע, אָבער אונטער אַ באַשטימטער עלעמענטאַרער אַנזיכט, וואָס אין איהר זענען מיר באַזונדערס פאַראינטערעסירט, און וואָס מיר האָבען פּאָרזיכטיג נאָ־טירט; עס איז ניט קיין טייל, נאָר אַן עלעמענט. מיר האָבען איהם באַקומען דורך אַן אַנאַליז, און ניט דורך אַ נאַטירליכע צוגלידערונג.

אונטער אַלע צייכנונגען, וואָס דער קינסטלער האָט געמאַכט אין פּאַ־ריז, וועט ער מסתמא אונטערשרייבען לשם זכרון דאָס וואָרט „פּאַריז“. און, היות, ווי ער האָט ווירקליך געזעהן פּאַריז, וועט ער אַ דאַנק דער אורשפּרינגליכער אינטואיציע, וואָס ער האָט געהאַט פון פּאַריז אַלס גאַנ־צעס, זיין ביכולת אין דעם גאַנצען צו געפינען אַן אָרט פאַר יעדער באַ־זונדער צייכנונג, און אויף אַזאַ אַרט פאַרבינדען אַלע צייכנונגען איינע מיט די אַנדערע. עס איז אָבער אוממעגליך צו טאָן דאָס אומגעקערטע, אפילו מיט אַן אומענדליכער צאָהל פון גענויע צייכנונגען, און אפילו מיט

דעם וואָרט פּאַריז, וואָס ווייזט, אַז די צייכנונגען מוזען זיין פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע, קען מען ניט אַרויפשטייגען צו אַן אינטואיציע, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט געהאַט, און שאַפען זיך אַן איינדרוק פון פּאַריז, ווען מען האָט פּאַריז קיינמאָל ניט געזעהן. דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר האָבען דאָ צו טאָן מיט ס מ נ י ם פון אַ גאַנצעס, און ניט מיט קיין ט י י ל ע ן פון אַ גאַנצעס. כדי צו נעמען אַ מעהר בולט'ן ביישפּיל, אַ פאַל, וואו די צייכענס זענען נאָך מעהר אויסדריקליך סימבאָ־ליש, שטעל איך מיר פאָר, אַז מען האָט מיר געוויזען אָהן אַ סדר צוזאַ־מענגעוואָרפענע אותיות, וואָס שטעלען צונויף אַ געדיכט, וואָס איז מיר אומבאַקאַנט. וואָלטען די אותיות געווען ח ל ק י ם פון געדיכט, וואָלט איך געקענט מאַכען אַ פאַרזוך צוזאַמענשטעלען מיט די אותיות, וואָס איך האָב פאַר זיך, פון דאָס ניי דאָס געדיכט. איך וואָלט פּרובירט אַלע מעגליכע פאַרשיידענע צוזאַמענשטעלונגען, ווי דאָס טהוט אַ קינד מיט די פּיצלאַך פון אַ כינעזיש רעטעניש. מיר וועט אָבער אויף איין מאָמענט ניט איינפאַלען אַזאַ זאַך צו טאָן. וואָרים די אותיות זענען ניט קיין ו ו ע ז ע נ ט ל י כ ע ט י י ל ע ן פון געדיכט, זיי זענען אויסדרוקס־טיילען פון געדיכט, און דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אָט פאַר וואָס, ווען דאָס געדיכט איז מיר באַקאַנט, זעץ איך גלייך יעדען בוכשטאַב אויף זיין באַשטימטע אָרט און בינד גלייך צונויף אָהן שוועריגקייטען אַלע בוכ־שטאַבען אין איין איבערגעריסענער שורה, ווערענד דאָס אומגעקערטע צו טאָן איז אוממעגליך. אפילו ווען איך גלויב, אַז איך פאַרזוך יאָ צו טאָן דאָס אומגעקערטע, אפילו ווען איך שטעל אוים די בוכשטאַבען אין אַ געוויסער רייהע, הויב איך די דאָזיגע אַרבייט אויך אָן דערמיט, וואָס איך לאָז מיין כח הדמיון צו מאָלען פאַר מיר אַ וואָרשיינליכע באַדייטונג: איך רוף, הייסט עס, אין מיר אַרוים די אינטואיציע, און פון דער אינטו־איציע פּרוביר איך אַראָפּצושטייגען צו די עלעמענטאַרע סימבאָלען, וואָס דריקען אוים די אינטואיציע. דער געדאַנק אַליין, אַז אַ זאַך קאָן פון דאָס ניי אויפגעשטעלט ווערען דורך אָפּעראַציעס, וואָס ווערען געמאַכט איבער סימבאָלישע עלעמענטען, פיהרט צו אַזאַ אַבסורד, דאָס ער וואָלט גאָר קיינעם אין זין ניט געקומען, ווען מען זאָל נאָר געדענקען, זאַ מען האָט דאָ צו טאָן ניט מיט פראַגמענטען פון אַ זאַך, נאָר מיט, אַזוי צו זאָגען, פראַגמענטען פון סימבאָלען, וואָס אין זיי דריקט זיך די זאַך אוים.

און דאָס איז דאָך אייגענטליך וואָס די פילאָסאָפען אונטערנעמען, ווען זיי פּרואווען צו רעקאָנסטרואירען די פּערזענליכקייט דורך פּסיכישע צושטאַנדען. און עס איז קיין נפקא מינה ניט, צי זיי האַלטען זיך ביי די דאָזיגע צושטאַנדען אַליין, צי זיי גיבען צו אַ פאָדעם, וואָס זאָל האַלטען די צושטאַנדען אינאיינעם. הן די עמפּיריציסטען, הן די ראַציאָנאַליסטען באַגעהען דעם זעלבען פעהלער: די איינע ווי די אַנדערע נעמען אָן טיילווייזע באַצייכענונגען פאַר ווירקליכע טיילען. אויף אַזאַ אופן מישען זיי צוזאַמען די שטאַנדפּונקטען פון אַנאַליז און אינטואיציע פון וויסענשאַפט מיט מעטאַפיזיק.

די עמפּריציסטען זאָגען, און מיט רעכט, אַז דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז ענטדעקט אין דער פּערזענליכקייט ניט מעהר ווי פּסיכישע צושטאַנדען. דאָס איז אין דער אמת די פונקציע, ניין, דאָס איז די דעפיניציע פון אַנאַליז. דעם פּסיכאָלאָג׳ס עובדא איז ניט מעהר ווי צו אַנאַליזירען די פּערזאָן, דאָס הייסט, צו פאַרצייכענען צושטאַנדען, העכסטענס וואָס ער קען טאָן איז, אַוועקשטעלען איבער די דאָזיגע צושטאַנדען די רובריק „איך“ און זאָגען: „דאָס זענען צושטאַנדען פון׳ם „איך“. פּונקט אַזוי שרייבט אָן דער קינסטלער דאָס וואָרט „פּאַריז“ אויף זיינע צייכנונגען. אויף דעם געביעט, אויף וועלכען דער פּסיכאָלאָג פאַרנעמט זיין פּאָזיציע, איז דער „איך“ נאָר אַ צייכען, וואָס דערמאָנט אין דער פּרימיטיווער, דערצו נאָך מטושטש׳ער אינטואיציע, וועלכע האָט דער פּסיכאָלאָגיע איהר געגענשטאַנד געגעבען. דער „איך“ איז דאָ בלויז אַ וואָרט. און דער גרויסער טעות באַשטעהט דעריין, וואָס מען גלויבט, אַז מען קען בלייבען אויף דעם געביט פון פּסיכאָלאָגיע און דאָך געפינען הינטער דעם וואָרט אַ זאַך. דאָס איז געווען דער טעות פון די פילאָסאָפען, וואָס האָבען ניט געוואָלט בלייבען פּסיכאָלאָגען אין דער פּסיכאָלאָגיע, ווי טען און סטואַרט מילל, למשל. הגם זיי זיינען פּסיכאָלאָגען אין דעם מעטאָד, וואָס זיי ווענדען אָן, זענען זיי אָבער מעטאַפיזיקער אין דעם געגענשטאַנד, וואָס זיי האָבען פאַר זיך אָנגענומען. זיי שטרעבען צו אינטואיציע, און דורך אַ זעלטענער אומאויסגעהאַלטענקייט פאָדערן זיי די דאָזיגע אינטואיציע פון׳ם אַנאַליז, וועלכער איז גראַד די פאַרלייקענונג פון איהר. זיי זוכען דעם איך און באַהויפּטען, אַז זיי געפינען איהם אין די פּסיכאָלאָגישע צושטאַנדען, כאָטש די פיעלפאַכקייט פון די צושטענדען קומט

ארויס און קען ארויסקומען נאר א דאנק דעם, וואס מען טראנספארטירט זיך אליין אריבער ערגעץ וואו דרויסען פון דעם איך. אנדערש וואלט מען פון דער פערזענליכקייט נים נעקענט מאכען קיין רייהע פון סימ־באלישע און סכעמאטישע סקיצען, צייכנונגען און פארשטעלונגען. און דארום, וויפיעל זיי זאלען נים שטעלען די צושטאנדען איינע נעבען די אנדערע, וויפיעל זיי זאלען נים פערמעהרען זייערע בעריהרונגס־פונק־טען און אויספארשען די אינטערוואלען, וועט זיך דער איך דאך ארויס־גליטשען פון אונטער זייערע פינגער, און זיי וועלען צום סוף דערזעהן אין איהם א לעדיגען פאנטאם. מים דערזעלבער רעכט וואלט מען געקענט אפלייקענען, אז די איליאדע האט א זין אויס דעם גרונד, וואס מען געפינט איהם נים אין די אינטערוואלען פון די אותיות, וואס פון זיי איז די אי־ליאדע צונויפגעזעצט.

דער פסיכאלאגישער עמפריציזם איז אלזא דא ענטשטאנען פון דעם פלאנטער, וואס מען האט אריינגעבראכט אין די שטאנדפונקטען פון אינטואיציע און אנאליז. דער פלאנטער באשטעהט דערין, וואס מען זוכט דעם אריגינאל אין דער איבערזעצונג, וואו ער קען נאטירליך נים זיין, און ווען מען געפינט איהם דארט נים, ציהט מען דעם פועל־יוצא, אז עס איז גארנים פאראן קיין אריגינאל. על פי הכרח מוז עס זיך אויסלאזען מים א פארניינונג. טראכט מען זיך אבער טיפער אריין אינ׳ם ענין זעהט מען, אז די נעגאציע באטייט נאר, אז אנאליז איז נים קיין אינטואיציע, וואס דאס איז קלאר אהן א באוייז. פון דער אורשפרינג־ליכער, און דערצו נאך נים־קלארער, אינטואיציע, וועלכע גיט דער וויסענ־שאפט איהר נעגענשטאנד, נעהט די פאזיטיווע וויסענשאפט גלייך ארי־בער צום אנאליז, וועלכער פארמעהרט אהן א שיעור און אהן אן ערך די דרויסענדיגע געזיכטס־פונקטען, וואס פון זיי באאבאכט די וויסענשאפט איהר נעגענשטאנד. דער וויסענשאפט הויבט זיך אן גאר גיך צו גלויבען, דאס ווען זי וועט צונויפזאמלען אלע נעזיכטספונקטען, וועט זי פון דאס ניי קענען בילדען איהר נעגענשטאנד. זי איז ווי דאס קינד, וואס וויל מאכען א שפיעלצייג פון די שאטענס וואס לויפען אום אויף די ווענט, און עס איז דערפאר נים קיין חידוש, וואס דער נעגענשטאנד האלט איז איין אוועקפליהען פון איהר.

דער ראציאנאליזם איז פארפיהרט פון דערזעלבער אילוזיע. ער פאנגט

אז מיט דעם זעלבען פלאנטער, וואס דער עמפיריציזם, און ווי דער לעצטער בלייבט ער אויך אומפעהיג צו דערגרייכען דעם אינערליכען זעלבסט. ווי דער עמפיריציזם באטראכט אויך דער ראציאנאליזם די פסיכישע צושטאנדען אלס אזוי פיעל פראגמענטען, וואס זענען אפגעשניטען געווארען פונ׳ם איך, וועלכער האלט זיי צוזאמען. ווי דער עמפיריציזם זוכט ער אויך צו פארבינדען די פראגמענטען איינע מיט די אנדערע, כדי צו בילדען פון דאס ניי די איינהייט פון דער פערזענליכקייט. און, ענדליך, ווי דעם עמפיריציזם, קומט אויך איהם אויס צו זעהן, ווי, טראץ דעם וואס ער מאכט אלץ פארזוכען צו גרייפען די איינהייט פונ׳ם איך, ווערט דער לעצטער ווי א געשפענסט נעלם אין דער אומבאשטימטהייט, בעת אבער דער עמפיריציזם, מיד ווערענדיג פון קאמפף, דערקלערט סוף־כל־סוף, אז עס איז ניטא קיין זאך אויסער דער פילהייט פון פסיכישע צושטאנדען, שטעהט דער ראציאנאליזם שטאל און אייזען פאר די באהויפטונג, אז עס איז פאראן אן איינהייט פון דער פערזענליכקייט. דער אמת איז, אז זוכענדיג די דאזיגע איינהייט אין דער ספערע פון נאר פסיכישע צושטאנדען, און זייענדיג דערצו נאך געצוואונגען צוצושרייבען אויפ׳ן חשבון פון די דאזיגע צושטאנדען אלע קוואליטעטען און באשטימטהייטען, וואס מען געפינט דורך דעם אנאליז (ווארים עס איז אין דער טבע פון אנאליז, אז ער זאל פיהרען צו צושטאנדען) בלייבט דער ראציאנאליזם פון דער איינהייט פון דער פערזענליכקייט בלויז עפעס נעגאטיוועס, און דאס איז די אפוועזענהייט פון יעטווידער באשטימטהייט. די פסיכישע צושטאנדען האבען אין דעם אנאליז נויטווענדיגערווייז צו זיך אריבערגענומען און פאר זיך פארבאהאלטען אלעס, וואס קען זיי דינען אלס מאטעריאל, דארום קען די „איינהייט פון איך“ ניט זיין מעהר ווי א פארם אהן אן אינהאלט. זי וועט מוזען זיין אבסאלוט אומבאשטימט און לעדיג. צו די דאזיגע פריי־געווארענע פסיכישע צושטאנדען, צו די דאזיגע שאטענס פון איך, וואס זייער סכום באטייט פאר די עמפיריקער אן עקוואליטעט פונ׳ם איך, גיט צו דער ראציאנאליזם, בכדי די פערזענליכקייט צו רעקאנסטרואירען, עפעס אזעלכעס, וואס איז נאך וועניגער רעאל, נעמליך, די לעערקייט, וואס אין איהר באוועגען זיך די שאטענס — מען וואלט געקענט זאגען, א פלאץ פאר די שאטענס. פרעגט זיך, ווי קען אזא „פארם“, וואס איז אין תוך פארמלאז, כאראקטעריזירען

א לעבעדיגע, אקטיווע, קאָנקרעטע פערזענליכקייט, און ווי קען מען דורך איהר אונטערשיידען פעטער פון פאָוועל? איז דאָס א וואונדער, וואָס די פילאָסאָפען, וועלכע איזאָלירען די דאָזיגע „פאָרם“ פון דער פערזענליכקייט, געפינען אוים מיט דער צייט, אז די פאָרם איז ניט גענוג אום כדי צו כאַראַקטעריזירען א באַשטימטען פערזאָן, און שרייט ביי שריט ווערען זיי געבראכט דערצו, דאָס זיי מוזען פון זייער לעבעדיגען איך מאַכען אַ כלי אָהן א גרונד, וואָס געהערט ניט צו פאָוועל און ניט צו פעטער, און וואָס אין איהר איז פאַראַן פלאַץ פאַר דער גאַנצער מענשהייט, און אויב מען וויל פאַר גאָט, אָדער גאָר פאַר די עקזיסטענץ בכלל? צווישען דעם עמפּיריציזם און ראַציאָנאַליזם זעה איך דאָ נאָר איין נפקא מינה. דער עמפּיריציזם, זוכענדיג אין א געוויסער מאָס די איינהייט פון איך אינ׳ם רוים, וואָס צווישען די פסיכישע צושטאַנדען, האַלט אין אָנפילען עד לאין סוף דעם דאָזיגען רוים מיט אַנדערע צושטאַנדען, אזוי, דאָס וואָס ווייטער דער אַנאַליז ווערט געטריבען, אַלץ מעהר דערנעהנטערט זיך דער איך, וואָס איז צונויפגעשטעלט איז אַ באַשטענדיג פאַרקלענערענדען אינטערוואַל, צום נול פונקט, ווערענד דער ראַציאָנאַליזם, זעהענדיג אין דעם איך א פלאַץ, וואו עס וואוינען די פסיכישע צושטאַנדען, בלייבט שטעהן פנים אל פנים מיט דעם לעדיגען רוים, צו וועלכען מיר האָבען קיין גרונד און קיין רעכט אָנצואווענדען די באַגרענעצונגען פון דאָ און דאָרט, און וועלכער טרעט אַריבער אַלע סוביעקטיווע גרענעצען, וואָס מיר פּרובירען איהם אָנצואווייזען, און האַלט תמיד אין איין פאַרגרעסערען זיך און האָט אויך די טענדענץ זיך צו פאַרלירען ניט אין דעם נול־פונקט, נאָר אין דער אומענדליכקייט.

דער מהלך, אַלזאָ, צווישען דעם אָזויגערופענעם „עמפּיריציזם“ פון א טען, און די העכסט טראַנסצענדענטאַלע ספּעקולאַציעס פון די דייטשע פאַנטעאיסטען, איז אַ סך אַ קלענערער ווי מען שטעלט זיך איהם געוועהנליך פאָר. דער מעטאָד איז אַנאַלאָגיש אין ביידע פאַלען. ער באַשטעהט דעריין, וואָס ער באַהאַנדעלט די ע ל ע מ ע נ ט ע ן פון דער איבערזעצונג אַזוי, ווי זיי וואָלטען געווען ט י י ל ע ן פון דעם אָריגינאַל. דער אמת׳ער עמפּריציזם איז אָבער דער, וואָס שלאָגט פאָר, אז מען זאָל אזוי נאָהענט ווי מעגליך צוקומען צו דעם אָריגינאַל, מען זאָל זיין לעבען דער־גרונטעווען און דורך א געוויסער אַרט פון א י נ ט ע ל ע ק ט ו ע ל ע ר

אַ ס ק ו ל ט אַ צ י ע דערפיהלען דאָס פּאַכען פון זיין נשמה. און דער דאָזינער אמת'ער עמפּיריציזם איז די אמת'ע מעטאַפיזיק. די אויפגאַבע איז זיכער אַ שווערע, מחמת עס קענען ניט באַנוצט ווערען קיינע פון די פאַרטיגע אויפפאַסונגען, וואָס העלפען דעם געדאַנק און זיינע טעגליכע טעטיגקייטען. עס איז נישטאָ קיין לייכטערעס ווי צו זאָגען, אַז דער איך איז אַ פילהייט, אָדער, אַז ער איז אַן איינהייט, אָדער, אַז ער איז אַ סינטעז פון ביידע. איינהייט און פילהייט זענען דאָ פאַרשטעלונגען, וואָס מען באַדאַרף ניט צושניידען לויט דעם מאָדעל פון דעם געגענשטאַנד. מען געפינט זיי גרייטע, און מען דאַרף זיי נאָר פון דעם הויפען אויסקלויבען. זיי זיינען מאַגאַזין־קליידער, וואָס פּאַסען פּאָר פּעטער, אַזוי גוט ווי פאַר פּאַוועל, ווייל זיי זיינען ניט געצייכענט געוואָרען לויט דער פיגור פון איינעם פון זיי. אַן עמפּיריציזם, וואָס איז ווערט דעם נאָמען, עמפּריציזם, וואָס אַרבייט נאָר נאָך דער מאָס נאָך, פיהלט זיך געצוואונגען צוצושטעלען אַבסאָלוט נייע אַרבייט פאַר יעדען נייעם געגענשטאַנד וואָס ער שטודירט. ער שניידט צו פאַר דעם געגענשטאַנד אַ בעגריף, וואָס פּאַסט זיך נאָר פאַר דעם דאָזיגען געגענשטאַנד. עס קען אייגענטליך קוים אָנגערופען ווערען באַגריף, ווייל ער לאָזט זיך אַנווענדען נאָר צו דער איינער זאַך; דער דאָזינער עמפּירי־ציזם געהט ניט אַן מיט געדאַנקען קאָמבינאַציעס, וואָס טראָגען זיך אַרום אין דער לופט, ווי איינהייט און פילהייט. אדרבה, ער פיהרט אונז צו אַן איינפאַכער, אייגנאַרטיגער פאַרשטעלונג, וואָס מען האָט זי, איבריגענס שוין איינמאָל באַקומען, באַגרייפט מען זעהר גוט, פאַר וואָס מען קאָן זי אַריינשטעלען אין די ראַהמען פון איינהייט און פילהייט און אין נאָך אַנדערע ראַהמען, וואָס איטליכער פון זיי איז גרעסער פאַר איהר. בקיצור, פילאָסאָפיע, דעפינירט אויף אַזאַ אופן, באַשטעהט ניט דאַרין, וואָס זי קלייבט אויס געוויסע באַגריפען, אָדער, וואָס שטעלט זיך איין פאַר דער אָדער יענער שול, נאָר דערין, וואָס זי זוכט אַן איין־און־איינציגע אינטו־איציע, וואָס פון איהר קען מען מיט דערזעלבער לייכטקייט אַראָפּשטייגען צו פאַרשיידענע באַגריפען, ווייל מען האָט זיך געשטעלט העכער איבער דעם פונאַנדערגעהן זיך פון די שולען.

אַז די פערזענליכקייט האָט אַן איינהייט איז זיכער, אָבער אַזאַ באַ־שטעטיגונג לערענט מיך קיין זאַך ניט וועגען די אויסערגעוועהנליכע טבע

פון דער זאַנדערבאַרער איינהייט, וועלכע די פּערזענליכקייט שטעלט מיט
זיך פאָר. אַז אונזער איך איז פילפאַך — בין איך מודה. עס מוז אָבער
פאַרשטאַנען ווערען, אַז דאָס איז אַ פילפאַכקייט, וואָס האָט קיין זאַך ניט
געמיינזאַם מיט אירגענד אַנדער פילפאַכקייט. און פאַר דער פילאָסאָפיע
איז באמת וויכטיג צו וויסען גענוי, וואָס פאַר אַן איינהייט, וואָס פאַר
אַ פילהייט, וואָס פאַר אַ רעאַליטעט איז אין דער ווירקליכקייט די פיל-
פאַכע איינהייט פון דעם איך, וועלכע איז העכער אי פון דער אַבסטראַק-
טער איינהייט, אי פון דער אַבסטראַקטער פילהייט. און דאָס וויסען וועט
די פילאָסאָפיע קענען נאָר דעמאָלט, ווען זי וועט ווידער אַמאָל קומען
אין באַזיץ פון דער איינפאַכער אינטואיציע פונ'ם איך דורך דעם איך.
וואָס פאַר אַ באַגריף זי זאָל אָננעמען, צי דעם פון איינהייט, צי דעם
פון פילהייט, צי אירגענד וועלכען אַנדערען פון די באַגריפען, וואָס דורך
זיי דעפינירען מיר דאָס פליסענדע לעבען פונ'ם איך, וועט זיך דאַן
ווענדען אין דער ריכטונג, וואָס די פילאָסאָפיע וועט אויסקלייבען פאַר
איהר אָראָפּנידערען פון דעם שפּיץ פון דעם איטואיציע באַרג. מיר
ווידערהאָלען אָבער, אַז קיין געמיש פון באַגריפען וועט אונז ניט געבען
עפּעס אַזעלכס, וואָס זאָל ווי עס איז זיך פאַרגלייכען מיט דער פּערזאָן,
וואָס דויערט.

ווען איך האָב פאַר מיר אַ פעסטען קאָנוס, זעה איך גאָר אָהן שוועי-
רינקייטען, ווי ער פאַרשמעלערט זיך צום שפּיץ צו, און שטרעבט צו-
נויפפאַלען מיט אַ מאַטעמאַטישען פונקט, צום באָזים ווידער פאַרברייטערט
ער זיך אין אַן אומבאַשטימטען פאַרגרעסערטען קרייז. ניט אָבער
דער פונקט, ניט דער קרייז און ניט דאָס באַנאַנדערשטעהן פוןביידע
אויפ'ן פלאַן, וואָלטען מיר געגעבען דעם מינדסטען באַגריף פון אַ קאָנוס.
דאָס זעלבע מיט דער פילהייט און איינהייט פון דעם גייסטיגען לעבען,
דאָס זעלבע איז מיט דעם נול און אומענדליכעס, וואוהין דער עמפּירי-
ציזם און דער ראַציאָנאַליזם פיהרט די פּערזענליכקייט.

באַגריפען, ווי מיר וועלען שפּעטער ווייזען, געהען אין פאָרלאַך און
רעפּרעזענטירען צוויי הפכים. עס איז אפשר גאָר ניט פאַראַן קיין קאָנ-
קרעטע ווירקליכקייט, וואָס זאָל ניט קענען באַטראַכט ווערען פון צוויי
שטאַנדפּונקטען, וואָס זיינען זיך סותר איינע די אַנדערע, און וואָס זאָל
דעריבער ניט קענען אונטערוואָרפען ווערן אונטער צוויי אַנטאַגאָניסטישע
באַגריפען. דערפון נעמט זיך די טעזע און אַנטיטעזע, וואָס זיי צו פאַר-

איינינגען אין אן אומזיסטער טרחה, אוים דעם פשוט'ן גרונט, וואס באַגריפען און שטאנדפונקטען שטעלען ניט צונויף דעם אביעקט.

ווערט אבער דער אביעקט באנומען דורך אינטואיציע, קאן מען שוין פון איהם אין א סך פאלען גרינג אריבערגעהן צו די אנטקעגענגעזעצטע באגריפען. און היות ווי אויף דעם אופן זעהען מיר ווי די טעזע און אנטיטעזע שפרינגען ארוים פון דער ווירקליכקייט, באגרייפען מיר שוין־שוין אין דערזעלבער צייט אויך פארוואס זיי זענען זיך סותר איינע די אנדערע, און ווי אזוי ארום זיי ווערען מושוה.

דערצו איז נויטיג, נאטירליך, איבערצואנדערשען די ארבייט פון אונזער אינטעלעקט. דענקען באשטעהט געוועהנליך דערין, וואס מען געהט אריבער פון באגריפען צו זאכען, און ניט פון זאכען צו באגריפען. צו דערקענען א ווירקליכקייט אין דעם געברויכליכען זין פון ווארט „דערקענען", הייסט, נעהמען שוין פארטיגע באגריפען, באשטימען זייער קוואנטיטאטיוו און קאמבינירען זיי איינע מיט די אנדערע, ביז וואנען מען באקומט א פראקטישען עקוויוואלענט פון דער ווירקליכקייט. מען דארף אבער ניט פארגעסען, אז די נארמאלע ארבייט פון דעם אינטעלעקט איז ווייט פון צו זיין א ניט־פאראינטערעסירטע ארבייט. בכלל טראכטען מיר ניט צו דערקענען לשם דערקענען. אונז ווילט זיך דערקענען, כדי צו וויסען מיט וואסער א צד מיר זאלען האלטען, כדי צו ציהען נוצען, קורץ, כדי וועלכען־עס־איז אינטערעס צו באפרידיגען. מיר אונטערזוכען ביז וואסער א גראד איז דער אביעקט, וואס מיר געהען דערקענען ד א ס אדער י ע נ ע ס, צו וואסערע פון די אונז באקאנטע קאטעגאריען געהערט ער, וואס פאר א סארט האנדלונג, באנעהמונג אדער האלטונג זאל ער פאר אונז באשטימען. די דאזיגע פארשיידענע מעגליכע האנדלונגען און האלטונגען באדייטען אזויפיעל ב א ג ר י פ ל י כ ע ר י כ ט ו נ ג ע ן פון אונזער דענקען, וועלכע זענען באשטימט איין מאל פאר אלע מאל, איז אונז בלייבט ניט מעהר ווי נאכפאלגען זיי. דערין אייגענטליך באשטעהט די אנווענדונג פון באגריפען צו זאכען. פראבירען אנפאסען א באגריף אויף א געגענשטאנד מיינט פשוט צו פרעגען, וואס קענען מיר מאכען פון דעם געגענשטאנד, און וואס קען ער פאר אונז טהאן. אויפקלעפען אויפ'ן אביעקט אן עטיקעטע פון א באגריף הייסט, צו באצייכענען אין באשטימטע טערמינען די ארט האנדלונג, אדער האלטונג, וועלכע דער אביעקט מוז ביי אונז ארויסרופען. איטליכעס דערקענען, אין דעם

געוועהנליכען זין פון וואָרט, איז אָריענטירט לויט אַ באַשטימטער ריכטונג, אָדער עס איז גענומען פון אַ באַשטימטען געזיכטס־פונקט. אונזער אינטערעס איז, אמת, אָפט קאָמפּליצירט, דעריבער טרעפט עס, דאָס מיר אָריענטירען אונזער דערקענען פון איינעם און דעמזעלבען אָביעקט אין אַ סך סוקסעסיווע ריכטונגען, און דאָס מיר בייטען אונזערע געזיכטס־פונקטען איבער דעם אָביעקט. דאָס איז וואָס מען רופט, און ניט גאָר ריכטיג, — אַ „ברייטע” און „אומפאַסענדע” דערקענטניס פון געגענשטאַנד. דער געגענשטאַנד ווערט דאַן אַרומגענומען ניט פון איין און איינציגען באַגריף, נאָר פון אַ סך באַגריפען. מיר נעמען אָן, אַז דער געגענשטאַנד „האָט אַ חלק” אין די אַלע באַגריפען. ווי אַזוי באַטייליגט ער זיך אין די אַלע באַגריפען אין איינער און דערזעלבער צייט? דאָס איז אַ שאלה, וואָס געהט ניט אָן אונזער פּראַקסיס, און וואָס מען דאַרף בכלל ניט שטעלען. עס איז דעריבער נאַטירליך און גערעכטפערטיגט, אַז אין טעגליכען לעבען זאָלען מיר אָנגעהן מיט דער אַרבייט פון שטעלען באַגריפען איינער נעבען דער אַנדערער און קוואַנטיטיוו זיי פונאַנדערטיילען. קיינע פילאָסאָפישע שוועריגקייטען וועלען דערפון ניט אַרויסקומען, מחמת דורך אַ שטילשווייגענדען אָפּמאַך וועלען מיר אונז צוריקהאַלטען פון פילאָסאָפירען. אַריבערטראָגען אָבער דעם דאָזיגען מאָדוס אָפּעראַנדי אין דער פילאָסאָפיע, צוגעהן אויך דאָ פון באַגריפען אויף זאַכען, אויך דאָ, וואו די דערקענטניס דינט ניט קיינע אינטערעסען, און וואו מען שטרעבט תופס צו זיין דעם אָביעקט און זיך זעלבסט; זיך באַנוצען מיט אַן אַרט דערקענטניס, וואָס ווערט אינספּירירט פון אַ באַשטימטען אינטערעס, און וואָס לויט איהר באַגריף נאָך באַשטעהט זי דערין, וואָס דער אָביעקט ווערט באַטראַכט פון דרויסענדיגע געזיכטס־פונקטען — הייסט געהן להיפך צום ציעל וואָס מען האָט זיך געשטעלט, הייסט צו פאַרדאַמען די פילאָסאָפיע אויף אַן אייביגען סכסוך צווישען שולען, און אַריינברענגען אַ סתירה אין דעם רעכטען הארץ פון דער זאַך און פון דעם מעטאָד. ענטוועדער ס'איז ניט מעגליך קיין פילאָסאָפיע, און יעטווידע דערקענטניס פון דער זאַך איז אַ פּראַקטישע, אַ דערקענטניס וואָס באַציהט זיך נאָר אויף די נוצען וואָס מיר קענען ציהען, אָדער פילאָסאָפירען באַטייט, צו פאַרזעצען זיך דורך די אָנשטרענגונג פון דער אינטואיציע אין דער זאַך גופא.

כדי אָבער צו פאַרשטעהן די טבע פון דער אינטואיציע, כדי גענוי צו באַשטימען, וואו די אינטואיציע ענדיגט זיך, און וואו דער אַנאַליז פאַנגט זיך אָן, מוזען מיר געהן צוריק צו דעם, וואָס עס איז פריהער געזאָגט געוואָרען מכח דעם לויף פון דויער.

מען וועט באַמערקען, אַז די עצם־כאַראַקטעריסטיק פון באַגריפען און סכעמאַס, צו וועלכע דער אַנאַליז פיהרט, איז די, וואָס זיי בלייבען אומ־פאַרענדערט, בעת מען באַטראַכט זיי. פון דעם סך־הכל פון דעם אינער־ליכען לעבען איזאָליר איך דעם פּסיכאָלאָגישען מהות, וועלכען איך רוף אַן עמפּפינדונג. איך נעהם אָן, אַז די עמפּפינדונג בלייבט ווי זי איז, אַזוי לאַנג ווי איך שטודיר זי. ווען איך וואָלט באַמערקט אַ וואָסערע־עס־איז ענדערונג אין איהר, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז ניט געווען קיין איינצעלנע עמפּפינדונג, נאָר עטליכע סוקסעסיווע עמפּפינדונגען, און די דעם אַנאַליז ווייט גענוג, קען איך קומען צו עלעמענטען, וועלכע איך עמפּפינדונג אַלס אַ גאַנצעס, וואָלט איך דאַן אריבערגעטראָגען אויף איט־ליכע פון די סוקסעסיווע עמפּפינדונגען. אויף יעדען פאַל, ווען איך טרייב אומפאַרענדערליכקייט, וואָס איך האָב צוגעשריבען צו דער פריהערדיגער וועל האַלטען פאַר אומפאַרענדערליך. דאָ, און נאָר דאָ, וועל איך געפינען דעם פעסטען אָפּעראַציאָנס באַזיס, וואָס די וויסענשאַפט באַדאַרף האָבען פאַר איהר אייגענע ענטוויקלונג.

עס קען אָבער דאַן אָנגעוויזען ווערען, אַז עס איז נישטאָ קיין גייס־טיגער צושטאַנד, מעג ער זיין ווי איינפאַך, וואָס זאָל זיך ניט בייטען יעדע רגע. דאָס איז דערפאַר, וואָס עס איז ניטאָ קיין באַוואוסטזיין אָהן אַ זכרון, און וואָס קיין צושטאַנד ווערט ניט פאַרטגעזעצט אָהן דעם, אַז עס זאָל צו דער געגענוואַרטיגער עמפּפינדונג ניט צוגעגעבען ווערען די עראי־נערונג וועגען די פריהערדיגע מאָמענטען, דערין באַשטעהט די דויער. די אינערליכע דויער איז דאָס לויפענדע לעבען פון זכרון, אַ דאַנק וועלכען די פאַרגאַנגענהייט ווערט פאַרטגעזעצט אין דער געגענוואַרט. נאָך ריכ־טיגער איז אפשר צו זאָגען, אַז די געגענוואַרט צייגט מיט דעם, וואָס זי הערט ניט אויף צו בייטען איהר קוואַליטעט, ווי שווער די משא איז, וואָס מיר שלעפּען הינטער אונז, און אַז די משא ווערט שווערער און שווערער לפי ערך צו דעם, וואָס מיר ווערען עלטער. אָהן דער פאַרטזעצונג פון דער

פאַרגאַנגענהייט אין דער געגענוואַרט האָבען מיר אַן אויגענבליקליכע עק־זיסטענץ, און ניט קיין דויער.

ווען מען זאָל מיר אפשר פאָרוואַרפען, אַז דערמיט אַליין, וואָס איך אַנאַליזיר דעם פסיכישען צושטאַנד נעהם איך שוין ארויס פון דער דויער, וואָלט איך געענטפערט: „איז דען ניט איטליכער פון די עלעמענטאַרע צושטאַנדען, וואָס צו זיי פיהרט מיין אַנאַליז, אַליין אַ צושטאַנד, וואָס פאַרנעמט צייט?" מיין אַנאַליז, וואָלט איך געזאָגט, לייזט זיכער אויף דאָס אינערליכע לעבען אין אייגענאַרטיגע צושטאַנדען, היות אָבער ווי די אייגענאַרטיגקייט שפּרייט זיך אויס אויף אַ באַשטימטער צאָהל פון מינוטען, אָדער סעקונדען, הערען דעריבער ניט אויף די עלעמענטאַרע פסיכישע צושטאַנדען צו דויערען, הגם זיי ענדערען זיך ניט.

אַזוי אָבער צו זאָגען מיינט ניט איינצוזעהן, אַז די געוויסע צאָהל פון מינוטען און סעקונדען, וואָס איך שרייב צו די עלעמענטאַרע פסי־כישע צושטאַנדען, איז אייגענטליך דער צייכען, וועלכער איז באַשטימט מיך צו דערמאָנען, אַז דער פסיכישער עלעמענט, וועלכען מיר האָבען באַטראַכט פאַר אייגענאַרטיג, איז אין דער ווירקליכקייט אַ צושטאַנד, וואָס בויט זיך און דויערט. דער צושטאַנד, גענומען פאַר זיך אַליין, איז אונאויפהערליך אין זיין ווערען. איך האָב פון דעם ווערען עקסראַהירט אַ געוויסע דורכשניטליכע קוואַליטעט, וועלכע איך האָב אָנגענומען אַלס אומפאַרענדערליכע, און אויף אַזאַ אופן אויפגעשטעלט אַ שטאַנדהאַפטען, און, פאָלגליך אַ סכעמאַטישען צושטאַנד. פון דער אַנדערער זייט האָב איך פון דעם צושטאַנד עקסטראַהירט דאָס ווערען בכלל, אַ ווערען, וואָס איז ניט פאַר ווערען, אַ ווערען, און ניט דאָס ווערען פון אַ באַ־שטימטער זאַך, און איך האָב דאָס אַ נאָמען געגעבען צ י י ט, וועלכע דער צושטאַנד פילט אויס. וואָלט איך עס גענויער באַטראַכט, וואָלט איך גע־זעהן, אַז די דאָזיגע אַבסטראַקטע צייט איז אַקוראַט אַזוי אומבאַוועגליך, ווי דער צושטאַנד, וועלכען איך האָב אין איהר פאַרזעצט. איך וואָלט געזעהן, אַז זי קען ניט פליסען אָהן אַן אומאויפהערליכען בייט פון איכות. און אויב אָהן איכות, איז זי נאָר אַ ביהנע פאַר דער שפּיעל פון פאַר־ענדערונגען, איז זי דאָך אייגענטליך ניט מעהר ווי אַן אומבאַוועגליכער פאַרמיטלער. איך וואָלט אויך געזעהן, אַז די השערה מכח די דאָזיגע איינאַרטיגע צייט איז געמאַכט געוואָרען, בלויז כדי צו פאַרלייכטערען

דעם פאַרגלייך צווישען די פאַרשיידענע קאָנקרעטע דויערס, כדי צו ערמעגליכען פאַר אונז צו באַרעכענען גלייכצייטיגקייטען, און כדי צו מעסטען איין דויער ־פאַרלויף אין זיין שייכות צו דעם אַנדערען. מיר וואָלט אויך קלאַר געוואָרען, אַז פאַרבינדענדיג די פאַרשטעלונג פון אַן עלעמענטאַרען פסיכישען צושטאַנד מיט דער באַצייכנונג פון אַ געוויסער צאָהל מינוטען און סעקונדען, דערמאָן איך בלויז מיך און אַנדערע, אַז דער צושטאַנד איז באַפרייט געוואָרען פון דעם איך, וואָס דויערט, און ער וויזט איצט נאָר אַן אויף דעם אָרט, וואו דער איך מוז געמאַכט ווערען זיך נאָך אַמאָל צו באַוועגען, כדי ער זאָל צוריקגעפיהרט ווערען פון דער אַבסטראַקטער סכעמא צו דער קאָנקרעטער פאָרם, וועלכע ער האָט פריי־הער פאַרמאָגט. איך איגנאָריר אָבער דאָס אַלעס, ווייל אין דעם אַנאַליז געברויך איך דאָס ניט.

דאָס באַטייט, אַז דער אַנאַליז אָפּערירט תמיד מיט דעם אומבאַ־וועגליכען, ווערענד די אינטואיציע פאַרזעצט זיך אין דעם באַוועגליכען, אָדער, וואָס דאָס איז איינס און דאָס זעלבע, אין דער דויער, דאָס איז דער ריכטיגער גרענעץ צווישען דער אינטואיציע און דעם אַנאַליז. דאָס רעאַלע, דאָס לעבעדיגע, דאָס קאָנקרעטע דערקענט מען דורך דעם, וואָס זיי זיינען פאַרענדערליכקייט אַליין. דער עלעמענט זעהט זיך אַן דורך זיין אומפאַרענדערליכקייט. דער עלעמענט איז, לויט זיין באַגריף נאָך, אומ־פאַרענדערליך, ווייל ער איז אַ סכעמא, אַ פאַראיינפאַכטע רעקאָנסטרוקציע, אָפט בלויז אַ סימבאָל, אַלענפאַלס אַ שטעהענדער פונקט אין דער פלי־סענדער רעאַליטעט.

דער טעות באַשטעהט דערין, וואָס מען גלויבט, אַז מיט די דאָזיגע סכעמאַס קען מען שוין פון דאָס ניי אויפבויען די רעאַליטעט. ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט, און איצט חזר איך איבער: מען קען פון דער אינטואיציע אַריבערגעהן צום אַנאַליז, אָבער ניט פון דעם אַנאַליז צו דער אינטואיציע.

מיר קענען פון דער אומפאַרענדערליכקייט מאַכען אַזוי פיעל אָפּוויי־כונגען, וויפיעל אונזער האַרץ גלוסט זיך, קוואַליטעטען און מאָדיפיצי־רונגען, ווייל זיי זיינען דאָך די אומפאַרענדערליכע אַנזיכטען, וואָס דער אַנאַליז האָט גענומען פון דער באַוועגליכקייט, וועלכע איז דער אינטו־איציע געגעבען געוואָרען. די דאָזיגע מאָדיפיצירונגען אָבער, געשטעלט

איינע נעבען די אַנדערע אין איין שורה, וועלען ניט פּראָדוצירען קיין שום זאַך, וואָס זאָל עהנליך זיין צו דער פאַרענדערליכקייט. דאָס איז דערפאַר, וואָס די מאָדיפיצירונגען זיינען עלעמענטען פון דער פאַרענדערליכקייט און ניט קיין טיילען פון איהם.

לאָמיר, צום ביישפיעל, באַטראַכטען די פאַרענדערליכקייט; נעמליך, די באַוועגונג אין רוים. אין דער לענג פון דער גאַנצער באַוועגונג קען איך מיך פאָרשטעלען מעגליכע רעזולטאַטען, דאָס זענען, וואָס מען רופט די פּאָזיציעס פון דער באַוועגליכער זאַך, אָדער די פּונקטען, דורך וועלכע די זאַך געהט דורך. אָבער די פּאָזיציעס מאַכען נישט די באַוועגונג, און זיי זיינען אויך ניט קיין טיילען פון דער באַוועגונג, זיי זיינען נאָר אַזוי פיעל אַנזיכטען גענומען פון דער באַוועגונג, זיינען נאָר קען מען זאָגען, מעגליכע שטילשטאַנדען. דער באַוועגליכער קערפּער איז קיין מאָל ניט אין דער ווירקליכקייט אין איינע פון די פּונקטען. העכסטענס וואָס מיר קענען זאָגען איז, אַז דער קערפּער געהערט דורך און דורך די פּונקטען. אָבער דאָס דורכגעהן איז באַוועגונג, און האָט ניט קיין געמיינזאַמעס מיט׳ן שטילשטאַנד, וועלכער איז אומבאַוועגליכקייט. אַ באַוועגונג קען זיך ניט באַזירען אויף אַן אומבאַוועגליכקייט, מחמת זי וואָלט מיט איהר צונויפגעפאַלען, און דאָס איז אַ ווידערשפּרוך. די פּונקטען זיינען ניט *אין* דער באַוועגונג ווי טיילען, זיי זיינען אפילו ניט *אונטער* איהר ווי פּאָזיציעס, וועלכע דער באַוועגליכער קערפּער פאַרנעמט; זיי זיינען פּשוט פון אונז פּראָיעצירט אונטער דער באַוועגונג. זיי זיינען אייגענטליך ניט קיין פּאָזיציעס, נאָר „סופּאָזיציעס“ — אַנזיכטען און געזיכטספּונקטען פון געדאַנק. ווי קען מען אָבער בילדען אַ זאַך מיט געזיכטס־פּונקטען?

דאָך פּרובירען מיר דאָס צו טאָן, ווען מיר קלערען וועגען באַוועגונג און וועגען צייט, וואָס איהר דינט די באַוועגונג פאַר אַ מיטעל רעפּרעזענטירט צו ווערען, אַ דאַנק דער שטאַרק איינגעוואָרצעלטער אין אונזער גייסט אילוזיע, און אַ דאַנק דעם, וואָס מיר קענען אונז ניט העלפען צו באַטראַכטען דעם אַנאַליז פאַר אַן עקוויוואַלענט פון דער אינטואיציע, מערקען מיר אַז אין דער לענג פון דעם גאַנצען שטח פון דער באַוועגונג אַ געוויסע צאָהל פון מעגליכע שטילשטאַנדען, אָדער פּונקטען, און, גאָר קיין סך ניט קלערענדיג, מאַכען מיר פון זיי טיילען פון דער באַוועגונג,

ווען מיר זעהען איין, אַז מיר זיינען ניט ביכולת מיט די אָנגעמערקטע פונקטען ווידער צונויפזעצען די באַוועגונג, שטעלען מיר אַריין נאָך פונקטען, גלויבענדיג, אַז אויף אַזאַ אופן װעלען מיר צוקומען אַלץ נעהנטער צו דער עצם באַוועגליכקייט אין דער באַוועגונג. און ווען די דאָזיגע באַוועגליכקייט ווערט נאָך אַלץ פון אונז אַנטרונען, שטעלען מיר אַוועק אויפ'ן אָרט פון דער ענדליכער און באַגרענעצטער צאָהל פונקטען אַן „אומענדליך וואַקסענדע“ צאָהל — אַזוי אַרום באַמיהען מיר אונז, און אומזיסט, דורך די באַוועגונג פון אונזער געדאַנק, וואָס געהט אָן מיט'ן חבור פון פונקטען עד לאין סוף, נאָכצומאַכען די רעאַלע און אומצוטיילטע באַוועגונג פון דעם באַוועגליכען קערפער. נאָכהער זאָגען מיר, אַז באַוועגונג איז צענויפגעזעצט פון פונקטען, נאָר נישט מעהר, וואָס אַ חוץ די פונקטען איז ערגעץ־וואו נאָך אין דער באַוועגונג פאַרבאַהאַלטען אַ דונקעלער און געהיימניספולער איבערגאַנג פון איין פּאָזיציע צו דער אַנדערער, גלייך ווי די דונקעלהייט וואָלט לחלוטין ניט אַרויסגעקומען דערפון, וואָס מיר האָבען אָנגענומען, אַז אומבאַוועגליכקייט איז קלאָהרער איידער באַוועגליכקייט, און אַז רוה קומט פריהער, איידער באַוועגונג! גלייך ווי די געהיימנים וואָלט ניט געווען אויסדריקליך אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס מיר האָבען זיך אונטערגענומען דורך דעם חבור פון פונקטען אַריבערגעהן פון שטילשטאַנד צו באַוועגונג, בעת עס איז אַזוי לייכט אַריבערצוגעהן דורך אַן איינפאַכער מדרגה'דיגער פאַרמינדערונג פון באַוועגונג צו אַ לאַנגזאַמער באַוועגונג און נאָכהער צו אומבאַוועגליכקייט! מען מוז זיך צו געוואוינען צו באַטראַכטען באַוועגונג אַלס דאָס קלאָרסטע און איינפאַכסטע, וואָס איז פאַראַן; אומבאַוועגליכקייט איז נאָר דער לעצטער גרענעץ פון דער פאַרלאַנגזאַמקייט פון באַוועגונג, אַ גרענעץ, וואָס צו איהם קומען מיר נאָר צו אין אונזער געדאַנק, און וואָס אין דער נאַטור ווערט ער קיינמאָל ניט רעאַליזירט. מיר האָבען געזוכט די באַדייטונג פון דעם געדיכט אין דער פאָרם פון די אותיות, פון וועלכע דאָס געדיכט איז צונויפגעשטעלט. מיר האָבען געגלויבט, אַז האָבענדיג פאַר אונז אַ פאַרמעהרענדע צאָהל אותיות, וועלען מיר סוף כל סוף קענען באַגרייפען דעם פון אונז תמיד אַנטרונענדען זין פון געדיכט. און אין יאוש, זעהענדיג, אַז עס איז נוצלאָז צו זוכען אַ טייל פון דעם זין אין יעדען אות, האָבען מיר באַשלאָסען, אַז צווישען איין אות

און דעם אַנדערען ליגט פאַרבאָרגען די לאַנג־געזוכטע טייל פון דעם גע־היימניספולען זין פון געדיכט. עס מוז אָבער נאָך אַ מאָל אָנגעדייטעט ווערען, אַז די אותיות זיינען עלעמענטען פון דעם סימבאָל, און ניט קיין טיילען פון דער זאַך. און די פּאָזיציעס, חוץ איך איבער, פון דעם באַוועגליכען קערפּער זענען ניט קיין טיילען פון דער באַוועגונג, זיי זענען פּונקטען פון דעם רוים, וועלכער איז, ווי מיר זענען עס משער, דער אונטערשלאַג פון דער באַוועגונג.

(שלום קומט)

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען צו ה׳ יעקב מילך׳ס אַרטיקעל: „רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער תיגען לעבען“.

נ אָ ט י צ ע ן:

יצקק ליכטענשטיין:

דזשייקאָב עפּשטיינ׳ס נייע סקולפּטור אויסשטעלונג.

י. טאָפּעל:

„יונג אידיש“.

ל. מילער:

וועגען „קריטיק“.

ה. לייוויק:

וועגען בער האָראָוויצ׳ס לידער.

י. שטיינבוים:

אַ נייע אידישע גראַמאַטיק.

אב. ליוויי:

צייטונגס ליטעראַטור אין ביכער.

דר. ח. זשיטלאָווסקי:

אַ פּאָר קריטישע באַמערקונגען צו ה' יעקב מילך'ס אַרטיקעל: „רעאַק־ציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען" (שריפטען, זומער, 1919).

צווייטער אַרטיקעל.

עס איז מיר אוממעגליך אָבצושטעלען זיך אויף אַלע וויכ־טיגע פּונקטען פון הערן מילך'ס אַרטיקעל, און ס'איז אויך ניט איבריגס נויטיג. וועל איך באַריהרען נאָר אַ פּאָר פון זיי. קודם יענעם פּונקט, וואָס האָט צו טאָן מיט מיין אייגענער רעאַקציאָנערער ראָליע אין אַמע־ריקע. ווייל, לויט הערר מילך'ס שילדערונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך איך האָב געהאַט אַ געוויסען חלק אין אַרויסברענגען „רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין אונזער היגען לעבען".

די מעשה, ווי ה' מילך דערצעהלט, איז געווען אַזאַ:

עס זיינען געקומען אַהער נאָך אין די עלטערע ציטען אידישע יונ־גע לייט, וואָס זיינען געווען זאַרגלאָז, גאַטלאָז, פריי און באַרייט אויפ־צונעמען נייע אידעען. דאָ האָבען זיי געמוזט ווערען פאַבריק־אַרבייטער. אָוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַ־ציע, איז געווען ניט מעהר ווי נאַטירליך, זיי זאָלען ווערען סאָציאַ־ליסטען, בפרט ווען מען דערמאָנט זיך אַז דער סאָציאַליזם האָט מיט זיין אינטערנאַציאָנאַליזם „אָנגעוויזען אויף די איינציג מעגליכע רפואה צו אַן'אַנדער גרויסער מכה — די מכה פון אַנטיסעמיטיזם". (ז. 14—15.)

שפּעטער האָבען אָבער די יונגע לייט פאַרלאָזען די פאַבריקען, זיי־נען אַריין אין די אוניווערסיטעטען, האָבען אויסגעשטודירט אויף דאָק־טוירים און אַדוואָקאַטען און זיך גענומען מיט התמדה פאַר דעם עיסק פון מאַכען געלד.

„מען האָט געמאַכט פיעל געלד", דערצעהלט ה' מילך, „געשפּעקו־לירט אין ריעל עסטייט, געליהען געלט אויף מאָרטגיידזשעס, געקויפט אָטאָמאָבילס און געשפּילט אין פינאָקל... אָבער... דער אַלטער ליבעראַ־ליזם איז געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז. דער פינאָקל איז ניט באַקומען. דאָס לייען געלט אויף הויכע פּראָצענטען איז ניט איינגעגאַנגען. „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס האָט געדריקט ווי אַ שווערע משא און האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט אויסגלייכען מיט דעם קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען" (ז. 26).

האָבען זיי זיך געפיהלט אומצופרידען מיט זיך אַליין. האָט גאָט זיך דערבאַרעמט אויף זיי און האָט גענומען שיקען אַהער משולחים פון רוסלאַנד, צו זאַמלען געלד פאַר דער רעוואָלוציע. האָבען די אינטעלי־גענטע אַלרייטניקעס און פינאָקל שפּילער זיך אָנגעכאַפּט אָן די משולחים,

ווייל „ווי ווייט איינער זאָל ניט האָבען געוועזען אוועק פון די אַלטע אי־דעאַלען, פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער אימער באַהאַלטען אַ וואָרם ווינקעל". (ז. 28.)

„צווישען די משולחים", דערצעהלט ווייטער ה' מילך, — און מיר גיבען דאָ איבער זיינע אייגענע ווערטער, נאָר אביסעל געקירצט, — „איז געוועזען איינער, וואָס האָט געבראַכט... געדאַנקען פאַר דיזער אינטעליגענציע, וועלכע האָבען זיי געגעבען דעם ערשטען באַוואוסטזי־ניגען שטויס צו דער רעאַקציע... איך רעד דאָ וועגען דר. זשיטלאָווסקי... אָנגעהויבען האָט דר. זשיטלאָווסקי מיט אַ קריטיק פון דעם מאַרקסיסטי־שען געדאַנק. זיין ערפאָלג איז געווען אַ גוואַלדיגער... וואָס איז געווען דער סוד פון דעם אונערהערטען ערפאָלג?" (ז. 29.)

דער סוד פון דעם אונערהערטען ערפאָלג, ענטפערט ה' מילך אויף זיין אייגענער שאלה, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס „מיט זיין קריטיק האָט ער פון זיי אַראָפּגענומען די קייטען פון מאַרקסיזם. ער האָט באַ־פרייט זייער גייסט פון אַן עול, וואָס איז געווען אונערטרעגליך. פון אים" (ד. ה. פון מיר, זש.) „האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז די מאַטעריעלע באַדינגונגען זיינען ניט דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג. ער האָט זיי דערצעהלט, עס איז די לעבעדיגע ווירקענדע אינטעליגענץ, ניט די טויטע עקאָנאָמישע אומשטענדען, וואָס שפּילט דעם (די) ערשטען (ערשטע) פידעל אין דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען — אַ שטיין איז אַראָב פון הארץ! אַ שאָד, וואָס זיי האָבען דאָס פריהער ניט געוואוסט. דער פינאַקל וואָלט גאָר געהאַט אַן אַנדער טעם... ניט ווילענדיג און ניט וויסענדיג האָט ער" (אַלץ נאָך מיין זינדיגקייט, זש.) „אַראָבגעקייקעלט דעם גרויסען שטיין, וואָס האָט געלאַסטעט אויף זייער געוויסען". (ז. 30).

און אָהן דעם גרויסען שטיין אויף זייער געוויסען, האָבען זיי שוין גענומען פאַלען, רחמנא לצלן, פון שטופע צו שטופע און האָבען זיך דערקייקעלט, ניט צו דער נאַכט געוועזן, ביז צו נאַציאָנאַליזם און אפילו ציוניזם, וואָס איז כידוע, דער טיפסטער תהום פון רעאַקציע.

אזוי דערצעהלט די מעשה ה' מילך.

אין מיינע אויגען איז דאָס אַ מעשה פון טויזענט און איין נאַכט; אַ ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע פאַנטאַזיע און דערצוו נאָך אַ שלעכט צוגעטראַכטע.

„דאָס לייהען געלט אויף פּראָצענט איז ניט איינגעגאַנגען" דער געלט־מאַכענדער אינטעליגענץ, ווייל „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס האָט געדריקט ווי אַ שווערע משא"! ווען דערצעהלט ה' מילך אזעלכע קינדערייען?

איז ה' מילך ניט באַקאַנט, אזוי גוט ווי איך, און אזוי גוט ווי יעדער פון „אנשי שלומינו", מיט דעם פאַקט, אַז אין די רייהען פון דער כשר'סטער, מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס האָט באַגע־גענט מיין אַנטי־מאַרקסיסטישע פּראָפּאַגאַנדע מיט שוים פון שנאה

אויף די ליפּען, אַז גראָד, זאָג איך, אין אָט די רייהען זענען געווען און זיינען נאָך דאָ מענשען, וואָס רייסען פּראָצענט, ווי דער ערגסטער וואָ־כערניק, און שפּילען ד י ב כ ב ו ד ׳ ס ט ע ר אָ ל י ע אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג? אַז אַ סך, אַ סך פון די, וואָס זיינען „גע־בליבען געטרייע צו זייערע יוגענד־אידעאַלען" און פאַרשילטען נאָך עד היום יעדען נאַציאָנאַליזם, ווי די שרעקליכסטע רעאַקציע (פּונקט ווי ה׳ מילך)) שפּעקולירען אין ריעל עסטייט, האָבען פּעקטאָרים, און שינדען די הויט פון זייערע ארבייטער פּונקט ווי דאָס איז באַשריבען אין „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס?

אויב אָט די און ענליכע „פּראָגרעסיווע" מאַרקסיסטישע טוערס האָבען געקאָנט בלייבען בלוט־זויגערס אין גוטער מאַרקסיסטישקייט און גוטער קאָסמאָפּאָליטישקייט, פאַר וואָס האָבען „יענע" געדאַרפט שפּירען „דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס", ווי אַ גרויסען שטיין אויף זייער געוויסען?

און איז אין דער אמת׳ן „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס אַזוי שווער „אויסצוגלייכען מיט דעם קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען"? וואָס איז „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס אויב נישט אין דער ערשטער ליניע דער באַווייז, אַז „דאָס קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען" איז אַ געשיכטליך נויטווענדיגע ערשיינונג? און ניט נאָר דאָס, נאָר אויך אַ רעוואָלוציאָנערע ערשיינונג? באַווייזט דען ניט „דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס", אַז וואָס מעהר קאַפּיטאַליסטישע טעטיגקייט — אַלץ מעהר פּראָלעטאַריזאַציע פון די מאַסען און אַלץ נעהענטער צו דער סאָציאַליסטישער גאולה?

אויב ווער עס איז ווייל האָבען אַ סאָציאַליסטישען הכשר אויף דער אייגענער באַטייליגונג אין „דעם קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען", דאַרף ער ניט זוכען קיין בעסערען, ווי נאָר אין „דאָס קאַ־פּיטאַל פון קאַרל מאַרקס". ניט ווי אַ שווערען שטיין אויף זיין געוויסען דאַרף ער שפּירען די לעהרען פון דעם מאַרקסיזם, נאָר ווי אַ שטראָם פון „מים טהורים", וואָס שווענקט אַראָב פון דעם געוויסען יעדען פלעק.

אין דער פריה קאָן מען — אין גוטער מאַרקסיסטישקייט — זיצען אין אָפיס און פאַרקויפען לאָטס און מאַכען דערביי די שווערע טויזענ־טער און אין די אָווענטען פירען די היציגסטע מאַרקסיסטישע אַגיטאַציע און שיטען פעך און שוועבעל אויף די „רעאַקציאָנערע נאַציאָנאַליסטען, וואָס ווילען דרעהען די רעדער פון דער געשיכטע אויף צוריק" און דער־ביי זיך פיהלען אַזוי גרינג אויפ׳ן הארצען, אַקוראַט ווי מען וואָלט געווען געטראָגען אויף די גרויסע אָדלער־פליגלען פון דעם סטיכישען פּראָצעס, וואָס פירט צום סאָציאַליזם ד ו ר ך ד ע ם ק אַ פּ י ט אַ ל י ז ם!

מען דאַרף ניט קיין בעסערען הכשר פאַר דעם „קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען", איידער „דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס", וועלכער לערנט, אַז די אנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם איז

דער איינציגער וויכטיגער פאָרבאַדינג פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם סאָציאַליזם.

איך וויל, מען זאָל מיך ריכטיג פאַרשטעהן. בשום אופן באַשולדיג איך ניט קאַרל מאַרקס'ען און ניט דעם מאַרקסיזם אין דער טענדענץ, ארויסצוגעבען מינטער־טראַפּענס פאַר אַ פאַר'חלש'טען סאָציאַליסטישען געוויסען פון אַן אינדיווידועלען קאַפּיטאַליסט. דער מאַרקסיזם וויל זיין און האָט געשטרעבט צו זיין אַ ו ו י ס ע נ ש אַ פ ט. וויסענשאַפטען ווערען ניט געמאָסטען מיט דער מאָס פון מאָראַל און זיינען ניט פאַר־אַנטוואָרטליך פאַר די אָדער יענע מאָראַלישע קאָנסעקווענצען, וואָס קאָנען געצויגען ווערען פון זיי.

אויך וויל איך בשום אופן ניט לייקענען, אַז ביי אַ סך פון די סאָציאַליסטישע עסקנים אין „ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען" האָט געמוזט ליגען „אַ שווערער שטיין אויף דעם געוויסען". אָבער דער שטיין איז געווען ניט „דאָס קאַפּיטאַל פון קאַרל מאַרקס", נאָר די אַלגעמיין־מענשליכע, ד. ה., ד י ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע מ אָ ר אַ ל, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ סך פריהער פאַר קאַרל מאַרקס'ען און וואָס איז פון דעם מאַרקסיזם — וואָס האָט געוואָלט זיין ריין וויסענשאַפטליך — פאַרשטופּט געוואָרען ערגעץ־וואו אין אַ ווינקעל.

אָבער אָט ד ע ם שווערען שטיין פון דעם געוויסען האָט מיין קריטיק פון דעם מאַרקסיזם בשום אופן ניט געקאָנט אַראָבנעמען, נאָר אדרבה, נאָך פאַרשטאַרקען.

טראַכט זיך באמת אריין אין דער לאַגע, ווי זי ווערט געשילדערט פון הערן מילך! עס געהען ארום אינטעליגענטע מענשען מיט אַ צעוויי־טיגטען געוויסען, ווייל זיי באַשעפטיגען זיך מיט „ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען!"

קומט צו זיי אַ „שליח פון רוסלאַנד" און רעדט צו זיי בזה הלשון:

ברידער! איהר האָט געהערט, מען האָט אייך געזאָגט, אַז „די מאַטע־ריעלע באַדינגונגען זיינען דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטלי־כער אנטוויקלונג"; אַז די מענשען און זייערע מעשים זיינען אַ פּראָדוקט פון די מאַטעריעלע אומשטענדען און אַז דאריבער זייט איר ניט שולדיג אין דעם, וואָס אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט לעבט איר אויף אַ קאַפּיטאַליסטישען שטייגער; איך אָבער זאָג אייך, אַז „דער הויפּט־פאַקטאָר אין דער געזעלשאַפטליכער אנטוויקלונג איז די לעבעדיגע ווירקענדע אינטעליגענץ!" איר זייט אָט די לעבעדיגע ווירקענדע אינטע־ליגענץ! פון אייך און פון אייער טעטיגקייט — און ניט פון דעם סטי־כישען קאַפּיטאַליסטישען פּראָצעס — העננט אָב, אַז די סאָציאַלע אומ־גערעכטיגקייטען, וואָס שרייען צום הימעל, זאָלען אָבגעשאַפט ווערען. און דאריבער מוזען אַלע יסורים, וואָס די איצטיגע מענשהייט שטעהט אויס, פאַלען מיט זייער גאַנצער לאַסט אויף אייער געוויסען!

און ווי נאָר יענע אינטעליגענטען האָבען דערהערט אַזעלכע רייד, וואָס דאַרפען פאַלען ווי אַ צענטער־שווערע משא אויף זייער געוויסען,

אזוי, פאַרזיכערט ה׳ מילך, איז „אַ שטיין אַראָפּ פון זייער האַרצען“ און „דער פינאַקל האָט באַקומען גאָר אַן אַנדער טעם“ ! !..

אַגב אורחא, ווייל איך דאַ באַמערקען, אַז דער אינהאַלט פון מיין פּראָפּאַגאַנדאַ איז אין דעם פּונקט איבערגעגעבן געוואָרען ניט אין גאַנ־צען ריכטיג. איך האָב קיינמאָל ניט געזאָגט, ניט מינדליך, ניט שריפטליך, אַז „די לעבעדיגע ווירקענדע אינטעליגענץ“ „שפּילט די ערשטע פידעל אין דעם מענשליכען צוזאַמענלעבען“. וואָס איך האָב געוואָלט באַווייזען און האָב — ווי מיר דוכט — באַוויזען, איז, אַז די אינטעליגענציע און איר מאָראַלישער באַוואוסטזיין זיינען אַן ערנסטער מיט־געשטאַלטענדער פאַקטאָר אין דעם געשיכטליכען לעבען. די מאָראַלישע קאָנסעקווענצען אָבער פון אַזאַ שטאַנדפּונקט בלייבען דיזעלביגע. עס ליגט ניט אין זייער טענדענץ אַראָפּצוקייקלען דעם גרויסען שטיין, וואָס ליגט אויף דעם גע־וויסען ביי די, וועלכע דינען דעם „קאַפּיטאַל פון ריעל עסטייט און הויכע פּראָצענטען“. גיכער ליגט אין זייער טענדענץ צו פּאַראַליזירען יענעם היתר, וואָס מען קאָן אַרויסדרינגען פון „דאָס קאַפּיטאַל“ פון קאַרל מאַרקס.

על־כל־פּנים איז פון הערן מילך׳ס שילדערונג אַבסאָלוט אונמעגליך צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי מיין אַנטי־מאַרקסיסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ האָט געקאָנט פירען צו אַ רעאַקציאָנערען נאַציאָנאַליזם. בפרט, אַז גראַד אין מיין נאַציאָנאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ בין איך אַלע מאָל געשטאַנען און שטעה איצט אויך אויף דעם שטרענגען טעאָרעטישען באָדען פון דעם מ אַ ר ק ס י ס ט י ש ע ן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט — כידוע — געפאָדערט פרייהייט און פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט פאַר אַ ל ע פעלקער, אפילו די קלענסטע. (דעם באַווייז פאַר מיין טעזיס זעה אין מיין אַרבייט, „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע“.)

ה׳ מילך האָט אָבער, משמעות, קיין ברעקעל באַגריף ניט פון דעם אמת׳ן אינטערנאַציאָנאַליזם, וואָס נעמט אין זיך אַריין אויך דעם מאַרק־סיזם. ער וואַרפט צענויף אין איין טאָפּ אַלע אַרטען פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, סיי די, וואָס לייקענען אָב די אינטערנאַציאָנאַליטעט און צילען צו פאַרשקלאַפען אַנדערע פעלקער, סיי די, וואָס שטעהען אויף דעם באָדען פון אינטערנאַציאָנאַליזם און שטרעבען צו אַ פרייען פעלקער־בונד פון גלייך זעלבסטשטענדיגע און אומאַבהענגיגע איינצעלנע נאַציעס.

„יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג“, זאָגט ער קאַטעגאָריש, „איז אין תוך רעאַקציאָנער“.

דער לעזער האָט געמאָגט דערוואַרטען, אַז ה׳ מילך וועט דאָ אַרויסקו־מען מיט זיינע סימנים פון פּראָגרעס, יענע סימנים, מיט וועלכע מיר זיינען באַקאַנט געוואָרען אין דעם ערשטען אַרטיקעל, און וועט אויף זייער סמך באַווייזען, פאַר וואָס י ע ד ע נאַציאָנאַלע באַוועגונג מוז אין איהר תוך זיין רעאַקציאָנער. ערשט — עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! אַנשטאָט דעם שפּרינגט ביי אים אַרויס אַ שפּאָגעל נייע טעאָריע פון

פּראָגרעס און רעאַקציע, וואָס איז — מען מוז דאָס אים מודה זיין — אַקוראַט אזוי אויבערפלעכליך און מטושטש, ווי זיינע באַרימטע סימנים.

„דער פונדאַמענט, אויף וועלכען די נאַציאָנאַלע באַוועגונג בויט, איז די פאַרגאַנגענהייט, דאָס מיטעל, וואָס זי באַנוצט, צו דערגרייכען איר ציל, איז די אָבגעזונדערטקייט. די ביידע זאַכען שמעקען מיט רעאַקציע".

מיר באַוואונדערען ממש ה' מילך'ס פיינעם חוש הריח. וואו ער דערשמעקט דאָס ניט די רעאַקציע! אָבער — במחילת כבודו! — פאַר וואָס איז בויען עפּעס אויף דער פאַרגאַנגענהייט רעאַקציאָנער? ניט שווין, פּשוט דערפאַר, וואָס די פאַרגאַנגענהייט ליגט הינטער אונז און יעדער פאַרזוך צו בויען עפּעס אויף איר, הייסט דאָך, לויט דעם פּשוט'ען טייטש פון דעם וואָרט, געהן צוריק, דאָס הייסט, ווערן רעאַקציאָנער?

און ווי איז אז די פאַרגאַנגענהייט האָט אין זיך אַ סך עלעמענטען, וואָס זיינען נויטווענדיג פאַר דעם מענשליכען פּראָגרעס, לאָז זיין אפילו נאָך יענע סימנים, וועלכע ה' מילך האָט אונז געגעבען? איז דער צוריקקעהר צו אַזאַ פאַרגאַנגענהייט רעאַקציאָנער אָדער פּראָגרעסיוו? האָט ה. מילך אפשר געהערט אַמאָל וועגען די נעמען פון אַ העגעל און אַ קאַרל מאַרקס, וואָס האָבען געלערענט, אַז יעדע העכסטע שטופע אין דער דיאַלעקטישער, ד. ה. פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג איז אַ סינטעטישע שטופע, ד. ה. אַ טיילווייזער צוריקקער צו דעם אויסגאַנג־פּונקט, צו דער פאַרגאַנגענהייט? האָט ער אַמאָל געהערט פון דעמזעלביגען מאַן מיט דעם נאָמען קאַרל מאַרקס, אַז דער צוקונפטיגער קאָמוניזם וועט זיין אַ סינטעז, ד. ה., אַ טיילווייזער צוריקקער צו יענעם קאָמוניזם, מיט וועלכען די מענשהייט האָט אָנגעהויבען איר געזעלשאַפטליכע אַנטוויקלונג און וואָס ליגט דאַריבער ווייט־ווייט הינטער אונז אין דער פאַרגאַנגענהייט?

פאַר וואָס קאָן ער זיך ניט פאָרשטעלען אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס וויל צוריקקערען אַ פאָלק צו יענער פאַרגאַנגענהייט זיינער, ווען ער איז געווען פריי און זעלבסטשטענדיג, ניט פאַרשקלאַפט ביי אנאנדער פאָלק, און וויל בויען אויף יענער פאַרגאַנגענהייט נאָר אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זי איז געווען פריי, זעלבסטשטענדיג, ניט פאַרשקלאַפט — אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איז אַ טיילווייזער צוריקקער צו דער פאַרגאַנגענהייט צוליעב דעם העכערען פּראָגרעסיווען סינטעז?

און וואָס מיינט ער מיט דער „אָבגעזונדערטקייט"?

„פונקט ווי דער יחיד", דערקלערט אונז ה' מילך, „ווען ער שליסט זיך איין אין דעם אייגענעם איך, מוז ער אָנקומען צו פּעסימיזם און רעאַקציע, אזוי מוז אַ פאָלק, ווען עס שליסט זיך איין אין זיך ווערען רעאַקציאָנער". און והראיה? זעה, זאָגט ער, פּוילען, אוקראַינא, איטאַליע און די יוגאָסלאַווען!..

ה' מילך האָט גאַנץ גוט געקאָנט אָנהויבען זיין אַרגומענטאַציע מיט

דעם באַרימטען „הנה ידוע, אַז משה רבינו איז געווען אַ הינקעדיגער“. פאַר ה׳ מילך׳ן איז הנה ידוע, אַז יעדעס מאָל ווען אַ יחיד שליסט זיך איין אין זיין איך, מוז ער קומען צו רעאַקציע (דעם מאָמענט פון פעסימיזם שליסען מיר דאָ אויס פון שפּיל). ה׳ מילך קאָן זיך ניט משער זיין, אַז עס קאָנען זיין צייטען אין דעם לעבען פון דעם יחיד, ווען ער מ ו ז זיך איינשליסען אין דעם אייגענעם איך צוליב זיין אייגענער פּראָגרעסי־ווער אַנטוויקלונג: דער עיקר, ווען ער שפּירט, אַז די אַרומיגע רעאַקציאָ־נערע אין שפּל׳ע סביבה וויל אים איינשלינגען און פאַרלעשען יעדען פרייען זעלבסטשטענדיגען פונק פון זיין אייגענער אָריגינעלער און פּראָ־גרעסיווער אינדיווידואַליטעט.

ה׳ מילך קאָן זיך, משמעות, ניט משער זיין, ווי אַזוי אַ קאַרל מאַרקס האָט געקאָנט אָננעמען דאַנטעס דעוויז: „געה דיין אייגענעם וועג און לאָז דעם עולם רעדען וואָס ער וויל“.

און פּונקט ווי אין דעם לעבען פון דעם יחיד קאָנען זיך מאַכען אַזעלכע צייטען, קאָנען אויך פאַר אַ פאָלק אויפשטעהן פּעריאָדען, ווען ער מוז זיך איינשליסען אין זיך, כדי צו באַפרייען זיך פון אַ פרעדען גייסטיגען דרוק, כדי קלאָר צו ווערען אין דעם אייגענעם מהות און אין דעם מהות פון די אייגענע כוחות און כדי צו קאָנען אָנהויבען געהן אין דעם אייגענעם וועג, — אין אַ פּראָגרעסיווען וועג. פאַר וואָס זאָל אַזאַ צייטוויילגער „זיך איינשליסען אין זיך“ זיין רעאַקציאָנער?

דערצו דאַרף מען ניט פאַרגעסען, אַז ה׳ מילך באַטראַכט פאַר רעאַקציאָנער אפילו אַזאַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, ווי די פּועלי־ציוניסטישע, וואָס פאַרלאַנגט גאָר ניט, דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך גייסטיג איינשלי־סען אין זיך, אפילו ניט אויף אַ ווייַלע (וואָס דאָס וואָלט אויך ניט געווען קיין רעאַקציאָנערער חטא), נאָר וואָס וויל, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך פ י ז י ש איינשליסען אין די גרעניצען פון אַן אייגענעם לאַנד, און שטעהן ג י י ס ט י ג אין דעם לעבעדיגסטען פאַרקער מיט אַלע אַנדערע פעלקער.

איז פ י ז י ש זיך איינשליסען אין אַן אייגענעם לאַנד רעאַק־ציאָנער? אויב אַזוי, איז דער גאַנצער מענשליכער פּראָגרעס באַשאַפען געוואָרען פון לויטער רעאַקציאָנערע פעלקער, ווייל יעדעס פון זיי איז געאָגראַפיש איינגעשלאָסען אין אַן אייגענעם לאַנד.

אומפאַרשטענדליכער פאַר אַלץ איז מיר אָבער הערן מילך׳ס קור־צער אָנווייז אויף דער איצטיגער צייט בכלל און ספּעציעל אויף פּוילען, אוקראַינאַ, איטאַליע און די יוגאָ־סלאַווען.

איטאַליע, דוכט מיר, איז נאָך עד היום אַ פּראָגרעסיוו פאָלק, ביי וועלכען דער היסטאָרישער קאַמף פון פּראָגרעס און רעאַקציע שפּילט זיך אָב אין אַלגעמיין, ווי ביי יעדען אַנדער פּראָגרעסיווען פאָלק.

יוגאָ־סלאַוויע איז אָט־ערשט געבאָרען געוואָרען און וואָס פאַר אַ ראָליע עס וועט שפּילען אין דעם פּראָגרעס פון דער מענשהייט, קאָן דערווייַלע נאָך קיין מענש ניט וויסען.

אוקראַינאַ, ווי אַ זעלבסטשטענדיגע נאַציע, האָט ערשט אין גע־בוירען ווערען און איז ליידער ארומגעשטעלט מיט אַזעלכע אַקושאַרען, אַז יעדער מענש דאַרף בעטען גאָט פאַר איר, זי זאָל אַרויס אַ ניט פאַר־הויקערטע אויף דער ליכטיגער שיין פון אַ זעלבסטשטענדיגען פרייען נאַציאָנאַלען לעבען.

און פוילען... אַך! הלואי וואָלטען די פוילען דערשפּירט אין זיך די „רעאַקציאָנערע" לוסט „זיך איינזושליסען אין זיך אַליין", ד. ה. זיך טעריטאָריעל איינשליסען אין דעם עטנאָגראַפישען פוילען און זייער גייסטיגע קולטור אין דער פוילישער שפּראַך האַלטען נאָר פאַר די קינדער פון דעם פוילישען פאָלק! וואָס פאַר אַ גליק אָט די „רעאַקציאָנערע לוסט" וואָלט געווען פאַר דעם גאַנצען פּראָגרעס פון מזרח אייראָפּאַ און אפשר פאַר דער גאַנצער וועלט!

אנשטאָט דעם האָבען זיי זיך הפנים אָנגעלייענט מיט ה' מילך'ס אַרטיקלען און האָבען זיך אַריינגעשלאָגען אין קאָפּ, אַז „איינשליסען זיך אין זיך" טאָר מען ניט, אַז „עתידה פוילען להתפשט על כל ארצי רוסלאַנד" און אַז דאַריבער דאַרף מען איינשליסען אַלע שכינות'שע לענדער פון מזרח־זייט אין דעם לאַנד פון פוילען און אַלע שכינות'שע פעלקער פון מזרח זייט אין דעם פאָלק פון פוילען און אַז דער פּראָגרעס פאָדערט, אַלע שפּראַכען פון יענע פעלקער און לענדער זאָלען פאַרשווינדען און אויף זייער אָרט זאָל הערשען די פוילישע שפּראַך און די פּוילישע קולטור. ווייל אויב יענע פעלקער און שפּראַכען זאָלען אָנהויבען קעמפען פאַר זייער נאַציאָנאַלען קיום און פאַר דעם קיום פון זייערע שפּראַכען, וועט דאָס הייסען, אַז זיי הויבען אָן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איר פונדאַמענט איז די פאַרגאַנגענהייט (זיי זיינען אַ מאָל געווען פעלקער!) און איר מיטעל איז די „אָבגעזונדערטקייט" (זיי ווילען זיך אָבזונדערען פון דעם פוילישען פאָלק און דער פוילישער שפּראַך!) און „די ביידע זאַכען", פאַרזיכערט אונז ה' מילך, „שמעקען מיט רעאַקציע"...

פאַרלאָזט זיך דאַריבער פוילען אויף די מטושטש'ע טעאָריעס פון הערן מילך, גלויבט אים אויפ'ן וואָרט, און מיינט, אַז זי קעמפט דעם קאַמף פון פּראָגרעס אַנטקעגען רעאַקציע.

איז טאַקי מיט פוילען דערווייל ביטער, ווי גאַל.

ערנסט גערעדט, זיינען אַלע אָנפאַלען אויף דעם פּראָגרעסיווען נאַ־ציאָנאַליזם, וואָס שטעהט אויף אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישען באָדען, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די אַפּלייקענונג פון דעם זעלבסט־באַ־שטימונגס־רעכט פון פעלקער און קאָנען ניט האָבען קיין אַנדער ווירקונג, ווי נאָר אויסצואַרבייטען אַ היתר פאַר דעם שענדליכסטען אימפּעריאַליזם.

על־כל־פּנים באַזאָרגען אַזוינע טעאָריעס אויפ'ן בעסטען אופן די אינטערעסען פון דעם אימפּעריאַליזם. „קעמפט ניט, — שרייען זיי, — איהר קליינע פעלקער, פאַר אייער נאַציאָנאַלען קיום, ווייל אַזאַ קאַמף

איז א נאַציאָנאַלע באַוועגונג און יעדע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אין תוך אריין רעאַקציאָנער!"

און די אימפּעריאַליסטען הערען דאָס און שמונצלען. „געוויס! געוויס!" — זאָגען זיי — „אָט קריכט בעסער אין אונזער פּיסק אריין. מיר וועלען פון אייך באַלד מאַכען א פּראָגרעסיווען תכלית. עס וועט פון אייער רעאַקציע קיין סימן ניט בלייבען... אין אונזערע געדערים."

טוט א קראַץ דעם קאָסמאָפּאָליט און אַנטי־נאַציאָנאַליסט — און איר וועט געפינען אין אים דעם ריין־בלוטיגען אימפּעריאַליסט! דאָס איז אַן אַלטער כּלל, און הערן מילך'ס אַרטיקעל איז אַן אילוסטראַציע צו דעם כּלל. וואָלט הער מילך פריהער זיך אליין קלאָר געמאַכט זיינע געדאַנקען וועגען פּראָגרעס און רעאַקציע, וואָלט ער אפשר אַליין אויסגעפונען דעם אימפּעריאַליסטישען יסוד פון זיינע אַנטי־נאַציאָנאַלע טעאָריעס און וואָלט — אָדער תשובה געטאָן, אָדער גערעדט קלאָרערע דיבורים. אזוי אָבער האָבען מיר געמוזט אביסעל לענגער „קראַצען", ביז מיר האָבען זיך דערגראָבען ביז צו דעם ריכטיגען תוך און באַדייט פון ה' מילך'ס אנשויאונגען.

כ'לעבען, דאָס איז געווען ניט אונזער שולד.

דזשייקאָב עפשטיין'ס נייע סקולפטור אויסשטעלונג.

אין די לאָנדאָנער קינסטלער־קרייזן ווערט איצט זעהר פיעל גערעדט און דעבאַטירט וועגען דעם גוט באַקאַנטען סקולפטור דזשייקאָב עפשטיין און זיינע ווערק. אין די דעבאַטען געהט מען איבער פון איין עקסטרעם צום צווייטען. מען באַלאַנסירט צווישען ליבגעזאַנגען און פאַרדאַמונג. די אויפרעגונג איז אַזוי גרויס אַז מ'האָט נישט קיין מעגליכקייט זיך אָוועקצושטעלען אויף דעם מיטעלפונקט און אָננעמען אַ רוהיג־געלאַסענע פּאָזיציע.

שולדיג איז עפשטיין'ס נייע ווערק „דער ערוואַכענדער קריסטוס". די אויפרעגונג האָט געמאַכט נישט אַזוי פיעל די סקולפטור אַלס אַזאַ, נאָר די סענסאַציאָנעלע אויפפאַסונג פון דער פיגור.

עפשטיין אַן און פאַר זיך איז סענסאַציאָנעל. זיין קינסטלערישע קאַריערע האָט ער מיט יאָרען צוריק אָנגעהויבען מיט דעם סענסאַציאָנעלען אָסקאַר ווייַלד מאָנומענט. פון דעמאָלט אָן האָט זיך עפשטיין נישט געקאָנט אָפּגעוואוינען פון אַרויסצוטרעטען מיט אויסשטעלונגען אָהן אַ געוויסען אין זעהר כאַראַקטערי־סטישען „קלו".

זייענדיג אַ בויגיגער און גוט געשולטער ווי אויך עקסטראַוואַגאַנט געשמאַקפולער קינסטלער געלינגט עס עפשטיינ'ען צו שאַפען פון צייט צו צייט אַט אַזאַ מין ווערק, וואָס זאָל קאָנען דאָמינירען.

די קריסטוס פיגור איז צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשידענאַרטיג באַאיינפלוסטע פאָרמען געבויט פון ענטנומענע און עמפפינדעטע פראַגמענטען... נאָך מעהר, יעדער פראַגמענט קען דינען אַלס דעטאַל פאַר פאַרשידענאַרטיגע ריכטונגען אין דער מאָדערנער קונסט.

די גאַנצהייט פון דער נייער קריסטוס פיגור איז צעבראָכען צוליעב דער מישונג פון סטילען.

עפשטיין האָט דאָך געוואָלט זיין ראַציאָנעל. ער האָט געוואָלט שאַפען אַן אויפגעשטאַנענעם פון תחית המתים כריסטוס. ער האָט געוואָלט זיין פּראָזאַאיש אין אויסערליכער פאָרם, פּאַטעטיש אין סענטימענט און רעאַליסטיש אין אין אויפפאַסונג.

דאָס האָט נישט געזאָלט זיין די טראַדיציאָנעלע „פּיעטא", נישט דער אומבאַהאָלפענער מאַרטירער.

ער האָט געזאָלט זיין ישוע הנוצרי, וואָס איז אַרויס פון קבר און איז אין תכריכים איינגעהילט און טייטעלט אויף זיינע וואונדען.

די כריסטוס פיגור האָט געזאָלט זיין אַ מאָנומענט, אַ מעכטיגע וויזיאָן אַ וויזיאָן אין וועלכער עס זאָל אָבהילכען דאָס ווידערקול פון דער גאַלגאַלאַ טראַדיציע.

דער קינסטלער האָט געזוכט אַ פּאַסיגען זשעסט אַ געוויסע שטעלונג און האָט זיך פאַרלאָרען ווייל ער האָט זיך דעטאַליזירט סיי אין טעכניק און סיי אין פאָרם.

דאָס נעאָ אימפּרעסיאָניסטישע געהט נישט מיט דעם אַרכאַאישען צוזאַמען. דער קינסטלער האָט געזוכט אַן אויסדרוק און ער האָט געפינען נאָר דאָס אויסערליכע פאַרגליווערטע, דאָס אינערליכע מיסטישע איז פאַר איהם אומבאַקאַנט געבליבען.

די וויברירענדיגע טעכניק, וועלכע עפּשטיין באַנוצט פאַר זיין כריסטוס, איז פּאַסענד נאָר אויף אַזוי פיעל, ווי עס העלפט אַרויסצוברענגען נאָר דעם טעכנישען מאַלערישען אַספּעקט.

דערמיט האָט ער די שטרענג געשניטענע ניטוועענדיגע מאָנומענטאַלע ליניע איינגאַנצען געשעדיגט.

אין דער אויסערליכער סטרוקטור פיהלט זיך אַ דראַנג צו באַשיידענהייט. די פיגור איז געשאַפען כמעט לאַקאָניש, ווי נישט דערזאָגט, ווי ס'וואָלט זיך נישט אַן אַן ענטפּלעקונג געהאַנדעלט — אַזוי ווי אַן אויסערליך רוהיגער רעטשיטאַ־

מיור פון אן אראטאריע, אין וועלכער עס ערצעהלט זיך אין רוהיג ריטמישע קלאנגען וועגען דעם דורכגעשפיצטען הייליגען סעבאסטיאן.

עפשטיין האט אין א קוים הערזאגטען פאטעטישען מורמעל וועגען א הארצרייסענדער טראדיציע, איינציגע אפגעריסענע ניט פארענדיגטע פראזען ארויסגעזאגט און ניט דערזאגט.

אט שטעהט א פארגליווערטע ניט פאלקאם קאנסטרואירטע סקולפטורישע פראזע מיט וואו ניט וואו אקצענטירטע פראגמענטען.

א דריסטיגער גוואלט־געשריי.

זעהט אויס ווי עס וואלט זיך ניט אין פאזיטיווע פארמען, נאר וועגען א קאנצעפציע געהאנדעלט, און נאר קאנצעפציע אלס אזעלכעס, אזוי ווי די אויפפאסונגען פון דער מאדערנער קונסט פאדערען.

עפשטיין איז געגאנגען אויף א מין קאמפראמיס. וואו ניט וואו האט ער א מאטעריאליסטישע און ניט ווייט דערפון א גייסטיגע קאנצעפציע אריינגעפלאכטען. אזא מין קאמפראמיס האט דעם קינסטלער געפיהרט צו א גאנצען לאבארינט פון קאמפראמיסען, כדי אריינצושמוגלען א פארשידענארטיג געמישטען סטיל.

דא איז דער אימפרעסיאניזם נעא אונראסיאניסטיש געווארען. דער רעאליזם האט זיך סימבאליזירט, דאס איצטיגע אין ארכאאיזם פארוואנדעלט.

אזא מין קאלעקציע האט אין רעזולטאט ארויסגעקנאטען די וויזיאן פון דעם ערוואכענדען כריסטוס.

טראצדעם וואס עס איז לאקאניש און ווי ניט דערזאגט, האט עפשטיין איינציגע איינצעלהייטען אין געוויסער מאסען איבערגעטריבען, צו־שארף ארויסגעזאגט. ווייל די גאנצע פיגור איז ניט בולט אויפגעפאסט געווארען, וואלטען אויך די דעטאלען אין געוויסער שאטירונג באדארפט פארבלייבען.

עפשטיין וויל זיך דערמיט ניט רעכענען. זיין מאטמא אין דעם פרט איז שארפקייט אדער נעבעל. און זעהר מעגליך ער איז גערעכט — דיסאנאנסען דינען זעהר אפט אלס אקצענטען. הערמיט האט זיך עפשטיין געהאלפען און געהעריג דאס אויסגענוצט. און ווען עפשטיין וואגט נישט, וואלט די פיגור צו ווייך און נעבעלדיג געווארען.

עפשטיין׳ס וואונש איז צו אפעלירען פארסיור און דאך אויף זעהר א סטאטעשען אופן מיט געשמאק און געלאסענקייט.

דאס געלינגט אים.

און דאך איז די בריסט פיגור אויף דער איצטיגער עפשטיין אויסשטעלונג זעהר ווייט פון פרעמד פאר׳ן מחבר. די פיגור איז נאר א פראגמענט און נישט פון עפשטיינ׳ס וועלט. ער לעבט גאר אין אנדערע ספערען. עפשטיינ׳ס סביבה איז דער ראפענירטער פארטרעט.

אין זיינע פארטרעטען זעהט מען דעם קינסטלער, וואס קאן ארויסברענגען מיט דער גרעסטער לייכטקייט די טיף פארבארגענע געהיימניסען פון מענשליכען כאראקטער.

עפשטיין איז פארליבט אין עקסטראוואגאנץ פון דער מענשליכער מאסקע, און צו דעם שטרעבט ער אין זיינע פארטרעטען. און ווייל ער איז געניוגט צו סינטעטישע אויפפאסונגען, דאכט זיך אויס, אז ער טרייבט איבער. דאס איז אבער ניט איבערטריבען. עס איז ראפינירט.

עפשטיינס שיק איז צארט, דאס ברוטאלע — פיקאנט. און איבער דעם אלעם ערשט די פאזע, א פיקאנט קאקעטישע. די פאזע איז ניט קיין איבערפלעכליכע. דאס איז דאס ליידענשאפטליכע פון דער אריינדרינגען אין דעם קינסטלער און אלס א גלגול זיך אויפסניי באווייזען אין זיינע פארטרעטען.

יצחק ליכטענשטיין.

„יונג־אידיש“, ערשטער, צווייטער דריטער, פערטער־פיפטער־זעקסטער בויגען, פארלאג „יונג־אידיש“ לאדז.

עס האט מיך עכט דערפרעהט צו זעהן אט דעם גרוס פון מיין אלטער היים־שטאט. די נאר־וואס אנגעקומענע

דריי העפטען „יונג־אידיש“ דערצעהלען מיט זייער אויסזעהן פון די יסורים און פון דעם צער וואס דער מענש איז אויס־

געשטאַנען אין די פאַרגאַנגענע מלחמה־יאָרען אין פּוילען. פון איין זייט איז „יונג־אידיש“ אַן אָבשפּיגלונג פון פּוילענ׳ס אומעט, נויט און אומאָרדנונג; פון דער אַנדערער זייט — אַן עקזאַלטאַציע. זיי האָבען הערפיהלט דאָרט דעם דראַנג פאַר נייע עסטעטישע מעגליכקייטען, און זיי קענען נישט איינרוהען. זעט נאָר דעם שוואונג פון זייערע ליניען, און זעט די אוממאַכט פון זייערע שאָטענס. דאָס ליכט אין זייערע בילדער — בליצען וואָס שוידערען אויף די פינסטערניש.

„יונג־אידיש“ — „לידער אין וואָרט און צייכענונג“, העפטען 13×8 אינטשעס, געדרוקט אויף אַ גראָב, גרוי אײנפּאַך פּאַפּיר, די בילדער — ליניאָלעאום און האָלצשניטען, דער דרוק טיף און ריין, באַנוי אויף יעדער זייט אַ צייכענונג — וויכטיג, דרייסט, שטאָלץ. קיין דירעקטע אָנווייזונג, קיין אַלאַרם אויף דער דירעקטער אָרימקייט — דאָס איז אַ זאַך וואָס אַלע ווייסען און פאַרשטעהען, נישט נויטיג צו רעדען דערפון. די מענשען וואָס האָבען איבערגעלעבט די פּיינען פון מלחמה ווייסען ווי אַזוי צו באַהאַלטען די וואונדען. איבער זייער פאַרביטערטקייט און איבער זייער יונגער פּרישער פרייד זענען די קינסטלער אינטענסיוו, זיי פאַרשען זיך אויף אַן אמת. און די ענערגי וואָס איז געווען אָפּגעווענדט און פאַרהאַלטען אַזוי לאַנג רייסט זיך אויפסניי מיט אימפּעט. צו לאַנג איז די וועלט געווען אונטער דעם רשות פון פיזישע כחות. גייסט, געה איצט אויף אויפס׳ניי. ווייז אָן דער פאַרבלוטיגטער וועלט, אַז יענע כחות זייערע קאָנען בלויז פאַרטיליגען, אָבער נישט געבוירען, נישט שאַפען, נישט באַשיינען. זיי האָבען זיך דאָרט מיט אַן אימפּעט גענומען צוריקצובויען, אויף זייער אייגענעם געביט.

לעזט זייערע אַנאָנסען: „דער ׳יונג־אידיש׳ גרייט צו אַ בילדער אויסשטעלונג אין לאָדז, ווארשא און אין דער פּראָווינץ“. „עס ווערען געפירט אונטערהאַנדלונגען... וועגען אַן אויסשטעלונג אין פּויזען און אין אנדערע גרעסערע שטעט אין פּוילען.“

איך וויל זיך נישט אָבשטעלען אין דעם קורצען נאָטיץ אויף די „לידער אין וואָרט“. איך וועל בלויז אָנווייזען אויף די צייכנונגען. אין אידישען אמעריקא האָבען מיר ליידער נאָך נישט די מענשען, וואָס זאָלען פאַרשטעהן „לידער אין צייכענונגען“. אונזערע קריטיקער האַלטען נאָך, אַז צייכענונגען אין אַ בוך לידער, הייסט זיך צאַצקען מיט לידער. זיי פאַרהאַלטען זיך צו אַ שען בוך מיט פאַרדאַכט: מען וויל זיי דאָס דאָ פאַרנאַרען מיט פּוצעכץ און גלאַנץ. דער אמת איז, אַז איניגע אידישע קריטיקער האָבען פשוט מורא זיך אַוועקצולאָזען אויף אַזעלכע אומבאַקאַנטע וועגען ווי מאַלעריי. ווידער אַנדערע קריטיקער האַלטען, אַז דער קערפּער אין דער קונסט איז אומהייליג, אוממאָראַליש. קונסט איז פאַר זיי terra incognita און דערצו אויך טומאה — דערפאַר טאָר עס קיין אידענס פוס נישט באַטרעטען. די אידישע קונסט־קריטיקער, וואָס דאַרפען ערשט ווערען, וועלען מסתמא אויך קומען מיט דער צייט. קינסטלער שאַפען זייער אַטמאָספערע, און אַזוי ווי פיש אין וואַסער, אַזוי ווערען קריטיקער אין אַן אַטמאָספערע. און אַזאַ אַטמאָספערע האַלט זיך יעצט אין שאַפען ביי אונז.

די בילדער אין „יונג־אידיש“ זענען פאַר מיר איינפאַך אַן איבעראַשונג. די קינסטלער וואָס באַטייליגען זיך דאָרט זענען באַדייטענדע טאַלאַנטען.

יעקב אַדלער איז דעקאָראַטיוו. ער צייכענט אין קלאָרע ליניען, אין די אויגען פון זיינע פיגורען ליגט אַ ביטערער ווייטאָג. ער האָט זיך אָפּגעלערענט פון די כינעזער מאַלער די באַזונדערע ריטמישע מעגליכקייטען וואָס זענען פאַראַן אין די ביגונגען פון די הענט און פיס, אָבער אַזאַ ווילדע עמאָציע איז נישט צו געפינען ביי די כינעזער — יענע שטילע טרוימער. זעהט איבערהויפּט זיין בילד צו מלך ראַוויטשעס ליד:

וועגן שוואַנגערע פרויען וויינען
באַ נאַכט,
אויפגעשרעקטע פון האַלבען שלאָף,
וויינט גאָט מיט זיי —

מאַרק שוואַרץ איז כאַאָטיש. ער באַהערשט זיך נישט אוידער ער נעמט זיין פּינזעל אין האַנט. ער זוכט זיין טרייסט ערשט אין זיין אַרבייט. מיט ברייטע שטריכען שטעלט ער אויף אַ נאַכט, און

דאָן אַן אונזיכער ביסעל ליכט אין דער נאַכט. ער איז נישט דעקאָראַטיוו, אַזוי ווי אַדלער. — זיין גרויסער אומפּעט איבערוועלטיגט דעם געפיל פאַר אוי־בערפלאַך־שענקייט.

חנוך בארטשינסקי לעבט אין פאַר׳־חלומ׳טע וועלטען. זיינע מענשען, אָדער זוי שפּילען אויף פידעל אָדער האַרף, אָדער זוי הערען זיך צו צו אַ ניטהערבאַ־רע מוזיק. ער איז דעקאָראַטיוו. האָט מער פאַנטאַזיע ווי אַדלער, נאָר איז נישט אַזוי אויסגעהאַלטען. אין זיינע אייניפאַכערע צייכענונגען ציינט ער אַרויס שוואונג און זיכערקייט.

דער פולקאָמענסטער שיינט מיר צו זיין יצחק ברוינער, אַ מענש וואָס שאַפט אין צוויי עקסטרעמען — אַ געמיטליכע היליגקייט — אַ ניט־ערדישע רוח — און אַמאָל גאָר אין ווילדער באַוועגונג: „דער טייוועל טאַנצט“. אָט איז אַ בילד, ווי דריי אידען זיצען ביי אַ טיש, סילוע־טען אין אַ וועלט פון שבת׳דיגען ליכט. אין אַן אנדער בילד הענגט אַ מענש אין אַ כאַאָס פון ליכט און שאָטען. ער צאַ־פּעלט זיך, און דאָס ליכט שרעקט זיך און טאַנצט, טאַנצט משוגענערוויז. אין הינ־טערגרונט געט אַ איד געבויגען און שווער. אַזוינע ציטען. וועלכע פון די צוויי עקסטרעמען איז יצחק ברוינער?

פּאָלאַ לינדענפעלד צייכענט הייזער, גאַסען, וויגענדיגען שאָטען און ליכט — בענקענדיג, און לייכטע וואָלקענס. און שלמה׳לע בלאַזט איז נאַאיוו און פיין.

ווענען מארק שאַגאל האָט דער „יונג אידיש“ אַ סך צו זאָגען. ער האָט דאָ אַ זעלבסטפאָרטרעט אין קוביסטישער פאָרם, אין וועלכען ער ציינט ארויס אוידעל־קייט און דינקייט. נאָר ער איז צו באַ־וואוסטזיניג, צו פּלאַנמעסיג. אין דעם האָט ער דעם חסרון וואָס קוביזם קאָן נימ פאַרמיידען. נאָר איך וועל ציטירען פון דעם, וואָס „יונג־אידיש“ האָט צו זאָגען וועגען אים: „...זיין פאָלקסטימליכקייט איז ווי די פאלקסטימליכקייט פון חסידות, וואָס איז אַ באַוועגונג פון אַ גרעסערען כלל (?) און דערהויבט זיך אָפּט אין איר מאָנומענטאַלישקייט (?) ביז צו דער עכסטער מדרגה פון יחיד־עקסטאַז...“ אַ שאָד וואָס די קינסטלער פון וואָרט זענען ביי זיי דאָרט פאַרבליבען אַזוי פּראָווינציאַל: („יחיד־עקסטאַז“, „יצר הרע וועלדער“, „מתיקות׳דיגע רע־גענס“, „יחיד־פענסטער“).

אין דעם איינציגער אַרטיקעל צום צוויי־טען העפט האָבען זי דדי רעדאַקטערען שוין צו פאַרטיידיגען געגען מענשען וואָס רופען אָן די בילדער אין „יונג־אידיש“, אויסטערלישע משונה׳דיגקיי־טען“ און „פוטוריסטיש“. די רעדאַקטע־רען ענטפערען זיי אָפּ מיט פאַראַכטונג און מיט שפּאָט־ווערטער, וואָס דאָס איבער־ציינט קיינמאָל נישט. און — עס לוינט איבערהויפּט נישט צו פאַרלירען אַזאַ טייערע ענערגיע אויף קריגען זיך.

י. טאָפּעל.

פאַראַנטוואָרטליכקייט.

(ווענען די מאָנאַט העפטען „קריטיק“, ארויסגעגעבען אין ווין. רעדאַגירט פון משה זילבורג מיט דער הויפּטמיטאַר־ביטשאַפט פון מלך ראַוויטש, א. מ. פוקס, דוד קעניגסבערג, מלך כמעלניצקי, משה גראָס און אַנדערע.)

אויף דער אחריות פון א ל ע האַלט זיך דער קיום פון דער וועלט. הפקרות און אומפאַראַנטוואָרטליכקייט פירען די וועלט צו חורבן און אונטער־גאַנג.

און ווייל דאָס אַלמעכטיג אייביגע איז פ א ר דעם אייביגען קיום פון דער וועלט, דערפאַר רופט אַ באַהאַלטען קול און וואָרענט פאַר יעדען פאַל פון הפקרות און אומפאַראַנטוואָרטליכקייט.

קומען, מענשען פאַראַנטוואָרטליכע, בויגען די קעפּ אין אומעטיגען ערנסט און נעמען אויף זיך פרייוויליג די אחריות פון די הפקר מענשען.

אַזוי טרעפט, אז איין מענש טראָגט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַ גאַנצען שטאָט, עטליכע מענשען — די אחריות פון א גאַנץ פאָלק און איין פאָלק — די אחריות פון דער וועלט...

מיט דעם טיף אומעטיגען ערנסט פון קינדער, וואָס זענען צוליב אַן אומגליק אין הויז, איבער נאַכט פאַרוואַנדעלט

געווארען אין דערוואקסענע פאראנטווארטליכע מענשען, שטעהט די אידיש־קינסטלערישע יוגענד פון עסטרייך און פוילען קעגען יענעם טייל פון יודענטום וואס האט מיט אדער געגען זיין אייגענעם ווילען ארונטער געווארפען פון זיך די פאראנטווארטליכקייט.

ציבענס פון אט דער פריוויליג־גענומענער פאראנטווארטליכקייט שטעלען מיט זיך פאר די ערשטע צוויי העפטען קריטיק, וואו — „יעדעס ווארט ווערט געשאפען אין דחקות און איינזאמקייט“.

„פ א ר א ל ע ד י, וואס האבען אפענע אויגען צו זעהן און פארשטעהן, אז אהן דאס לעבעדיגע אידישע ווארט קען איבערהויפט קיין אידישע לעבען ניט געמאלט זיין, ג ע ג ע ן א ל ע ד י, וואס טראגען אויף די ליפען: „העברעאיש“ „אידיש“ „פאלעסטינא“ און אין דער אמת'ן דינען זיי נור פרעמדע שפראכען און פרעמדען געדאנק און צושטערען מיט זייערע מעשים אונזער אלט און ניי ביסעל אייגענס און אייגענארט — ווערט געגרינדעט אונזער צייטשריפט.“

מיט אט די איינפאך אויפריכטיגע און ערענסטע ווערטער, מיט אויגען פול גלויבען און האפנונג געווענדט צו דער אידיש־קינסטלערישער יוגענד פון „ניו יארק, ווארשע, לעמבערג און ווילנע“ — פאנגט אן די רעדאקציע איר פראגראם דערקלערונג.

ערענסט שארף און דורכגעוויטיגט איז דער נאך ניט געענדיגטער ארטיקעל, וואס לייענט זיך כמעט ווי א ליד אונטער דעם נאאיווען נאמען „וואס איך האב אייך צו זאגען“ פון משה זילבורג („אפענע ווערטער“ צו עטליכע דייטשע און פוילישע יהודים, „צו אלע דייטשע אידישע, פויליש־אידישע שרייבער און ציוניסטישע רעדעלפירער“.)

נאר א מענש, וואס האט „אין יסורים און דורך אלע מ"ט שערי טומאה דורכגעטראגען זיין ביסעל קדושה“, קען אזוי קלאר און בולט באנעמען דעם גרויסען שאדען פון אט די אלע אויבען אויסגערעכנטע פאלשע נביאים, פון וועלכע עס ליידעט ניט נאר דאס אייראפעאישע יודענטום, נאר אויך מיר דא אין אמעריקא.

ווען דער ארטיקעל וואלט געווען א געענדיגטער, וואלט מען אים געמעגט איינגאנצען איבערדרוקען אין די „שריפטען“. איך וועל זיך דערפאר איצט באנוצען מיט דער געלעגענהייט און ציטירען אזוי פיעל וויפיעל דער באגרענעצטער פלאץ פון א נאטיץ וועט ערלויבען:

„...מיט פשוט'ע ווערטער וויל איך פאר אייך מאלען די פאראדיע פון אייער לעבען, וואס איז אויך, ליידער, אונזערע. וועט אייך וועה טאן — איז דאס מיין כוונה. וועט איר מבטל זיין — קומט צו א שטריך צו אייער פאראדיע.

ווען פון אונז איז ניט באקאנט אייער פרצוף? מען קען אים פון אומעטום, וואו עס איז נאר דא א אידישער ישוב. אומעטום און פון דורות לאנג גראבט איר אונטער אונזער קיום און לאזט אונז ניט קומען צו זיך. דער קרייז, וואס איר מאכט דורך ביז איר קומט צו אונז, מיט קלענערע אדער גרעסערע זיגזאגען, איז כמעט אומעטום דערזעלבער. שוין אין דער פריהער קינדהייט ווערט איר, אדער איר זענט שוין פרעמד דער אידישער גאס, נאכדעם פארלאזט איר זי אין גאנצען, געהט אוועק אין דער וועלט, ווי איר מיינט, העכער, געבילדעטער, שענער צו ווערען פאר דער יודישער גאס. — אבער שפעטער, נישט געפונענדיג דארט פאר זיך קיין אנהאלט, קערט איר זיך אום צוריק צו אונז מיט א מינע און א לשון פון העכערע ברואים, וואס ווילען די אידישע גאס דערהויבען צו זיך, אונז מזכה זיין מיט א נייער תורה, וואס איז אין בעסטען פאל, אונזער אייגענע תורה, נור פון אייך מאדערנע צוקאליעטשעט פרעמדארטיג.

און די סבה פארוואס אייער תורה איז אזוי מאדערן און אזוי פארקרימט איז, ווייל איר אלע זייט א פרעמד־קערפער אין אונזער ארגאניזם, ווייל איר אלע האט אייער גאנץ אדער א העלפט פון אייער לעבען פארבראכט אין די פרעמדע אלמא מאטער'ס, ווייט פון פאלק און זיינע טאג־טעגליכע איבערלעבונגען; אנהויבענדיג פון עברית־או־רוסית־קלויזנער און עברית־או־פולנית־

מאַחן, וואָס האָט נאָך פאַר'ן קריג געפּרעדיגט אין „טעמפּעל" פאַר די פאַרפּוילישטע קרעמער אין דײַטשער שפּראַך (אַ, פאַרקריפּטע מתות!) ביז דעם נייעם משכיל־טיפּ, דעם בערנער קליאַצקין.

וואָס איך וויל? איך רוף די יוגענד, וואָס האָט נאָך נישט פאַרלוירן דעם פּשוט'ן חוש פאַר אונזער לעבן, צום קאַמף געגען דעם פאַרדיסטישן אײַנפלוס פון די מערב־יודען און, באַזונדערס, פון זייערע גאַליצישע (אויך רוסישע) תלמידים, וואָס ווייזן איצט אַ טענדענץ זיך צו פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ פוילען.

עס איז נאָך נישט גאַנץ ווייט יענע צייט, ווען אונזער פאָלק האָט געפיהלט אינסטינקטיוו, אַז פון מערב — אייגענטליך אַמאָל נאָר פון דײַטשלאַנד, די וויג פון דער השכלה און אַסימילאַציע — פון דאָרט קומט יענער פרעמדער שטן־גייסט, וואָס ברענגט נישט קיין גוטס, אַ פיינד פון פרידען און אידיליע, פון טראַדיציע און גאַנצקייט. עד היום לעבט נאָך אין פאָלק דאָס ווערטעל: „בערלינטשיק", אָדער „דײַטשל" — דער צונעמעניש פאַר יענער פאָלק־פרעמדער פיזיאָגנאָמיע, וואָס האָט זיך אַרײַנגעשמוגעלט אין דער שטילער, יודישער גאַס. און, הגם די אַנפירער פון יענער תקופה, די פאַרפירטע פון אייראָפּעאישן הומאַניזם, זענען נאָך געווען שטאַרקע יודישע קעפּ און זייער גאַנצער גייסטיגער סטרוקטור האָט נאָך באַזירט אויף דער אַלטער יודישער קולטור, — האָט דאָך דאָס פאָלק אינסטינקטיוו און האַרטנעקיג, ווי זיין שטייגער, זיך געוואָרנט. ווייל די איהעען זענען געקומען צו אים פון אויסען, רוי און פרעמד, פאַרגוואַלטיגענדיג.

און אָט אַזוי געשיעט יענע מערקווירדיגע ערשיינונג אין אונזער לעבן, וואָס עס קען נישט געשעהן ביי קיין אומה ולשון. לויט מיט אַ פרעמדער שפּראַך אין מויל, גרים גייסטיג דערווייטערטע, אַטראָפירטע גלידער פון פאָלק, שפּילען ווידער אַ הויפּט־ראָליע ביי אונז.

אויפ'ן רויטען פאָן פון אונזערע צרות און פאָגראָמען קומט פאַר דער טאַנץ פון אָט די בלאַסע גלגולים. אונזער אומגליק, וואָס איז אויך זייער, דאָס איינציגע וואָס זיי געניסען ביי אונז פון אָריגינאַל, נישט אין איבערזעצונג, גיט אָט די לויט די מעגליכקייט אויפ'ן געביט פון „פּאָליטיק" און היימישע „ווינקעל־דיפּלאָמאַטיע" אַרויסצוטרעטן אַלס אונזערע שליחים, מליצים, רעפּרעזענטאַנטען. אָט די חבריא רופט זיך געוועהנליך „ווירדע־טרעגער". און אָט דער מין „פּאָליטיק" איז דאָך, ווי באַקאַנט שטענדיג געווענדעט כלפי חוץ, צו־אויסען־צו, אין פוילען און גאַליציע — פאַר די פוילען און עסטרייך. דײַטשלאַנד — פאַר די דײַטשען און איצט אַ נייע פּאָליטיק: אַמעריקאַ, לאָנדאָן. איז דאָך זעלבסטפאַרשטענדליך אַז מ'קען זיך באַגעהן אָהן דעם אלף־בית פון אידישער בילדונג, שפּראַך און גייסט. דער דאָזיגער „כלפי־חוץ" איז זייער גאַנצער אַנהאַלט געוואָרען. מ'איבערזעצט מיט'ן אויסרייד אַלץ צוליב אויפלעבונג פאַר די גוים און פאַר אונזערע אייגענע האַלב גוים. און אָט די אַרט פון רעפּרעזענטאַנץ מאַכט זיי זעהר באַקוועם און חשוב'דיג די שטעלונג צווישען אונז. ס'קען זעהר גוט יוצא זיין מיט „ליבהאַבען" העברעאיש און וואָס נאָך באַקוועמער און לייכטער, ווען עס פּאַסט קען מען אפילו מיט „אידיש זשאַרגאָן" חנ'דלען מאַכען, וואָס שטערט דאָך ווי אַ גייסט זייער רוח און לאָזט זיי נישט אינגאַנצען מבטל זיין, הגם דער האַס און די גרינגשעצונג, אַפילו ביי די, וואָס מאַכען דערביי קאַריערע, ווי, למשל, ביי די ציוניסטישע רעדאַקטאָרען פון אידישע צייטונגען, איז קענטיג ביי יעדער געלעגענהייט, אַז די שטעלונג זייערע ווערט אונטערשטיצט דורכ'ן בעל־הבית, וואָס איז שטאַרק נבנע פאַר'ן „דאָקטאָר" הגם ביידע שטעהן זיי — און דאָס פאַרשטעהט ער נישט — אויף איין ניוואָ. וואָס מערקווירדיגער איז, וואָס די שטעלונג זייערע ווערט באַפעסטיגט דוקא דורך די „העברעער", וועלכע ווייזען זיך אַרוים אומעטום איין לייב און איין נשמה מיט זיי.

ווער זענען אָט די דאָזיגע לייט? דאָס איז יענע מאַסע פון פיזיאָגנאָמיע־לאָזע מיט'ן טיטול „דאָקטאָר" ביים זיך, אָדער אָהן אים, וואָס דער מערב האָט פאַר אונז פּראָדוצירט. זייער וויג איז

דער מערב, דעם טאטענס וויינגארטען, וואו ס'צוליוגט זיך ברייט — גאליציע און איצט עפענען זיך, ליידער, אונזער גאנצע וועלט פאר זיי.

ווער פון די אלע האט א דירעקטע שייכות צו דער אידישער ליטעראטור (פון צופעליגע יחידים איז קיין רייד ניטא), צו דער אידישער קונסט, צום אידישען גייסט איבערהויפט? פיהלט מען ביי זיי אפילו דעם וואונש, ווי עס איז דער פאל געווען בא דער אידיש־רוסישער אינטעליגענץ אין פעטערסבורג, צו אונז זיך צו דערנעהנטערען? האט ווער פון זיי דירעקט באריבערט אונזער לעבען מיט א נייעם געדאנק, מיט עפעס אנ'אויפטו? האט ווער פון זיי עפעס פאזיטיוועס אויפגעטון אויסער די פאגראם־פאליטיק־טועריי? א, יא! די פאראדיע, יענע פאראדיע וואס פארשטעלט און פארקריפט יעדען געדאנק, יעדע שטרעבונג וואס ווערט אין פאלק געבוירען, וואס פארוואנדעלט דעם אלטען בארג „מוריה" אין א פוילישען בערגעל און דעם תנ"ך־העלד „ירובעל" אין א סטודענט מיט א בלוי מיצעל א לא דייטש־נאציאנאל.

וואס פאר א גאט, למשל, איז דער גאט פון מאקס נארדוי, איז אומבאקאנט. אט קוסט ער, דער אלטער „פאראדאקס" מיט א פארטיידיגונגס רעדע פאר דער „אייראפעאישער וועלט" קעגען דער בלבול־מעשה, אז די אידען זענען באלשעוויקעס. ער ארגומענטירט זיין פארטיידיגונג מיט א ותראיה, אז די אידישע ספארטאקיסטען אין דייטשלאנד זענען קאנפעסיאנסלאז, ד. ה. אפגעזאגט פון יעדער באציהונג צו יעדער אמונה און באזונדערס צו דער אידישער. נישט חלילה, ווייל זיי חאבען איבערהויפט קיין באציהונג צום אידישען פאלק ניט. פרעגט זיך: וויפיל מאל תפילין א טאג לייגט דער ה' נארדוי? און איז זיין ווייב טאקע א כשר'ע אידישע צנועה? און זיינע חברים ציוניסטען? איז עס דאך נאר די רוטינע, און די פאראדיע, וואס לאזט זיי נישט ארויסזאגען אפען. עס אינטערעסירט אונז לחלוטין נישט די פריוואטע זייט פון וועמעס עס איז לעבען, אבער עס מוז דאך איינמאל אנטחילט ווערען, דער שלייער פון דער פאראדיע, וואס לאזט נישט זעהן אפילו אזא מענשען ווי נארדוי, וואס האט זיין גאנצען לעבען געקעמפט כלומר'שט געגען די „אנגענומענע ליגענס" פון איירעפא, דעם פשוט'ן אמת, אז יעדער איד חאט דאס רעכט צו זיין וואס ער וויל, ווי יעדער רוס, ווי יעדער דייטש און וואס פאר אנדערע איז קיין פלעק נישט איז אויך פאר אונז נישט, און דער אידישער, אמת אידישער באלשעוויק קאן דאך מיט'ן זעלבען ארגומענט און אפשר מיט מעהר רעכט אפזאגען דעם ה' נארדוי פון אידענטום.

די פאראדיע, די פארזעהעניש! זי איז עס, וואס לאזט אט די אלע לייט פון קליין ביז גרויס נישט זעהן דעם פשוט'ן אמת, אז א איד איז און קאן גערעכענט ווערען נאר דער, וואס לעבט אין זיין פאלק און פאר זיין פאלק, ליידט מיט אים, ליידט און לעבט זיין לעבען, ווירקט אויף אים, און ווערט געווירקט פון אים, אין זיין שפראך און אין זיין גייסט.

נארדוי, בראנדעס, הערמאן כהן, וואס האבען זיי געגעבען דער מאסע, דעם פאלק אין אלע זיינע שיכטען, אויסער יענעם, באקאנטען „נאציאנאלען שטאלץ" פון די פאראדיסטען, אז מיר האבען אויך אזוינע בארימטע מענער? ווער קאן מיר זאגען, וואס?"

אין עטליכע שארפע שטריכען שילדערט משה זילבורג — ניט מיט קיין זשורנאליסטישער פעהיגקייט נאר מיט קינסטלערישער אויפריכטיגקייט און דורכגעפיהלטען ליידען — די פאראדיע פון דעם אידישען לעבען — דאס בילד פון דעם אלוועלטליכען יהודי, וועלכער טאנצט דעם כלל־טוערישען דראטען־טאנץ צווישען זיי — די גוים און אונז — דעם אידישען פאלק, מיט א פרעמד־שפראכיגען סדור פון משה רבינו'ס גלויבען אין איין האנט און מיט א קריסטמעס־בוים אין דער צווייטער...

און ווי ערנסט און אויפריכטיג עס זאלען ניט זיין די אבזיכטען און צילען פון זייער כלל טוערשע דרויסען פאליטיק, און ווי גרויס און וויכטיג עס זאל ניט זיין דער נוצען וואס זיי ברענגען אין געוויסע מאמענטען צו פארלייכטערען — מאמענטאל בלויז — די צרות פון דעם אידישען גלות, איז אבער דער עצם און שלוס רעזולטאט פון זייער טעטיגקייט א

שעדליכע, א פארליקענדיגע און דורך און דורך א פארדעטערישע צום אידישען פאלק. ווייל אנשטאט צו פארטרעטען די גרויסע אידישע פאראנטווארטליכקייט פאר דער וועלט פארליקענען זיי עס. און אזוי ארום פארליקענען זיי דאס גאנצע אידישע פאלק.

ניט געלונגען און ניט באגרינדעט איז דער ארטיקעל פון ס. גראס: „פארטן פראבלעמען אין דער אידישער ליטעראטור", וואו עס פיהלט זיך דער סטודענטישער טאן פון דעם אלא קאראלניק מין.. עס חוכט מיט פרעמדקייט און א טאן, וואס זאגט: איך בין שוין געווען אויף דער וועלט, געזעהן ווי מען פיתרט זיך אין פרעמדע ליטעראטורען און דארום הערט זיך צו וואס איך האב אייך צו זאגען..

די טענה — אין גרונד א גערעכטע — אז „ווילד און נאריש אנגעבלאזען איז דער באטויבענדער רעש מיט וועלכען פילע סאדערנע לאזען זיך נתגלה ווערען און זיי ווערען טאקע באלד נתגלה „און סאבען שולע", און אז די הזיגע שטרעמונג פון געוויסע „יונגע" אין דער אידישער ליטעראטור (אויך אין דער אל־וועלטליכער ליטעראטור, פריינד גראס.) האט איר גאנצע אמביציע קאנצענטרירט דארויף צו פארווישען „די נאטירליכע גרעניצען צווישען קונסט און קוטצען" און צו האבען די מעגליכקייט — „צו זיין „דיכטער" אהן טאלענט." — אבער אט די טענה האט ס. גראס ניט צו אלע יונגע פון אלע ליטעראטורען וואו די נייע שטרעמונגען האבען זיך בנוויזען, נאר צו די אידישע. עכט פרעמד און סטודענטיש וויל גראס בעווייזען, אז יענע — מעגען, נאר מיר טארען ניט. יענע זענען רייך, יענע שטעהען שוין ביים סוף פון א ליטעראטור און מיר „זענען נאך ניט ארויס פון דער עפאכע פון דעם פאלקסליד"(!)

א סימן וויטמאן!

איז טאקע די אמעריקאנער פאעזיע אין וויטמאנ'ס צייט שוין געקומען צו א סוף פעריאדע? און האט ער דארום אנגעהויבען צו זוכען נייע שטרעמונגען?.. און איז דאס אמעריקאנער „ליטעראטור פובליקום" געווען גרייט זיך צו לאזען „באדיענען" פון וויטמאנ'ס נייע פארמען? און זוכען די אייראפעאישע יונגע, נייע שטרעמונגען צוליב דעם, אום צו קענען „באדיענען" מיט עפעס נייעס זייער „אויף גייסטיגען לוקסוס דערצויגענעם ליטעראטור פובליקום?" וואקסען טאקע באמת צוליב דעם ארויס נייע עפאכען און נייע שטרעמונגען אין די פארשידענע ליטעראטורען?

נאר דער תירוץ איז: וואלט ס. גראס ניט געדענקט, ווי יעדער פרעמדער סטודענט, אז דא רעדט ער צו אן ארים ריקשטענדיגען „זשארגאן"־לעזער וועמענס ליטעראטור עס איז נאך ניט נאר ניט ארויסגעוואקסען פון דער פאלקסליד־פעריאדע נאר נאך אפילו ניט אריינגעוואקסען אין דער פאלקסליד פעריאדע. וואלט ער ניט געפרואווט אנווארפען אויף אונז אזא מורא און איבערטריבענעם רעספעקט פאר אלעם וואס איז פרעמד און וועלטליך... וואלט ער פארשטאנען, אז דאס וואס איז נאטירליך און מעגליך אין יעדער ליטעראטור איז אויך נאטירליך און מעגליך אין דער אידישער ליטעראטור און אז נייע קינסטלערישע פארמען און נייע שטרעמונגען ווערען באמת געשאפען פון קינסטלער, וואס פיהלען אן אויפריכטיגען קינסטלערישען דראנג פאר נייעס, און אז די אימיטירער און טאלענטלאזיגקייטען ווערען מערסטענס ארויסגערופען דוקא אין אזעלכע פעריאדען פון נייע שטרעמונגען און נייע קינסטלערישע פארמען.

אין דער בעלעטריסטיק און אין די לידער פון ביידע העפטען איז צו מערקען אן ערנסטע און אויפריכטיגע קינסטלערישע פאראנטווארטליכקייט.

עס איז בכלל צו מערקען, אז די אמעריקאנער יונגע אידישע ליטעראטור האט געהאט א גוטע ווירקונג אויף די עסטרייכער און רוסישע יונגע. כמעט דער אייגענער פארנעם, דער אייגענער ערנסט און דערפאר שטרעקען זיך ביי זיי אזוי גערן די הענט צו אלע יונגע אידישע שאפענדע כחות און באזונדערס צו דער אידישער יוגענד אין אמעריקא. עס איז אט דער בשותפות'דיגער געפיהל, אט דער בשותפות'דיגער גלויבען אין דער גרויסער אידישער אחריות.

ל. מילער.

וועגען בער הארעוויצ'ס לידער „פון מיין היים אין די בערג". ארויסגעגעבען פונ'ם פארלאג „דער יונגער דור", וויען, 1919.

...און ארום מיר די וואונדער־וועלט,
און איבער מיר די פלאמען זון...

ניט די „פאעטישע" זון, צו וועלבער מען קאן נאך ביז היינטיגען טאג קיין רעכטען גראם ניט געפינען, נאר די אמת'ע, ווארימע פעלד־און־וואלד־זון. די זון וואס זאפטיגט די זאנגען, וואס שפיגעלט זיך אינ'ם גלאנץ פון דער קאסע, וואס געהט אויף אינ'ם אמת'ן מזרח און פארגעהט אינ'ם אמת'ן מערב.

וואו האב איך עס געזעהן אזא זון? אזא היימישע, גוטע, אזא אייגענע זון? א ווייטע עראינערונג. און איצט וואס איז זי מיר? גאר נישט. זאל איך ווערען מיט אמאל סענטימענטאל און אנהויבען בענקען נאך איר? — אז זי איז א ווייטע, א פרעמדע, א קאלטע, אנ'אויסגעטראכטע, קען מען זאגען. פארלארען יעדע שייכות צו איר.

הייסע אנגעברענטע גאסען נויארקער. אנגעפאקטער שטעל־צוג. אין געדרענג פון אנגעהארעוועטע אהיים פארער קוק איך אריין אין די זון און היימלידער פון הארעוויץ. איך פארגיב אים ניט. ניטא אזא זון, אזא היים אויף דער וועלט. געשטארבען, פארגאנגען. אינ'ם שאטען פון מויערען און אין אונזער אייגענער פינסטערניש איינגעשלונגען געווארען. אריבער די דעכער פון מויערען אויב איך זעה עפעס — זעה איך אלץ אין דער וועלט, אבער ניט קיין ווארימע היימישע זון...

אבער דער, וואס שטעהט אהינטער מיר, — דער שטענדיגער, וואס שטעהט אהינטער מיר — ווייס, אז, דאס וואס איך האב געזאגט: „איך פארגיב אים ניט" איז נאר א ווארט געווען, אנ'אנשטעל, א גרויסשטאטיגער, א מאדערניסטישער. ווארום אט גיב איך א קער א צווייטען בלעטעל, און פאר מיינע אויגען דעקט זיך אויף א ווייסער, ווייסער ברייטער שליאך, —

דער ווייסער שליאך
דער ברייטער שליאך
ליגט ברייט נאך פאר מיר אפען...

און ניט נאר איך פארגיב אים, נאר איך הייב אים אן מקנא זיין. און אפשר גאר שעמען זיך פאר אים, און ניט אזוי פאר אים, ווי פאר'ן ווייסען ברייטען שליאך...

מיר האבען געזינדיגט און פארשעמט דעם ווייסען ברייטען שליאך, אפגעטאן אונזערע אויגען פון דער ווארימער אייגענער זון, פארלארען דעם צובונד צו דער וועלט, צו דער וועלט פון אמת'ן מזרח און אמת'ן מערב, און פון אונטער'ן בארג פון אונזערע שעהנע, ראפינירטע, אויסגעצערטעלטע לידער ווייגט ארוים דער ווייסער ברייטער שליאך...

בין איך מוחל דערפאר דעם ליבען הארעוויצ'ען זיין שלעכטען לשון, זיינע אומבאהאלפענע פאעטישע מיטלען, זיינע פאלשע אוננויטיגע העבראאיזמען, ווי: „מערב תפלות", „משוררים", „נר", „טליתים", „כל נדרי'ס", „ונתנה תקף'ס", „טל'ס" און די אלע פרומע „אידישיסטישע" שמן זית פארגלייכונגען, נאכשלעפענישען, פון וועלכע מיר האבען געדענקט, אז מיר זענען שוין אויסגעלייזט געווארען.

ווארום וואס טויגען טענות און חסרונות זוכונגען, ווען א מענש געהט אונטער אן אפענער וועלט, און צו זיינע פיס שפרייטען זיך די וועלדער גרין, און איבער זיין קאפ די הימעל בלאה, און אין זיין הארץ זינגט דער ענציקענדער, טאנצענדיגער היימגעפיהל, און אלע פארוואגעלטע וועגען זענען אים נאהנט, — די וועגען פון מענשען און פון הירשען, די וועגען פון ראבען און פון האזען.

אלע, אלע וועגען זענען אים נאהנט, ווייל ער איז אליין דער ווייסער, ברייטער שליאך...

און אט דער פאעט, וואס איז זיך, אזוי פארטראכט און איבערליך־גאנץ, געגאנגען איבער'ן ברייטען שליאך, זיך צוגעהערט ווי אין דער ווייטקייט ערגעץ שטארבט דער גלאקענקלאנג פון א קלויסטער, געשאקעלט מיט'ן קאפ צו אלע לעבעדיגע באשעפענישען, באגעגענט א קוואל און אנגעטרונקען זיך פון אים.

צוגעפאַלען צו אַ שטיין און גערוהט, גערוהט און פאַרנומען ווי טיף אין זיין האַרץ זינגט די פרייד וואָס ער לעבט אויף דער וועלט ; אַט דער פּאָעט, וואָס האָט אַזוי ליב זיין מאַמען, דעם בושיק, די לוקווער אידען, נעמט מיט אַמאָל און טוט אָן אַ זעלנער־ראַנעץ אויף זיך, אַ ביקס און ווערט אין דער מלחמה אַוועקגעשלעפּט. ווידער אַ שליאַך, אָבער שוין גאָר אַנ׳אַנדערער, ניט קיין ברייטער און ווייסער, ניט קיין אייגענער, נאָר אַ פרעמדער, אַ פאַרשטויבטער, אַ צוטראָמפּעלטער, אַ באַליידיגטער ; ניט קיין בושיק טראָגט פייער, נאָר קוילען, ניט קיין שניטער־געזאַנגען, נאָר זעלנער־שאַלונגען : „פּוילען איז ניט פאַרפאַלען". „אוקראַאינע באַפרייען"... פול איז דער שליאַך — האַראַוויצ׳עס שליאַך — מיט באַוואָפענטע האָרדען. רייהען נאָך רייהען. און גאָר צום לעצט, אין רויך און שטויב, אַ פאַרגעסענער, אַ פאַרשטויסענער, קוים דעם לעצטען אָטעם אָפּבאַפּענדיג, יאָגט דער פונ׳ם צלם אַראָפּגעריסענער ישו, ד ע ר א י ד י ש ע ר מ ע נ ש, ו ו אָ ס א י ז ג ע ו ו אָ ר ע ן אַ ג ו י ׳ ש ע ר ג אָ ט... קיינער פון די האָרדען באַמערקט אים ניט. ווער דאַרף אים יעצט, און ווער האָט אים ווען עס איז באַדאַרפט, אים — דעם לעכערליכסטען גאָט פון דער וועלט? אָבער ער יאָגט דער געצלם׳טער גאָט, ער פאַלט און הויבט זיך ווידער אויף און יאָגט, ווייל ער ווייס, אַז צווישען די באַוואָפענטע האָרדען איז דאָ איינער, אַ יונגער אידישער פּאָעט, וואָס זעהט אים, פאַרשטעהט אים... עס דאַרף טרעפען אַ מאָמענט, און דער אידישער פּאָעט זאָל זיך אַרויסשטיילען פון די האָרדען, זאָל אָפּשטעהן און בלייבען דער לעצטער, אַ מידער, אַ פאַרגעסענער, און צוזאַמען מיט׳ן לעכערליכען גאָט נאָכיאָגען די טריט פון די האָרדען. די אונטערשטע ליפּ הענגט אַרונטער, די קנעכלעך ברעכען זיך צום פאַלען, און די אָפענע ברוסט ווערט נאַקעטער און נאַקעטער. דאָס וואָלט געווען אַ טרייסט און אַ פאַרגעבונג פאַר דעם מענשליכסטען מענש, וואָס איז געוואָרען א גוי׳אישער גאָט... אָבער דער מאָמענט קומט נישט. ער דאַרף נאָך אפשר ניט קומען, און אפשר וועט ער קיינמאָל ניט קומען... דאָס איז די שטראָף, די איוביגע שטראָף פאַר א י ם. די גערעכטע... ער זאָל אַלעמאָל, איינער אליין, פון קיינעם געשטיצט און פון קיינעם געטרייסט, נאָכיאָגען אין רויך און אין שטויב נאָך די טריט פון פרעמדע, פאַרלאָזענע, פאַרשייטע, בלוט־פאַרטרונקענע, צו אים מיט׳ן רוקען אומגעקערטע גוי׳אישע האָרדען... ניט זיינע, אָבער דאָך ז י י נ ע האָרדען... זיינע חילות.

און אויך דער פּאָעט מיט׳ן רוקען צו א י ם... אויסגעמישט אין די רייהען שפּאַנט ער פאַראויס און קוקט ניט אויף הינטער. ער קוקט ניט, אָבער ער זעהט אים ; און איך ווייס ניט, וועמעס שאַנד איז רויטער און וועמענס וואונדען זענען אָפענער, און וועמענס קני ברעכען זיך מערער, צי ז י י נ ע דעם געצלם׳טענס, צי דעם פּאָעט׳ס, וואָס שפּאַנט פאַראויס און זעהט, ניט קוקענדיג אויף הינטער, ווי עס לויפט נאָך, ווי אַ לעצטער פון די לעצטע, דער אידישער מענש, וואָס איז געוואָרען א גוי׳אישער גאָט...

האַראַוויץ איז געגאַנגען אין דער מלחמה און האָט געזעהן דאָס וואָס אַ פּאָעט דאַרף דערזעהן : דאָס איינפאַכסטע. און דערפאַר איז די אַטמאָספערע אַרום די מלחמה לידער כמעט דיזעלביגע וואָס אַרום די היימלידער. דיזעלבע שטילקייט, נאָר אַ פאַרטיפטע, דיזעלבע היימישקייט און דיזעלבע אונמיטעלבאַרקייט. ווייל האַראַוויץ איז אַוועק אין דער מלחמה ניט אַליין, נאָר אויך דער בושיק איז מיט אים צוזאַמען אוועק אין דער מלחמה, אויך דער ווייסער שליאַך איז מיט אים אַוועק, און מער פון אַלעמען זעהט ער זיין מאַמען אין דער מלחמה, און ניט נאָר זי אליין, נאָר אפילו דער מאַמע׳ס נאָדעל איז אַוועק אין דער מלחמה...

די מאַמע איז טאַקע געבליבען זיצען אין דער היים, און אויף די שלאַכט־פעלדער שלאָגען זיך די מענער, אָבער וואָס זענען אַלע שלאַכטען, אַלע מרידות, אַלע מלוכות וואָס פאַלען, ווען אין דער א מ ת ׳ ע ר מלחמה איז געגאַנגען גאָר די מאַמע, די מאַמע מיט איר נאָדעל...

פאַלען מלוכות,
עס שטאַרבען פעלקער,
געשיקען פון קינהער
טויכען אין בלוט —

די הייליגע הענט פון מיין מאַמען
לאַטען מיין העמד...

פאַרנעמט איר די לעצטע שורות?

ד י ה י י ל י ג ע ה ע נ ט פ ו ן
מ י י ן מ אַ מ ע ן ל אַ ט ע ן מ י י ן
ה ע מ ד...

און אזוי אין יעדען מלחמה ליד בליי־צען אויף שורות נאָך שורות. בליצען אויף מיט זייער איינפאַכקייט, לופטיג־קייט, טיפער מענשליכער טראַגישקייט.

האָלץ צו האַקען, קנעטען ליים,
אויף אַש צו שלאָפען, —
אבי האהיים...

און ווייטער:

אין א שטערען נאַכט,
אין דער הייליגער שעה,
ווען פון הימעל פאַלט
דער שמעקעדיגער טוי, —
זענען וואַרים־האַרציגע מלאכים פון
מענשען
געפלויגען איבער די פעלדער
און געבעטען ביי מיליאַרדען
גראָזען:
— „זייט מתפלל פאַר די מענשען
זייט מתפלל פאַר די מענשען...“
— „אונז איז אלץ איינס“,
האָבען גערוישט די גראָזען —
„אונז איז אלץ איינס.
צי טרעט אונז דעם זעלנערס
שטיוועל,
צי פרעסט אונז דעם מענשענס
אָקס“...

ווי טיף אמת'דיג, ווי שעהן.

אויפ'ן וועג צום עגזערציערפלאַץ געהען דרייהונדערט מאַן. איין רייה. איין גליד. איין שריט. איין טריט.

אין דער מאָרגענזון גלאַנצען
געפוצטע געווערען,
עס סקריפּעט דער שניי...
קאָמאַנדע: „זינגען!“
און דרייהונדערט העלזער, ווי איין
האַלז,
זינגען:

„טרויעריג איז מיר, טרויעריג
אָוועגדם גלייך ווי מאָרגען, העי!
ס'יונגע האַרץ מוינס נאָגען וועה־
טאָגען און זאָרגען, העי!
„נחת מוינער, נחת, זאָג, וואו ביסטו
ווידער? — העי!
אויף א שוואַרצער ווערבע זעצט ער
זיך אַנידער... העי!
„איבער פעלדער, וועלדער ווילדע
ווינטען וועהען, — העי!
אויף מיין האַרץ דעם יונגען טוען
זיי אומעט זייען... העי!
„מאַמע מיינע, מוטער, שאַד די רויז
וואָס וויאַנעט, — העי!
נאָך מער שאָד דעם זון, וואָס פוילט
אויף פרעמדע לאַנעס... העי!“

— — — — — — — — —

דאָס געזאַנג ווערט איבערגעריסען, קייקעלט זיך אַוועק און שטאַרבט ערגעץ, אָבער איין וואָרט בלייבט איבער, שיידט זיך נישט אָפּ פון די מאַרשירענדע, שפּרייט זיך איבער אַלעמענס קעפּ, נעמט זיי אַרום און טוליעט זיי צו זיך, בענשט זיי און טרייסט זיי, וויינט שטילערהייט און זיך און שמייכעלט אַ שטילען ציטעריגען שמייכעל — די מאַמע.

און אַלע הייבען אָן דערזעהן און רוהיג ווערען. מען ליגט מיט האַלב צוגע־מאַכטע אויגען און מען קוקט. עס ווערט גוט און זיכער אויפ'ן האַרצען. אויב אַלע האָבען פאַרגעסען אָן זיי, אָבער ז י האָט נ י ט פאַרגעסען. זי וואַקסט אַרויס פון צווישען דער פינסטערניש, שפּרייט אויס אירע הענט איבער אַלעמען און זאָגט דאָס איינפאַכסטע מוטער־וואָרט: קינדער מיי־נע...

הייבט אויף די אויגען דער פּאָעט און נעמט זיך פאַר עפּעס פאַרענטפערען. קיינער האָט נישט באַמערקט, אָבער ער, דאָס געטרייע קינד, דער פאַרליבטער אין דער מאַמען, האָט יע באַמערקט ווי —

אויף דיין טייערען קאָפּ
זילבערט זיך נאָך איין האָר...

איך וואָלט געקענט, ווען מיין עובדא וואָלט געווען צו קריטיקירען — אָפּ־שטעלען זיך אויך אויף די חסרונות פון האַראָוויץ'ס לידער. נישט נאָר אויף די שפּראַך־געשמאַקלאָזיגקייטען, נאָר אויך אויף דעם געבוי גופא פון די לידער, אויף די שלעכטע פאַרענדיגונגען און אומזיסטע אויסטייטשונגען. איך טו עס אָבער נישט. איך בין זיכער, אַז ער וועט זיי אַליין גובר זיין. אויב ער זעהט עס נישט

איצט, וועט ער עס דערזעהן שפעטער. ער וועט מוזען דערזעהן. די צייטען פון לויבטער באציהונג צו אידיש זענען שוין לאנג פארגאנגען, און יעדער שריפטשטעלער באקומט זיין פארדינטע שטראף פון זיך אליין...

ה. ליוויק.

א נייע אידישע גראמאטיק.

ם. בירנבוים און ד. קאסעל: פראקטישע אידישע גראמאטיק (עלעמענטאר קורס), ארטאגראפיע, עטימאלאגיע, און סינטאקסיס. אין 2 טיילען. ערשטער טייל (2־טע אויסגעבעסערטע אויפלאגע), 1919. צווייטער טייל, 1917. ווארשא, פארלאג גיטלין.

לאנגזאם, אבער זיכער, ווערט פארפילט דער גרויסער חלל אין דער אידישער שול־ליטעראטור. ס'קומען כסדר צו נייע אידישע טעקסט־ביכער, קינדער־מעשות, און יענער וויסענשאפטליכער טייל פון דער ליטעראטור — גראמאטיקעס. ביז מיט א קורצער צייט צוריק האבען מיר אין דער אידישער שפראך בלויז געהאט אן איינציגע אידישע גראמאטיק: ז. רייזינ'ס עטימאלאגיע און ווייגער'ס סינטאקסיס. די אורזאך פון אזא ארימקייט איז א גאנץ פשוט'ע: ס'זיינען איבער דער גאנצער וועלט געווען ווייניג שולען מיט אידיש אלס לימוד־שפראך, און דער לימוד פון דער שפראך איז ניט געווען קיין אייגענשטעלטער. אבער אזוי שנעל ווי ס'האבען זיך אנגעפאנגען עפענען א גרעסערע צאל אידישע שולען, סיי אין רוסלאנד־פוילען, ואן סיי דא ביי אונז אין אמעריקע, האבען זיך אויך אנגעהויבען צו פארמען טעקסט־ביכער אויף אידיש.

פון די מאגערע ידיעות, וואס מיר באקומען פון יענער זייט ים, ווייסען מיר, אז דארטען זיינען ערשינען א סך אידישע טעקסט־ביכער, און עטליכע גראמאטיקעס, צווישען זיי די אידישע גראמאטיק פון בירנבוים און קאסעל. און ווען מיר זאלען נעמען די לעצטע גראמאטיק אלס ביישפיל פון דער פארשונגס ארבייט, וואס ווערט איצטער אנגעפירט אין פוילען, וואלטען מיר געמוזט מודה זיין, אז אונזערע קולטור־שאפער אין פוילען זיינען ארונטער פון זייער הויך אויף וועלכער זיי זענען געשטאנען מיט עטליכע יאר צוריק.

די דאזיגע גראמאטיק איז „ערשטענס, ניט אוועק א טריט ווייטער פון די שפראך ידיעות, וואס מיר געפינען ביי רייזינ'ען און ביי ווייגער'ן. אין געוויסע פרטים האבען זיי נאך געמאכט עטליכע שפאן צוריק. און פון א ניי טעקסט־ביכעל פאדערען מיר תמיד עפעס וואס ס'איז נאך פריהער ניט געווען. ליידער געפינען מיר דאס ניט אין דער גראמאטיק פון די דערמאנטע מחברים, הגם זיי האבען א סך טענות צו די, וואס פארהאלטען די גאולה פון דער איינהייטליכער אידישער ארטאגראפיע. און אז מיר רעדען שוין וועגען ארטאגראפיע, איז אינטערעסאנט אנצומערקען, אז פון איין זייט זיינען זיי אנהענגער פון דער רעוואלוציע און שרייבען: פארען, ליב — אהן שטומען ה' און ע'; און פון דער צווייטער זייט אזעלכע קאנסערוואטארען, וואס שרייבען: פערבייטען, זוהן, מעהרצאל א. אז. וו.

אויף ווי ווייט די מחברים האבען זיך ניט צוגעהערט צו דער לעבעדיגער שפראך, און האבען זיך אוועקגעלאזט אויפ'ן געפערליכען וועג פון רעדוצירען אלצדינג צו א גראמאטישען כלל, וועלען באווייזען די פאלגענדיגע ציטאטען, וואס איך נעם ארויס פון זייערע ביישפילען וועגען דער ביגונג (ניט בויגונג) פון הויפטווערטער:

נאמ. דאס רעכט	א נאזם
גענ. דעם רעכטס	א נאז
דאט. דעם רעכט	א נאז
אקוז. דאס רעכט	א נאז

ביגענדיג דאס ווארט „רעכט“ אין געניטיווען פאל, האבען די מחברים געדארפט צושטעלען וואס געהערט „דעם רעכט?“ מיר קענען זיך קוים פארשטעלען אזא באגריף, אז רעכט זאל עפעס באנוצען. און ווידער א „נאזם“ — וואס מיינט דאס אין אידיש? ווייסען ניט די מחברים, אז ביי ניט לעבעדיגע הויפטווערטער שטעלט מען אין געניטיווען פאל צו „פון“ (פון דער נאז)

און ניט דעם סימן ׳ס? קיין טעות איז דאס דאך ניט, ווייל מיר געפינען די דאזיגע גראמאטישע לעבערליבקייט איבער׳ן גאנצען ביבעל: א נאכט, א נאכטס; א האק, א האקס; א שטאט, א שטאטס; א. אז. וו.

אויב דאס פארדריסט אייך, זוכט ווייטער און איר וועט לאכען. ניט ווייסענדיג פון דעם דאזיגען כלל אין אידיש, האבען זיי געשריבען: א וואנט, א וואנטס(!); א ווארט, א ווארטס; א בלוט, א בלוטס; און נאך אזעלכע פערל, ווי: א כונה׳ס, א מתנה׳ס, א. אז. וו.

י. שטיינבוים.

מ. אשעראוויטש, ”אומרוהיגע נשמות”, פארלאג „ליטעראטור”. פרייז $150.

א בוך וואס איך וואלט ניט ארויסגעגעבען ווען איך בין א שרייבער מיט א שטיקעלע נאמען. זעכצען אונגעלונגענע פסיכאלאגישע סקיצען וואס מאכען אן איינדרוק פון א י י ן דורכפאל. ער איז עהרליך, אשעראוויטש, און זוכט נישט קיין פאלשע עפעקטען, אבער דאס וואס בלייבט איז גראה און איינדרוקסלאז. ווען ניט א הארציגער טאן דא און דארט, וואלט מען געקענט דענקען, אז דער בוך איז ניט מער ווי א מצבה אויף אשעראוויטש׳עס ליטעראַרישער קאריערע.

ב. באטוויניק, ערצעלונגען און בילדער, ניו יארק.

א בוך פון א פעהיגען פעליעטאניסט וואס האט קענטיג די אמביציע צו זיין א בעלעטריסט, און וואס פארשטעהט ניט, אז דאס איז ניט ז י י ן פאך. באטוויניק האט א פיינע אויג און היבש הומאר, אבער קיין פארשטעלונגס-קראפט, און א בעלעטריסט אהן פארשטעלונגס-קראפט וועט אין טעמפעל קיינמאל נישט אריין. ווען באטוויניק וועט עלטער ווערען, וועט ער אמאל פארשטעהן, אז סטימולירען קונסט איז האפנונגסלאז און — נישט פראקטיש.

ז. לעווין — קאפלאוויץ און אנדערע ערצעהלונגען. זיי זענען מאן און ווייב און אנדערע ערצעהלונגען. פארלאג „ליטעראטור”.

אכט און פופציג סקיצען פון וועלכע די גרעסערע לייקענען אב די קלענערע. די קלענערע איבערצייגען אז לעווין האט פיינע טעמעס און א געפיהל פאר האנדלונג און סיטואציע. און די גרעסערע איבערצייגען, אז ער האט נישט קיין שולע און קיין געפיהל פון זעלבסט-קריטיק. די מייסטע קלענערע סקיצען זענען פול מיט לעבען און אונערווארטעטע בליצען פון א געניאלען מיניאטור-קינסטלער. די מייסטע לענגערע סקיצען זענען לאנגווייליג און ניט אינטערעסאנט. זאל ער זיין מעהר פארזיכטיג אין דער צוקונפט און זאל ער לאזען אנדערע מיט מעהר געשמאק מאכען דעם אויסוואל פאר זיינע ביכער.

יצחק בלום. — אין דער שטיל. יצק בלום. — פון ברעג צו ברעג. פארלאג „פאעזי און פראזע,” ניו יארק.

צוויי ביכער וואס זענען ערשינען צוואנציג יאר צו־שפעט. מיטעלמעסיג־גלייכגילטיגע ערצעהלונגען און לידער, וואס ווייזען, אז דאס שטיקעלע פאעטיש געפיהל וואס בלום פארמאגט האט ער ניט געפרואווט פארטיפען אדער סטיליזירען.

צוויי בענד אנגעהאנגען אן א דין צווייגעלע פון פלאכען ליריזם.

א. קריזאווסקי. „מיינע הארציגע געזאנגען”.

אנ׳אמת׳ער פאעט, אהן טעכניק, אהן בילדונג און — אהן פריינט. א בוך לידער וואס קיינער האט ניט געלעזען און איבער וועלכען קיינער האט ניט געשריבען, ווייל אונזערע לעזער פון פאעזי זענען פארדארבען און אונזערע קריטיקער פויל. א בארג מיט בריליאנטען באהאלטען הינטער א קופע ווערטלאזע גראמען, אבער די בריליאנטען זענען עכט.

איינס פון די לידער איז:

„א דאנק דיר גאט,
פאר דיין גענאד,
וואס דו׳סט געמאכט
דעם טאג און נאכט,
וואס דו האסט שעהן
געמאכט די ערד,
מיט אירע שעהנסטע
רונדגלידערדיגע
מינים צוויי:
פרויען רייצענדע
און פערד.”

אב. ליוויי

דערקלערונגען:

צוליב די איצטיגע אומשטענדען פון דרוק און פאפיר און אויך דערפאר, וואָס מיר האָבען פארשפעטיגט מיט אונזער הערבסט בוך „שריפטען" רופען מיר דאָס איצטיגע בוך — „ווינטער־פריליגג". מיר גיבען דאָס אָבער ניט אַן אַלס אַ טאָפעל־נומער, ד. ה. אונזערע סובסקרייבער וועלען אויך באַקומען דאָס קומענדיגע פערטע בוך.

פרץ הירשבייג'ס דראמע „אין שאָטען פון דורות" איז פון אונז פאַרהאַלטען געוואָרען פאַר דעם פערטען „זומער־הערבסט" בוך, וואָרים מיר קלויבען זיך צו ווידמענען דאָס קומענדיגע בוך דערהויפט צו דראמען.

איבער דער אייגענער סיבה איז אויך אויסענגעבליבען ראבינדראנאט טאַגאָר'ס „טשיטרא".

פון דער „שריפטען ביבליאָטעק" זענען ביז איצט ערשינען: ש. צ. זעצער'ס *רב ישראל בעל שם טוב* (זיין לעבען, לערע און ווירקען) אין צוויי בענד; א. מ. דילאָנ'ס *געלע בלעטער*; ל. מילער'ס *אויף גאָט'ס וועלט*; יעקב מילד'ס *אידישע פראָבלעמען* (צוויי בענד) *פון וואנען שטאַמט רעליגיע* און אַנדערע עסעיען; דוד איגנאַטאָוו'ס *אין קעסעל גרוב* (ראָמאַן) (נייע אויפלאַגע), *צווישען צווייגען* (נייע אויפלאַגע), *דאָס פארבאָרגענע ליכט* (נייע אויפלאגע) און אַ נייער פערטער באַנד: *וואונדער מעשות פון אַלטען פראג*.

עס זענען לעצטענס אָנגעקומען פון רוסלאַנד און פוילען אַ סך ביכער און אויך אַ פאָר פעריאָדישע אויסגאבען. זיי וועלען פון אונז נאָטירט ווערען אין דעם קומענדיגען זומער־הערבסט בוך „שריפטען".

אינהאַלט פון די פריהערדיגע צוויי ביכער „שריפטען":

בילדער: א. וואָלקאָוויץ, באָריס אַניספעלד, י. טאָפעל, וואָלט וויטמאַנ'ס פאָרטרעט.

לידער: ל. מילער, אַל. גוריה, ה. לייוויק, ב. לאַפין.

איינציגע לידער: מאַני לייב, א. מ. דילאָן, נפתלי גראָס, אידא גלאַזער, נחום י., א. בערגער.

דערצעהלונגען: דוד איגנאַטאָוו, ל. שאפירא, ה. געלבוים.

אַרטיקלען: ה. לייוויק, יעקב מילד, י. טאָפעל, דר. גרינפעלד.

איבערזעצונגען: פון וואָלט וויטמאַנ'ס *גראָזבלעטער* (אידיש ל. מילער). דזשעליאַליעדין רומי'ס *ראָבאַיאַט* (אידיש מאַני לייב). לאָרד דאָנסאָני'ס *דער פינקעלדיגער טויער* (אידיש ד. א.)

נאָטיצען: ל. באָראָדולין, דר. יעקב גרינפעלד, י. שטיינבוים.

אינהאַלט פון צווייטען בוך:

לידער: אַל. גוריה, י. טאָפעל, מאַקס וועבער, זישא לאנדוי, נחום י., י. סלאָנים, ג. גראַפשטיין, ב. ביאַלאָסטאָצקי.

אַרטיקלען: ב. ריווקין, פנחס יאַסינאָווסקי, י. טאָפעל, וו. נאַטאַנזאָן, דר. ח. זשיטלאָווסקי, ש. ניגער.

פאָעמען: נפתלי גראָס, ר. אייזלאנד, מאַני לייב, ב. קאַפמאַן.

בילדער: ב. קאַפמאַן, ב. אַניספעלד, א. וואָלקאָוויץ, י. טאָפעל.

דערצעהלונגען: ב. גלאַזמאַן, א. ראַבאָי.

איינציגע לידער: ראשעל, וועפרינסקי, ציליע דראַפקין, אידאַ גלאַזער, אסתר פעווזנער, בערטאַ קלינג.

יעקב דינעזאָהנ'ס פאָרטרעט, פאַקסימיליע און בריוו.

נאָטיצען: ל. באָראָדולין, זישא לאנדוי, ר. אייזלאַנד, ב. ריווקין, י. שטיינבוים.

אַדרעס פון רעדאַקציע און פאַרלאַג:

Farlag America, 215 East Broad way, New York, N. Y.